STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10688

NIT GEDAYGET

Peretz Markish

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. מאַרקיש

ניט געדײַגעט

(פּאָעמע)

387

צענטרפאַרלאַג
אַלוקראַיִנישע אָפּטיילונג
כאַרקאָוו — 1931 — קיִעוו

די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכע־
נונג פון דעם בוך און די שיפערן
פאַר ביבליאָטעק-קאַטאַלאָגן זײַנען
אָפּגעדרוקט אין „צײַטשריפט פון
דרוק“ און אין דעם „קאַרטן-רע-
פּערטואַר“ פון דער אוקראַיִנישער
ביכער-פּאַלאַטע

5-טע דרוק, פון „מעלוכע־פאַרלאַג“
קיִעוו. וואָראָווסקיס גאַס, 42.
באַשט. 18. — 3000, 9 דרוק־בויגן
שטאַטליט 2394

1

פאר די פינפ־און־צוואנציקערס,
סאמאראָדנע דרייַערס.
האָט מענ עס א טאנצ געטאָנ,
— ערדעניו געטרייַע!

עפּעס ניט דעראשט איז נאָכ
אפ דער ערד דער רונדער:
— נאָכ מיט א הוליאשטשינע!
— נאָכ מיט א בייז־וווּנדער!

ס'טאנצט זיכ ווי פונ אָלעמ־ווייַנ
איבער מארקנ הוילע:
— יאָרנ ארומ כאָלעוועס,
— בלוט אונטער די זוילנ!

ביזנ טויט! פאראנענ! נאָכ!
פיס! איליוכנ־איילעכס!
— שפּילט־זשע א סטראדאניִע!
— שפּילט־זשע נאָכ א פריילעכס!

אפ א ריפּ א ריפּ האָט שוינ
אויסגעשלאָגנ פייַער;
— אויגנ אפ די פריפּעטשעקס,
אונ אינ הארצנ — דרייַערס!

איז דעם לעצטן אָל איצטער
מיט די פיס צעדאָמענ:
— אויסשרייַען די פּאָלעצעס
פונ זייַנ ליבנ נאָמענ!

קלייט צו קלייטל טרעפנ ניט,
דעכעלע צו דאַך ניט:
— מ'עט אייַך מער ניט עפענען,
מער אייַך ניט פארמאכנ!

אופגעריסנ בלוט האָט זיך —
טאנצנדיקע ווידע —
ס'איז די רעוואָליוציִע
געגאנ איבער יארידנ!

אוי, יארידנ אָפּגעראשט,
אָפּגעראשט אונ — וויי איז!
קופּערדיקע קאָפּקעלעך
אפ העלדזער פאר קאמייעס!

אונ אינ נאכט צעוויקלטער,
איבער מארק פארהילטנ, —
הענגט א ליידיק וויגעלע,
אונ א ווינט דאָרט וויגט עס...

בילנ בלינדע בוידעמער,
בוידעמער זיך קריגנ:
— אז צו וואָס צעהוידענ עס?
— אז צו וואָס עס וויגנ?..

בלוט אפ לייַב געשפּורעוועט,
אונ דאָס בלוט ווי האָניק, —
ס'איז אדורך א שטורעמווינט
מיט צעפלאמטע פּאָנענ!

שטיבֿלעכ אופגעטרייבֿערטע,
אופגעדעקטע טרונעס,
האָט ער א געשריי געטאָנ,
האָט ער זיכ צעדונערט.

האָט ער אזא בראָכ געטאָנ
זוניקער אונ הייסער:
— לײַבֿער ניט־דערשאָכטענע,
— לײַבֿער פונ טאַלייסימ!

ווער איז נאָכ געמעסערט דאָ?
ווער איז נאָכ געצאמט דאָ?
— הייבֿט זיכ אופ, פארזעסענע,
— הייבֿט זיכ אופ, פארזאמטע!

גיבֿ א קוק אונ זע זיי נאָר,
גיבֿ א קוק אפ זיי נאָר:
— ווײַסער פײַנ בֿערעזענער,
פונ טאטעס אונ פונ זיידעס!

פאר די פינפ־אונ־צוואנציקערס,
סאמאָראָדנע צענערס —
האָט מענ עס א טאנצ געטאָנ:
— ווער וועט אונדז דערקענענ?

שמאטעס — געשמאטיארעוועט,
וואנדערנ — געוואנדערט,
אונ געווארט פונ כמארעלעכ
ראָזשינקעס מיט מאנדלענ...

... ווי צו אײַכ אונ בֿלוט צו אײַכ,
גוירל בֿליציק־כמאריקער; —
ס'איז די רעוואָליוציִע
געגאנגענ איבֿער מארקנ...

מיט טאַצן און מיט מילשטיינער,
מיט שווערדן און מיט אַקער;
— קלייטעלעך געקרישלטע,
— יאָרהונדערטן געוואַקלט!

אופגעהויבן קלאָציקע
יאָרהונדערטן פון יאַטקעס,
און געשליידערט האָט זי זיי
— קרעציק און צעיאַטערט.

אופגעאַקערט היזעלעך,
אופגעבראָכן שלעסער:
— גראָווינקע און גריזיקע
העלדזער פאַר די מעסערס!

... ווי צו אייך און בלוט צו איַך,
הימל ט'מער ניט בלוי זיַן! —
ס'איז די רעוואָליוציע
געגאַנגען איבער קלויזן...

א ריס צו טאָן, א בראָך צו טאָן
די פינצטערע באַדעקנס,
און אָנצינדן דאָרט יאָרציַיטן
נאָך טאָרבעס און נאָך שטעקנס...

ס'לעצטע מאָל א טריט טאָן דאָרט,
צעברעכן און צעשמעטערן
דעם בונד דעם לאַנג־פאַרשניטענעם
פון גאָט מיט זיַינע בעטלערס...

... ווי צו איַך און בלוט צו איַך,
העלדזער פאַר די מעסערס,—
ס'איז די רעוואָליוציע
געגאַנגען איבער געסלעך...

מיט פייַער און מיט גרימצאָרן,
מיט שטערנדיקע קרייצן:
— אוי, שינדעלעך, אוי, הילצערנע,
— אוי, הייבט זיך אוף און גרייט זיך!

און — אין ווייַט! אהין אריין,
און אין ווייַט — צעשפּרייט זיך!
— פעלדער, ווי געווינערנס,
גרויזאמע און בייזע...

אופגעשטאנענע זייַנען שוין
מיט פלאנצונגען פּארפּוצן —
ביינער פּארטיזאנישע,
לייַב פון רעוואָלוציע...

— — — — — —

הויקערס אָנגעלאָדענע,
העכער פון די קעפ איצט —
אויסגליִען די אָדערן
מיט ווינט און זון פון סטעפּעס!

— היי, איר בערד טשארעטענע,
— היי, איר מענגעס שווארצע, —
גרויזאמע גערעטעניש
ווארט און ניט דערווארט זיך!

... בלוט צו אייַך און וויי צו אייַך,
טאָרבעלעך פון קאָרע;
ס'שרייַען ערדן ווייצענע,
ס'שרייַען שטרעקעס קאָרן!

ס'גייען, ס'גייען וועגן נאָך,
זוניקע, פארהוילענע...
און מע איז אוועקגעגאַן
באָרוועסע און הוילענע...

ערד מיט ציינער רייסן דאָרט,
און פון שטיינער — וואסער;
— האָדעווען דאָרט קרייטעכצער,
און דאָס לייב זיך פאסעווען!

פאר די פינף־און־צוואנציקערס,
סאמע אימפעריאלן,
האָט מען עס א טאנץ געטאָן:
— ס'איז נאָך ניט פארפאלן!

ביטערלעך און אָרעמלעך.
בערד איבער די לאצן:
שפּילט־זשע, שפּילט קלעזמאָרימלעך,
אז דאָס לייב זאָל פּלאצן!

ביז טויט! פאראנען! נאָך!
פיס! איליוכנ־איילעכס!
— שפּילט־זשע א סטראדאניע,
— שפּילט־זשע נאָך א פריילעכס!

2

ווען ס׳גייט ארויס באנאכט דער וואסערטרעגער מענדל
אפ דער שטאָט
דאָס לעצטע פּאָרל וואסער עמעצנ דערנעמענ,
אונ ס׳רײַסט דער פראָסט פונ קראָמעסלע די הענט אים,
אונ ס׳בייגט דער ווינט זײַנ הארטע באָרד ווי דראָט,
אונ ס׳קומענ שנייעלעך זיך ווארעמענ צו אים אונטער די ברעמענ,—
איז ווי זאָל ניט ארײַנפאלנ קיינ שטערנדל אינ זײַנ עמער?

עס וויסנ טאלנער נעכט אונ טאלנער אינדערפריִענ:
ס׳איז אזוי געגאנ צום טײַך, טאָג־אײַנ — טאָג־אויס,
זײַנ עלטער־זיידע נאָך — דער אלטינקער קאסריִעל,
אונ נאָך אזוי די גרויס —
זײַנ זיידע — בערע־בינעם,
אונ אויך זײַנ טאטע, אימ צו לאנגע יאָר —
מיט סטרעמפּלעך אײַזיקע ארומ דעמ מויל, ווי פּינע;
געגאנ ביז שפּעט באנאכט פונ סאמע פונ קאיאָר,
געגאנגענע הויקערדיק, געגאנגענע שווער,
אונ איצטער — איצט איז מענדלס ריי,
אונ איצט — גייט ער
אינמיטנ נאכט,
מיט פרייד פארפרוירענער פונ לאסט אונ יאָך,
אז, איבער הונדערט יאָר,
זאָל אזוי גייג געשפּאנט זײַנ עלטסטער דאָר,
וואָס ער האָט אפ דער וועלט מיט בלוט זײַנעמ געבראכט...

איז ווען עס גייט ארויס באנאכט דער וואסערטרעגער מענדל
אפ דער שטאָט,
אפ דער פארשנייטער שטאָט פון זײַנע זין און זיידעס,
וואָס האָבן יאָרן ווי פּאפשוטי געשניטן און געזייט דאָ,
וואָס האָבן פונעם טײַך, ווי פונעם אייגן הארץ, א שטאָט געפּויעט,
און אויסגעהאקט אין לײַב אין אייגענעם פּאָלאָנקעס
און זיי מיט קאָפּקעס קופּערנע פארלאטעט און פארלייט דאָרט,—
איז אײַלט ער זיך ניט מענדל
מיטן אָוונטענעם אָנקום
צום אָרעם שטיקל ברויט און צו זײַן קיווערדיקן בעטל,
און ס׳ווילט זיך אים פארפרוירן ווערן דאָ בא דער פּאָלאָנקע.

נאָר ס׳פּליוסקעט זיך א שטערנדל אין זײַנע אויגן,
פונקט ווי א זילבעריקע פּלאָטיצע זיך פּליוסקעט
בויגיק
אין די עמער,
און שנייען בריִען אים די קאלטע ברעמען,
און פראָסט מיט גרויזאמקײַט זיך בלענדיקט,
איז טראכט זיך מענדל:
— טאטע ליבער,
אָפּגעלאָפּן זײַנען הימלען, גלײַך ווי וואסערן פון שליוזן,
און שטערן זײַנען אפן דנאָ געבליבן
דאָ אזוי פיל,
אז ס׳קען איעדער אָרעמאן זיך קומען נעמען מיט די הענט זיי
און גיין מיט זיי אין קיוועך,
און גיין
מיט זיי — אהיים...

נאָר ס׳זיצן שטיבעלעך, ווי קלעזמער,
אײַנגעשלאָפענע אינמיטן א בייז־ווונדער;
נאָר ס׳ליגט א שטאָט פארדעקט מיט נאכט,
ווי מיט א קאָלדערע א שווארצער, א צעפּליקטער,
נאָר ס׳הענגט איבערן מארק א ליידיק וויגעלע א רונדיקס,
און א ווינט א וויינענדיקער וויגט עס,

וויגט, ווי א ניט אָנגעצונדענעמ צעבראָכענעמ לאמטערנ,—
איז ווי זאָל ניט ארייַנפאלנ אינ וויגעלע קיינ שטערנ?

עס ווייסנ טאלנער נעכט אונ טאלנער אינדערפריענ:
מע האָט אזוי געוויגט אינ שטאָט די וויגעלעכ די ליידיקע
בא קאנעצלעכ פונ טרויער
אונ אינ שרעק פונ ווייַטנ טופענ,
אונ קינדער זייַנענ פריידיקע
געגאנ ערגעצ צומ טויט,
ווי צו דער כופע,
אונ קינדער האָבנ פליענדיק
אפ שטערנ־שליאכ געבלאָנקעט,
ווי אינ קלעמער,
אונ שוועס שטערנדיקע דאָרט געשווירנ,—
איז ווי זאָל ניט ארייַנפאלנ קיינ שטערנדל
אינ מענדלס עמער?

איז איילט ער זיכ ניט מענדל מיט זייַנ אָונטיקנ אָנקומ,
אונ ס'ווילט זיכ אימ פארפרוירנ
ווערנ,
דאָ, בא דער פאָלאָנקע...
אָט דאָ, אינ אָט דעמ טייַכ,
האָט מענדל אויסגעגאָסנ עמערווייַז די יאָרנ,
אונ אָנגעשעפּט פאר זיי זיכ שווערנ פייַנ,
נאָר זויבערנ אונ קלאָרנ,
איז מענדלענ זיס זייַנ אָונטיקער טרויער,
איז מענדלענ זיס פונ זיידעס אונ פונ זינ;
ס'האָט מענדל אָפגעטאָנ אָט דאָס, צו וואָס ער איז געבוירנ,
אונ איצטער מעג זיכ די פאָלאָנקע שוינ פארציִענ...
אז ווייַס איז זי די ווייַט. געגרייט איז זי אונ סטעפּיק.
אונ עמער זייַנענ טיפ. אונ טיפקייַט זיי פארשעפּנ.
איז הייבט זיכ מענדל אופ, אינ פראָסטיקייַט פארהילט,
אונ ס'גיט דעמ טייַכ זייַנ קאָל אזא מינ וויענדיקנ ברי נאָכ:
— עלטער־זיידע מייַנער, רעב קאסריעל,

און זיידע מײַנער, זיידע, בערע־בינעם,
וואָס זײַנע גאַנצע לעבנס אפ די טײַכן אָפּגעוועג דאָ,—
ס'פּארציט זיך די פּאָלאָנקע פאר דעם וואסערטרעגער מענדל!..

איז געקומען מענדל זיך געזעגענען מיט דער פּאָלאָנקע,
איז געקומען מענדל אָנשעפּן דאָס לעצטע פּאָרל:
— ניט קיין ברויט און ניט קיין ווײַן, און ניט קיין האָניק,
ווי איז מײַנע יאָרן...
— ניט קיין טאָג און ניט קיין נאכט,
נאָר טרייסט פארשנייִקטע פון לאסטן און פון יאָך,
אז, איבער הונדערט יאָר,
זאָל אזוי גיין געשפּאנט זײַן עלטסטער דאָר,
וואָס ער האָט אפ דער וועלט מיט בלוט זײַנעם געבראכט...

איז ווען עס גייט ארויס דער וואסערטרעגער מענדל
אפ דער שטאָט,
אפ דער פארשנייטער שטאָט פון זײַנע זין און זיידעס,
דאָס לעצטע פּאָרל וואסער עמעצן דערנעמען,
און ס'קומען שנייעלעך צעזייטע
זיך ווארעמען בא זײַנע ברעמען,
איז מיט אויגן טריבע גיט זיך דאָרט א קלעמער:
— מענדעלעכע! גיב אהער די עמער, נו שוין!
אָט זײַנען זיי. אָט. מאָכיקע, געפּאסיקט,
אָט איז זי, אָט — מײַן לײַבלעכע יערושע...
ס'האָט דער זיידע בערע־בינעם
זעקס און פערציק יאָר מיט אײַך געטראָגן וואסער,
און ס'האָט דער עלטער־זיידע רעב קאסריִעל
אכט און פערציק יאָר מיט אײַך געטראָגן וואסער,
טאָג נאָך טאָג
און נאכט נאָך נאכט,
און וויפל, מענדעלעכע, יאָר האָב איך געטראָגן?
— טאטע־ערד און זיידע־צעלינא!..

3

יעדער טאָג ווערט דאָס שטעטעלע קלענער,
יעדער טאָג פאַלט דאָס שטעטעלע איַינ;
שוינ צעביטנ דעמ לעצטינקנ צענער
אפ סאמ־סאמאָראָדנינקע דרײַערס.

יעדער טאָג — ווי א צאָנ פונ די יאסלעס —
פאַלט א שטעלכל ארויס פונעמ מארק;
גייענ יידנ ארומ איבער גאסנ,
גייענ יידנ ארומ אונ מע טראכט —

אז פונ טאָג ביז צו טאָג ווערט מענ גראָווער,
אונ פונ ליפנ בא יעדערנ פאַלט דאָרט:
— „אוי, וואָלט איכ געוועג א קאָוואל,
האָב איכ ניט קיינ קאָוואדלע!“

אונ דער טאָג איז אזא, אז סע גלוסט זיכ,
כאָטש דער גאנצינקער וועלט אזא קאָפּע טונ:
— „אוי, וואָלט איכ געווענ א שוסטער,
האָב איכ ניט קיינ קאָפּעטע“.

אונ מיט רעדער דאָס וועגעלע וואַרגט זיכ,
אונ סע שעלט זיכ דאָס ווײַב אזוי הארציק:
— „זע איכ מיר א שטיינ,
זעצ איכ זיכ אונ וויינ!“

אז ווי שניי דאָרט די יאָרן צעטייַען,
און ווי שטיינ פאַלן אנדערע אָן;
גלעט דאָרט מענדל זיין מאָגערע כייַע
און אים דוכט: — זי איז אויך שוין ניטאָ.

עס געדענקט זיינע קינדער ניט מענדל,
ער דערמאָנט זיך, ווען איינער פאַלט איין:
— איז די שקאפּע קיין קינד ניט געווען דען?
— איז קיין קינד ניט געווען דען די כייַע?
— — — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען אַמאָל מיטוואָכס און פרייַטיקס,
ס'איז געווען, טראַכט זיך מענדל, געווען;
נו, איז וואָס פאַר א ייִד האָט געדייַגעט,
מיט אזעלכע צעטראָגענע הענט?

אז דאָס וואסער געהאט ער לעראָוו האָט,
און די הייַזער — אַף פונקט אקוראַט;
און די קינדער האָט זי אים געכאָוועט,
און קיין ברויט האָט דאָ קיינער געהאַט.

אז קיין צייַט אַף צו עסן, בעמיילע,
איז נאָך קיינמאָל באַ אים ניט געווען,
אָבער גוט איז געווען און ווייל אים
מיט די עמער־געקאָוועטע הענט.

אין א זומערנעם טאָג — אַף קאַטאָוועס,
איז פאַרפאָרט מען זיך פריילעך אין טייַך;
אז זיך אויסטון — פאַרשפּאָרט מען, ניטאָ וואָס,
און מע באָדט זיך מיט שקאפּע באַגלייַך.

אַף צוריקוועגס — א באַר, צי אַן עפּל, —
ס'פאָרט א פויער, איז שענקט ער צו זעט;
און דער שקאפּע צעשפּיליעט מען קנעפּלעך,
מע פאַרשטאָפּט איר דאָס מויל מיט טשערעט.

און אין פראָסט האָט די באָרד זיך געסטרעמפּלט,
זי געשײַנט אפּ דער זון אָט אזוי;
ווערט אים קאַלט — איז די הענט זיך צענעמט ער
און ער קלאַפּט זיי, ווי פליגל זיך אויס.

אָט אזוי ט'מען געפירט אמאָל פעסער
מיט וואסער, ווי ריינעם קרישטאָל;
— וואָס לענגער דער טאָג איז און גרעסער,
אלץ קלענער ז'דער ביסן אין מויל.

אָבער פרײַטיק געציילט האָט ער הײַזער,
ס'איז א צענער געווען יעדער הויז;
אין די אָרעמע שענקט מען א כאלע,
און פון רײַכערע — ווארפט מען ארויס.

נו, און איצט? וועמען טראָגט מען איצט? וועמען?
ווען אפילע ס'איז טאלנע א יאַם;
שלאָפן, שלאָפן די ליידיקע עמער
און זיי שימלען בא מענדלען אין שטאל.

און אליין איז שוין מענדל צעהויקערט,
ווי אן אלטע קאָראָמעסלע — גלאט;
ס'זײַנען עמערדיק־פול זײַנע אויגן
און געווענדט צו דעם שטעטלשן ראט:

„ניט קיין ברויט, ניט קיין רו ז'ניט געווען נאָך,
און ס'פארגייט שוין דער אײַן און דער אויס"; —
יעדער טאָג ווערט דאָס שטעטעלע קלענער,
דער בעסאלמען ווערט ברייט און ווערט גרויס.

שוין דער טויט ז'אפּ דער אָרעמער שוועל דאָ,
רײַסט זיך מענדל נאָך אויס און ער קלערט:
— אז מע שיקט איצטער ייִדן אפּ פעלדער,
— אז מע שיקט איצטער ייִדן אפּ ערד...

און אין שרעק און אין פרייד גייט דער טאָג אויס,
ס׳גלעט דער וועג דעם צעשראָקענעם ראַנד:
— שוין אוועקגעגאַנגען זיינען כאַדאַקעס
אָפּ באַקוקן פאַר ייִדן דאָס לאַנד.

טריבע ווייטן מיט נעפּל פאַרלאָפן
זיך צעוויקלען פון מענדלען קוואַלנדיק:
— „אוי, וואָלט איך געווען אַ קאָוועל,
האָב איך ניט קיין קאָוואַדלע!״

ערגעץ גייען די ווייטן רופנדיק
און צעוואַלגערן דעכלעך, ס׳זאָל גראָם זיין;
— צי האָט מענדל אַליין דען ניט אויפגעהאַנגען
דעם מוילעך אין הימל ווי זיין קראָמעסלע?...

— „און די רעדער דרייען ניט,
מענדעלעכע, ווי איז מיר! —
זע איך מיר אַ שטיין,
זעץ איך זיך און וויין״...

4

און קיווען כאָלעמט זיך נאָך אַלץ דער בײַכיקער געברום,
די פּענטעס און די גרילצן
פון גרויסע פּאַרטיעס הערנערדיקע אָקסן;
ער הערט אים נאָך דעם טויבן טופּ
אַף ווייכן וועג, געבעט מיט זאַמד,
וואָס איז געגאַנגען הונדערט יאָרן צום וואָקזאַל
פון שטאַלן זײַנע הילצערנע,
פון זײַן געפּאַרבטער שטוב.

באַגראָבן ליגט ער דאָ,
באַגראָבן און פאַרוואָקסן
מיט קיווער ערלעכקײַט, מיט קיווער רום;
ער הערט אים נאָך, ווי דורך אַ כאָלעם, דעם געברום,
ווען ס׳גייט אים אַפּן וועג אַמאָל
אַזאַ מין דולן טראָג...

ער הערט זײַן קאָל, זײַן אייגן קאָל,
זײַן לייביקס,
פון יאַרידן,
וואָס פלעגן זיי אַזוי נאָכשרײַען די טעמפּע טרײַבערס,
אַז פויען זאָל מען דאָרטן צוויי מאָל אַפּן טאָג,
און — פאַר דעם אָפּוועגן דאָרט פויען ווידער,
אַז שווער זאָלן זיי גיין דערנאָכדעם אַף דער וואָג...

אָט איז ער, קיווע ליוועראַנט:
ער גיט דעם קאָפּ דעם אײַנגעפּאַלענעם א הויב,
דערזעט ער אפן ווײַטן ראַנד:
— מע פירט דאָרט
און מע יאָגט זיך,
און סע קוועלט!
א שטויב גייט פריִער אזא געדיכטער
פון זײַנע פּאַרטײעס ברענענדיקע אָקסן,
א הויכער שטויב,
ווי הויך געוועז ס'איז קיוועס קאָוועד אפ דער וועלט.

נאָר איצטער שטייט ער אפן מאַרק,
ווו ס'וואַלגערן זיך אָפּגעשונדן זײַנע טעג
מיט טלאָען העפּקערע אפ מיסט פּאַרשאַרט,—
און יאָרן זײַנע גאָלד־געקוילעטע ער וועקט:
— הונדערטער וואַגאָנעס אָקסן, ווי די העלפאַנדס,
מיט היגע טרײַבערס, מיט אָט דעם־אָ וועג,
אז גאָט זאָל אים נאָך אזוי העלפן,
ווי שנעל ס'איז אים אוועק...

אמאָל האָט קיווע ליב געהאַט
אדורכגייען שאַבעס דורך דעם מאַרק און דורך די גאַסן,
און אזוי גלאַט
זיך קוקן אין דער ווײַט,
און ווי אן אַלטער באַלעבאָס,
צוליב אביסל פּראָסטער אוילעם־האַזע,
א טאָפּ טון פון זײַן קלייט דעם אײַטערדיקן שלאָס,
אים איבערדרייען אפ דער לינקער זײַט,
און ווײַטער גיין זיך אופגעלייגט און מילד...

און ס'גיט א צופּ דאָרט קיווען בא דעם האַרצן,
און ס'גיט באַם לעבער
אים אזא מין ברי:
— בערקוטן, הערט!

אָט דאָ, אפּ אָט דער ווייכער ערד
האָט אימ א לעבנ,
קיוועג, אָפּגעדינט מיט ווארעמער געבריטער מילכ
פונ שאבעס אינדערפרי,
מיט ווארעמע פריַיטיק־צונאכטסנ,
מיט זמירעס ביז קאַיאָר,
אונ פליישערס זיַינעג אימ געקומענ אָפּזינגענ בענזאָכערס
יעדנ קיַילעכיקנ יאָר
מיט ווינטשעוואניעס אונ מיט געזאנג,—
אונ דורכ דעמ וועג, וואָס גייט שוינ
איבער
הונדערט יאָרנ צומ וואָקזאל
ארופּ
אונ אָט אהער,—
האָבנ זיַינע זיידעס נאָכ געטריבנ
אָקסנ קיינ וואָראָניעזש אונ טאמבאָוו,
אפּ די ראָסטייִשע מילכאָמעס מיטנ טערעק,
מיט די יאמפּאָניִער אונ מיט די דיַיטשנ,
אונ מ׳איז געוועזנ פרומ,
אונ מ׳איז געוועזנ מיט גאניידנ
איַיזנדיק געקאָוועט,
אונ איינִיקלעכ האָט מענ אינ גרעסטנ כיידער
אויסגעהאלטנ שיינ, מיט קאָוועד
אונ אפּ רומ,
אונ מיַימערלעכ געקליבנ אינ די קעפּ,
ווי פינעפערלעכ גאָלדענע געפּאסטע,
אינ ערדענע, אינ ליימעדיקע טעפּ,
אונ ווי די פינפ־אונ־צוואנציקערס — אינ גרויסע קאסטנס,
קעדיי אינ פערציק יאָר ארומ,
קעדיי צו אויסמיַידנ געפארנ,—
ז׳מיט הייליקנ, מיט פרומענ שפּרוכ
זאָל מענ מאשקאָנעס נעמענ סאמאָווארנ,
אונ קוקנ אינ א בוכ,
אונ כעשבענענ באנאכט בא כיילעווענע לעכט:

„יוים זײַענ קיסלעוו פארשע לעכ:
באמ וואסערטרעגער — פופציק ראכ,
אונ באמ בינדיוזשניק — אכט,
אונ דאָ — א קוואָרט, אונ דאָ—א סאמאָוואר״.
אונ שטופנ זאָלנ זיכ בא אימ אָרעמעלײַט.
מיט הענט פארמאָגערטע אונ דארע:
— סאמאָווארנ, סאמאָווארנ, סאמאָווארנ!
אונ אויסשרײַענ זאָל ער צומ ווײַב:
— „זיי מעגנ דאָכ אביסל ארנ,
וואָס דארפ איכ, פרעג איכ דיכ, א שטוב מיט סאמאָווארנ?״

אונ פייסעכ פלעג א האלבע שטאָט
אימ קומענ קוקנ אינ די פענצטער,
אינ די ליכט־באגאָסענע,
ווי אָפגעשריגנ פונעמ טיש מיט טענצ
ער האָט
דעמ „שפך חמתך״;
געשווומענ איז ער אינ זײַנ ווײַסער העסעבעס,
ווי אינ א גרויסנ שליטוועגס,
אפ א זײַט,
אונ אויסגעזעצנ אליינ האָט קיווע גרעסער דאג,
פארפאקעוועט אינ שווארצנ זײַד
מיט ווײַסנ לײַנ פונריבנ,
פונקט ווי א רײַזנדער אפ אזא ווײַטנ גליקלעכנ יאריד.
מיט טעכטער אונ מיט זינ געשפאנטע בא דעמ טיש,—
„... אונ גאָט האָט אימ פארהיט,
אונ גאָט האָט אימ דערהויבנ...״
א זילבעריקער שליטוועגס איז צעפאָכט,
— מע פאָרט! מע פאָרט! מע פאָרט! מע פאָרט! — — —
אונ איבערגעקערט האָט דער רײַטוואָגנ זיכ פלוצימ,
— אנטקעגנ אָנגעפאָרנ איז די רעוואָליוציע!..

— — — — — — — — — — — — —

און איצט — אפּ אײַנגעשלאָפּענעם, פארשפּילטנ מארק,
וואָס זינקט אינ טיפ פונ אָפּגעפלאקערטע יארידנ,
דערויכערט זיך נאָך קיוועס רומ
און מאכט...
ער רײַסט זיך נאָך ארומ
און טײַנעט נאָך מיט יידנ:
— נישקאָשע!
ס'קומט נאָך קיוועג בא דער וולאסט א שטיקל ערד,
ס'קומט נאָך קיוועג בא דער וולאסט א שטיקל נאכלע,
פארדינט האָט זיך עס קיווע קאָשער,
דעמ שיינעמ טאכלעס
וואָס מ'האָט אימ געמאכט צורעכט,
נישקאָשע!
גענוג ארומגעזייפט,
גענוג ארומגערייניקט...
די פינפערלעך די גאָלדענע — בא זיי!
בא די פונ — „אלע לענדער זיך פארייניקט"
די קלייט — ניטאָ שוינ!
און אָקסנ אָט אזעלכע ווי די העלפאנדס,
— נישקאָשע!
און מיט אזעלכע זינ אינ פילאדעלפיע,
און מיט אזעלכע טעכטער אינ אמעריקע,
און מיט איידעמער אזעלעכע אינ ארגענטינע,
וואָס זײַנענ דאָרט ראבאָטשע לײַט ניט ערגערע,
ווי די גאָב,
און אלצ איז רעכט,—
איז קומט נאָך קיוועג בא דער וולאסט א שטיקל ערד!

5

זײַנען געגאַנגען כאַדאָקעס מיט בורקעס און גאַרטלען,
זײַנען געגאַנגען כאַדאָקעס מיט בײַטשן און בערד,
זײַנען געגאַנגען כאַדאָקעס מיט טאָרבעס פּאַרדאַרטע,
מיט שרעק און מיט פרייד, מיט צעאַקערטע הענט, ווי די ערד.

צו סטעפּעס אוקראַינער, צו טאָטערשער ערד, צו באַשטאַנעס
מאָלדאַווייער
איז מען געגאַנגען מעווינים באַטראַכטן דאָס לאַנדיקע אָרט דאָרט,
בראַווע שילוכים, געשוווירענע קעפּ, און אויב כאַווער—איז כאַווער,
און אומעטום שטעלט מען זיך אָפּ און מע כאַפּט נאָך א לייען
דעם אָרדער:

„פאַרבאַנד פון סאָוועטישע — כאַפּט ניט אַזוי — רעפּובליקן".
און „דאָס סאָציאַליסטישע" שטייט ניט ?—סע שטייט דאָרט אַוודע !
און אָט איז דער שטעמפּל, און אָט איז דער האַמער—און
אויס מיט די גליקן.
און כאַפּט עס דער רועכ ! פון אָנהייב ! אָט איז עס און—נאַ דיר !

טעג אָנגעפּילטע מיט טרייסט, ווי מיט שוים פאָרצעלײַענע טעלער,
אַז קומען מע זאָל שוין און זאָל מען זיי אַלע פאַרנעמען ;
איינער מיט איינעם און אַלע אײַנײנעם — אין פעסטע אַרטעלן,
אַרטעלן געפלאָכטן פון פאַכ־באַלמעלאָכעס און פּאָשעטע קרעמער.

בערן טאַנדייטנע פון שטאָט, מיט געפּרווירענע הענט פון יאַרידן,
מיט איידעמער שוטפים, און קאָוואַלס, און סטאַמ באַלעגאָלעס ;

און ס'בעטנ זיכ אויס מיט די בערד שוינ אזעלכע שיינע און
לײַטישע ייִדנ,
פאר יעדנ איז אָפנ א וועג, אונ בא יעדנ צעפארעט דאָס קאָל איז:

„נו עפשער, נו, טאקע, נו, דאָרטנ, מע ווייסט דענ, מע רעדט דאָכ!
נו, עפשער, נו, טאקע, איז דאָרטנ, לאָז דאָרט זײַנ די סוואָרע";
מע ווארט אפ כאָדאָקעס, אפ זיי, אפ די בראווע שטאפעטנ:
— ווו זײַנענ זיי ערגעצ אדאָרטנ פארפאלנ געוואָרנ?

אונ ערגעצ כאָדאָקעס — אפ פרישע, אפ סטעפּישע רוימענ,
זיי גייענ ווי נ'יאם ביז די קני אינ געפלאָדנטנ נעפּל,
מע נערט זיכ פונ היימישע טאָרבעס נ'פונ סטעפּישע טרוימענ:
— אָט דאָ ערגעצ וואקסט עס, ווי יונגע קארטאָפל, דאָס ברעקעלע לעבנ.

אונ האָט מענ געגרייט זיכ, אונ האָט מענ געווארט דאָרט, פאריאָגטע
אינ גויטנ,
אונ האָט מענ געווארט דאָרט, אונ האָט מענ געגרייט זיכ, פארוויגטע
אינ שרעק;
אינ כאָרעווע שטיבלעכ דערברענענ שוינ טעג, ווי די קנויטנ,
אונ איינער באַם אנדערנ מאָנט דאָרט, אונ איינער באַם אנדערנ פרעגט.

נו, האָט ווי א בליצ איבער שטאָט זיכ א בסורע צעטראָגנ,
נו, האָט זיכ צעקלונגענ דער טאָג ווי א גלאָק איבער קעפ:
„עס זײַנענ געקומענ צוריק שוינ פונ פעלדער כאָדאָקעס,
עס זײַנענ געקומענ צוריק שוינ כאָדאָקעס פונ סטעפ".

קלײַבט דאָרט צונויפ זיכ דאָס שטעטל אונ ייִדנ טאנדייטנע זיכ זאמלענ,
די בראווע שטאפעטנ באפאלט מענ מיט קלאָטשע פונ בערדיקער שרעק;
אונ בראווע שטאפעטנ דערשראָקענע שטייענ אונ שטאמלענ:
— מ'איז, ייִדנ, מ'איז קאמ מיטנ לעבנ פונדאָרטנ אוועק.

ס'איז דאָרט א וויסטעניש. ייִדנ... ס'איז דאָרטנ מוטערל נאקעט...
שרעק ניט געריכטער אפ מײַלנ אפ הונדערטער הוילע;
גאנצענע טעג דאָרט סאָראָקענעס פאדענ אונ קראקענ
צום שטארבנ. אונ ס'איז דאָרט אפילע ניטאָ קיינ בעסוילעם...

ניטאָ איז קיין וואסער צום טרונק אין דער גאנצענער געגנט,
עס וואקסט ניט קיין גרעזל, קיין ברעקעלע גרינס ניט פאראן;
ניט קיין דאך, ניט קיין שטוב, ניט קיין גרוב ניט באגעגנט,
און ס׳איז דאָרט אזוי זיך א פאכעד צו געבן א שפאן.—

שורוועט בא יידן די בערד, ווי אפ הארבסטיקע ביימער די בלעטער,
ס׳דרייען די אויגן ארײַן זיך, ווי קנויטן פון צאנקענדע לעמפ,
און סאפען און ס׳פאָכען מיט הערצער די בראווע שטאפעטן,
און איינער אפ אנדערן טײַט דאָרט, און איינער אפ צווייטן זיך לענדט:

— סע וואקסט ניט, מע זעט ניט אפ צענדליקער ווערסטן קיין ביימל,
דו קוקסט און דו קוקסט און דו ווייסט ניט וואָס טוט מען דאָ פריִער;
אז וואָס? אז ס׳איז גאָרניט קיין ערד, אז ס׳איז, יידן, ס׳איז איימע,
ס׳איז פּאָשעט א פאכעד א קוק טאָן אזוי זיך אפ איר! —

און אז סע דערלאנגען די יידן א גאָרגל מיט קוילעס,
און אז סע דערלאנגט דאָרט א גאָרגל אזא מין די שטאָט,
און ווער פון א זײַט און פונהינטן:— וואָס זאָגן זיי? הויל איז?
איז נאט אײַך! איז אָט!

טרייסלען די יידן, ווי ביימער אין ווינט, און זיי ווילן ניט הערן,
זידן די בערד אופ, ווי שוים און זיי נעמען זיך שרײַען:
— האָדי! און ביז פונעם פאכעד וועט ערד אמאָל ווערן,
— האָדי! און ביז פונעם פאכעד וועט ערד אמאָל זײַן.

און איינער:— איז וואָס־זשע פאראן דען אָט דאָ צו פארלירן?
און איינער:— אז וואָס? אז זיי זאָגן ס׳איז פאכעד און שרעק!
און אלע:— אזוי וועט א ייד פונעם אָרט זיך ניט רירן,
און אלע:— אזוי וועט א ייד זיך ניט לאָזן אין וועג!

אז מ׳האָט נאָר געטראכט און געמיינט, אז ס׳איז פינצטערע יאָרן,
אז מ׳האָט נאָר געהאָפט, און געוואַרט, אז ס׳איז ווינד און ס׳איז ווײַ;
און איינער:— איז וואָס? איז אפ פאכעד וועט קיינער ניט פאָרן!
און אלע:— איז וואָס? איז אפ פאכעד וועט קיינער ניט גיין!

איז וועט מען זיך פּרוּוון אָט דאָ אַף די אייגענע ערטער,
איז וועט מען נאָך פּרוּוון אָט דאָ אין דער אייגענער היים;
און וואָס ס׳איז אַ ייִדן באַשערט אַף דער וועלט, איז באַשערט דאָך,
איז וועט מען שוין בלײַבן, איז וועט מען ניט גיין!

נאָר מענדל הייבט אויף זײַנע ברעמען אַף בראָווע כאָדאָקעס,
און גיט אַזאַ שפּײַ מיט געדיכטן צעצויגענעם קלײַ:
— שטאָפּעטן! דערזען מ׳האָט די ערד און מע האָט זיך דערשראָקן,
ס׳אַ פּאַכעד! איז שטעלט מען אַף סטעפּעס זיך קרישמע
דאָרט ליינען! —

צו סטעפּעס אוקראַינער, צו טאָטערשער ערד, צו באַשטאַנעס
מאָלדאַוויער
זײַנען געגאַנגען מעווינים באַטראַכטן דאָס לאַנד;
האָט מען דערזען אַפּן וועג דאָרט פּעניאָקעס פאַרזשאַווערט,
האָט מען אַ לעצטן געשעפּט נאָך צעטראָגן, געבראַכט אַף דער האַנט...

6

דאָרט א טאָל האָט א ברייטער געשפּרייט זיך
מיט פּעניאָקעס, ווי זילבער־מאטבייעס;
און עס הייבן בא יידן זיך פּלייצעס,
און מע ראשט:—„וואָס א וועלדעלע הייסט!"

ביז פון פּאכעד וועט זײַן אמאָל ערד דאָרט,
ביז פון שרעק וועט דאָרט ווערן א פעלד,
קען מען דאָ מיט א פּניאָק זיך א קער טאָן,
און זיך אויסלעבן קען מען די וועלט!

מ'קען זיי האקן אפ האָלץ און אפ הייצונג,
מ'קען זיי גראָבן, ווי קאטשענעס קרויט;
און א גלײַך זיך געטאָן האָבן פּלייצעס:
— מ'קען דאָ גראָבן פּארנאָסע מיט ברויט!

ס'איז דער הימל געהאנגען א מידער,
און אין קיוועך ט'געגרינט א קאיאָר:
— דאָס איז ארבעט פאר טויזנטער יידן,
עס וועט קלעקן אפ צענדליקער יאָר!—

און אז מענדל אין שטיבל ארײַן איז,
ט'ער צום ווײַב זײַנס געטאָן אזא קוועל:
— מענדעלעכע, די כײַע ז'א כײַע,
מענדעלעכע, די וועלט איז א וועלט!

און ס'ע ציט זיך אפ גאנצענע ווערסטן,
און מע ציילט זיי אדאָרט מיט דער צאָל;
אז ס'איז גאָר קיין פעניאָקעס ניט, הערסטו,
אז ס'איז פולינקע עמערס מיט גאָלד.

אָט נאָר הענטעלעך צובינדן זיי נאָר,
אז נאָר אָנעמען זיינען זאָל פאר וואָס,
און ס'ע נעמט זיך א ייִד אזא איינער,
און דאָס מאזל נאָר, זע, ניט פארלאָז!—

נאָר טרויעריק איז מענדעלעכע
און טײַנעט:—ס'איז ווייניק די שטאָט!
אז מע שיקט איצטער ייִדן אפ פעלדער,
אז ס'איז באלד שוין דאָ קיינער נישטאָ! —

אפ די הײַזער געטוּן ט'זי א ווײַז אים,
און מיט אויגן צום הימל א קריך:
— ס'קען א ייִד איין פעניאָק אזוי רײַסן,
ביז ס'וועט קומען צו רײַטן מאָשיעך.—

שטיים ער מענדל פארטרויערט, פארגאפעט,
מענדעלעכע זיך בעט מיטן קוק:
— בעסער נעמט מען, פארקויפט מען די שקאפע
און מע נעמט און מע קויפט זיך א קו!

און מע פאָרט מיט אן אייגענער בהיימע,
א קאפ מילך בא אזא אָרעמאן;
מיט אזא ראָמאטיז מיט א, ווײַ ז'מיר,
און מע בעט טאקע אויס באמ לימאן! —

ג'עפעס דרייט זיך בא מענדלען די קאָפ איצט—
אז מע לויפט און מע שרײַט און מע מאָלט:
„נא דיר פאכעד און שרעק און פעניאָקעס,
און אז אלץ איז עס צו מיטאמאָל!"

נ'אז ס'האָט מענדל דערזען, ווי סע עקט זיך,
ז'ער אוועקגאנגען אין ראט — ניט געקלערט;
און א זאָג געטון :— כאווער יעווסעקציע,
און א זאָג געטון :— כאווער געזערד!

אָט! און נאט אײַך די בײַטש און דאָס צוימל!
נו, און טוט עס מיר אָן אָט אהער!
אז איך זאָג שוין אליין זיך אזוי מיר:
„ביסט א פערד, ביסטו, מענדל, א פערד!"

כ'בין א פערד, און כ'וועל גיין, און כ'וועל גראָבן,
לאָז זײַן פּאכעד און שרעק, לאָז זײַן שווער;
נאָר... נאָר איינס... נאָר דאָס טאָרבעלע האָבער,
אָט ווי יעטוועדן אנדערן פערד! —

מיט צעריסענע ארבל פּארקאטשעט
איז מענדל אין שטיבל אריין:
— מענדעלעכע, מע פאָרט אפּ די דאטשעס,
מענדעלעכע, מע פאָרט צום לימאן! —

און דער טאָג אים אין הארצן זיך לײַטערט,
נאָר ס'איז עפּעס א שרעק אין זײַן קאָל:
— מענדעלעכע, מע זוכט אָרמעלײַט דאָרט,
אָרעמאנדעלעך וועגט מען אפּ גאָלד,

ווי די פערד, מענדעלעכע געטרײַע, —
און סע שפּרינגט אים אנטקעגן זײַן שוועל:
— מענדעלעכע, די כײַע ז'א כײַע,
מענדעלעכע, די וועלט איז א וועלט!

7

ס'האָט שוין נאָכאַמאָל געפּלאַצט זייַן אָנגעוואָרעמט ציצן העמד
באַם אויסציִען זיך אינדערהייך,
באַם אויסגלייַכן די ביינער.
באַם אופהייבן די שטאַרקע הענט —
שוין נאָכאַמאָל געפּלאַצט זייַן אָנגעוואָרעמט ציצן העמד.

האָט מיט די אויגן בלויז געטאָן א מילדן טייַט ער,
זיך אָנגעטאַפּט אַף הוילן לייַב א גראָבע שטרוי
און איז געבליבן שטיין,
ס'זאָל זיך ניט רייַסן ווייַטער.

— וואָס נאָך? — צעשמייכלט זיך אביסל
און דערמאַנט זיך:
— באַ זייַן טאַטן האָט די העמד זיך אויך
אזוי־אָ ביטערלעך געריסן
אַף שטיקעלעך און אַף אינגאַנצן...
איז דורכן קאָפּ
מיט האָר געשניטענע, ווי שטרוי,
ציט ראָנדעל זי אראָפּ,
גיט לאַכנדיק זי אזא נעם דאָרט
און אין דער לופט מיט איר א פאָכע:
— ס'איז באַ אונדז אזא מישפּאָכע,
וואָס מע ציט זיך אין דער הויך
און ס'רייַסן זיך די העמדער! —

און אז כאווער ראַנדעל גיט זיך מיט געלעכטער
א צעשיט דאָרט,
און אז כאווער ראַנדעל פּרוּווט דאָס וואָרט
און נעמט זיך שטײַפ,
ווי ניס ווי וועלשענע זיי קלאַפּן:
„זײַנען טאַטן האָט מען אָפּן פּאָרט
גערופן „פּאָלטאָרא זשידא",
און זײַן א פּאַטש האָט מען געהערט
פון ניקאָלײַעוו
ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל!"

שפּאַצירט בעיס א פּאָגראָם האָט ער אינמיטן גאַס,
די הענט אין קעשענעס פאַרלייגט,
און אויסגעקוקט, אז ס'זאָל אזא מין גאַסט
דעם קויך מיט אים פּראָבירן...
דערנאָך איז ער געגאַנגען צו די ראַבירער,
דאָס אָפּגעראַבעוועטע גענומען צוריק אליינ
און אָפּגעבראַכט עס יעדן אָרעמאַן אהיים.

אין פּאָרט האָט ער געטראָגן שווערע פּעסער
נאַפּט און שווערע פּעסער אָל,
און אף דער זון זיך גאַנצע טעג געבּרענט;
נו, האָט ער געוואָלט,
אז ס'זאָל זײַן וואָווע האָבן א פּראָפּעסיע
אין די הענט,
איז האָט ער אים ארײַנגעגעבן צו א קאָוועל
און אָנגעזאָגט אים: „זע נאָר, וואָווע,
זע נאָר דאָרטן זיך ניט קריג,
ווײַל פונדאָרטן וועסטו גיין אין א פאַבריק!"

גייען טעג אוועק און ס'קומען טעג צוריק,
און טעג מיט טעג געגאָסענע זיך בײַטן;
ווען ראַנדעל ז'אָנגעקומען אין פאַבריק,
האָבן אַרבעטער אף אים געזוכט זיך און געטײַטלט,

אז — דאָ האָט ער ניט גוט געקערט,
אז — דאָ איז ער ניט גוט געשטאנענ, —
אונ וואָס — האָט ראָנדעל ניט געקלערט,
אונ ווי — האָט ראָנדעל ניט פארשטאנענ...
גאָר ס׳גיסנ הענט זיכ אָנ מיט בלײַ,
גאָר ס׳גיסנ הענט זיכ אָנ מיט טאטע,
אונ הייס דאָס בלוט פארזידט מיט שטאמ,
אונ עפעס מאָנט בא אימ, אונ עפעס מאטערט,
איז האָט ער איינעמ אָפּגעלאָזט א ליאמ
אפ זעקס ווערשאָק אינ טיפ פונ לײַב,
אונ ס׳האָט פונ מויל א זעצ געגעבנ בלוט!
אונ מער האָט ער פונ אָרט זיכ ניט גערירט.
האָבנ ארבעטער געפּאסקנט: — גוט!
האָבנ ארבעטער געפּאסקנט: — רונדיק!
האָבנ זיכ צונויפגענומענ יונגענ,
גלײַכ געשטעלט פאר ראָנדלענ ביר
אונ מ׳האָט אפ ברודערשאפט מיט אימ געטרונקענ.

ווענ יונגענ האָבנ אימ די האנט געקוועטשט,
איז אימ געווענ טרויעריק אונ טריב
צו טראכטנ:
— א מענטש דארפ קענענ געבנ פעטש,
וועט מענ אימ האָבנ ליב
אונ האָבנ צו אימ אכטונג!..

זײַנ זיידע האָט געשטאמט פונ ניקאָלײַעווער סאָלדאטנ,
פאנשטשינע געדינט פאר א פאסקודנעמ ארענדאר;
געכאפט מ׳האָט אימ אונ אימ פארשפארט
אונ אימ באשטאטנ, —
האָט ער אפ סטעפעס פונ ראָסיי געלערנט סטרוי,
דעמ בויכ געשלונגענ זינגענדיק אונ שפאנענד,
קאָוועד אָפּגעגעבנ גענעראלנ אינדערהויכ,
געדענקט „סלאָוועסנאָסט״ מער פונ „מודע אני״

און ביזן טויט געטראָגן דעם לאַקירטן דאשעק
מיט קאַנטן רויטע אַף אַ זײַטל,
און דעם מונדיר געשטשאָבעוועט און געקאַדאשעט,
און געגאַנגען אין באָד איעדן פרײַטיק
דאָס לײַב זיך קראַפּעווען ווי קופּער,
דאָס לײַב זיך אָנגליִען ביז בראַנד
געטרײַ און ערלעך,
און פון דער דריטער באַנק האָט ער געפּאָכט:
„אין באָד באַדאַרף מען גיין יאָמקיפּער,
ווען ס'איז דאָרט קיינער ניט פאַראַן,
ווען ס'שטינקט דאָרט ניט אַזוי געפערלעך!"
און פאַרן טויט,
ווען ייִדן האָבן שוין בײַ אים אין שטוב געדאַוונט,
האָט ער פון היץ זײַן פערטן דאָר גערופן — וואָוועס—
און אויסגעשאָסן, ווי מיט שרויט,
דאָס לעצטע
וואָרט:
— „נאַליע —ע—
וואָ!"

נאָר דעמאָלט האָבן ראָנדעלן געפירט
אין ווײַסן שטאַב
דעניקינער סאָלדאַטן גאָטספּאַרכטיקע פיר;
די אויגן האָבן בראָנפנדיק געברענט
און מאַוזערס האָבן קאַלט און גלײַכגילטיק געוואַרט,
און ס'דאַכט:
— זײַן זיידן האָט מען אויך אַזוי געכאַפּט
פאַר דעם פאַסקודנעם אַרענדאַר,
און אַלע יאָגט מען זיי דאָ נאָך,
און יאָגן וועט מען זיי נאָך ביזן צענטן דאָר,
און ווײַטן זײַנע קלאָר...
און איזן איז אים צוויי און צוואַנציק יאָר, —
און ס'טוט עפּעס אַ בראָך,
און ס'טוט עפּעס אַ זאָץ,

און ביינער קלינגענ אופ ווי קייטנ אָט אזוי —
אז נאָך א טראָט
איז — טויט !
און ראָנדעל גיט זיך א צעבערענ :
— איר !
קויכעס טאטעשע פונ טרעגערס אפנ פּאָרט,
אהינ אָדער אהער ! —
און ס׳שלאָגט שוינ ראָנדעל דאָרט
זיך שווער
מיט פיר,
מיט זעקס, מיט צענ,
און אויסגעדרייט זיך פונ אונטער די הענט
מיט א צעשלאָגנ לײַב,
מיט א צעריסנ העמד...

דערנאָך זײַנענ געגאנגענ שטארקע יאָרנ...
מיט ווילדנ סטעפּ האָט ראָנדעל זיך געראַמלט
צווישנ באלמעלאָכעס אָרעמע
און פּראָסטע קרעמער...

פונ ווײַטע געגנטנ געוואָרט האָט ער
אפ וואָגנס קרעכצנדיקע און אפ וויסטע צונג...
און צענ מאָל יאָך איז אים געווענ די ערד,
נאָר בלוט געזעצט האָט פונ זײַנ יוגנט.
און ווענ די העמד האָט דאָרט געפּלאצט אפ אים פונ טרויער,
האָט ער זי פּלינק געגעבנ אזא נעמ דאָרט
און אינ דער לופט מיט איר א פּאָכע:
— ס׳איז בא אונדז אזא מישפּאָכע,
וואָס מע ציט זיך אינ דער הויך
און סע רײַסנ זיך די העמדער...

ח

און אז געפרעגט האָט מען בא סראָליק שנײַדער:
— וואָס־זשע? סראָלעק, פאָרסט טאקע אפ ערד צו ווערן
א מאגנאט דאָרט?—
האָט ער ארויסגענומענע פונעם מויל א קרײַדל,
ארופגערוקט די היטל העכער,
די הענט געטאָן א וויש
און אויסגעקרײַדיקט זייער גלאטיק:
— אָט האָט איר אים, דעם כעשבן, אפן טיש:
ס'איז אומעטום פאראנענע לעכער,
און אומעטום באדארף מען לייגן לאטעס!
און ראז מע גיט אומזיסט איצאָעס,
און ראז דער וולאסט האָט אונדז אין קאָפּ געהאט דאָרט,
און ראז מ'האָט אונדז, ווי יעדן אָרעמאנ, געגעבן,—
איז פארוואָס
זאָל איך ניט פאָרן לייגן זיך א לאטע
אפ מײַן אייגן לעבן?—

איינ וואָנצי האָט ער נאָר געהאט,
דער וואונדערלעכער שנײַדער סראָליק;
די אנדערע האָט אים געפעלט.
נאָר פונקט און אקוראט,
ווי שנײַדערס אנדערע אפולע,
האָט ער זיך אָפּגעלעבט א וועלט
מיט יענער וואָנצי, וואָס ער האָט געהאט,
און מיט דער אנדערער, וואָס האָט געפעלט.

דאָס שיטער בערדעלע, וואָס איז געגאַנגען פֿון זײַנע ליפּן,
האָט אויסגעזען ווי עטלעכע פֿאַרסטריגעס פּוילע,
וואָס ער זאָל האָבן ערשט אַרויסגעטריפּעט
און ער האַלט זיי נאָך אין מויל.
און ס׳דאַכט זיך אויס
בײַ יעדן מאָל, ווען ער דערלאַנגט אַ הוסט,—
איז אָט־אָט ציט ער זיך אַרויס
אַ גראָווע האָר, ווי אַ טאַכריכימדיקן פֿאָדעם,
פֿאַרוואַרפֿט אַ פֿוס זיך אַף אַ פֿוס
און גיט זיך אין דער לופֿט אַ בלישטשע מיט דער נאָדל...

אַמאָל, אַמאָל— אין יערלעכן אין יענע —
איז סראָליק גאָר געווען אַ שנײַדער אַ וואָיענער.
און ס׳האָבן טעג זיך זינגענדיק געשטעפּט,
און ס׳האָבן זיך די יאָר, ווי העמדער אַפֿן לײַב געטראָגן,
און אונטער יעדן כאָגע —
ווי עס איז ניט,
האָט ער אָנגענומען אין דער גרעב
אַ שטיקל אַרבעט בײַם אַקציזניק...
און — צירונג —
האָט אין שטוב בײַ אים
געבלישטשעט פֿון וואָיענע קנעפּ
אַף בלוי־דיאַגאָנאַליעווע מונדירן,
ווי פֿון די פֿינקלדיקע שטערן אַפֿן הימל...
און אָפּצוגעבן טשעסט
האָט מען געקענט
איעדן מאַנעקען
אַזוי,
וואָס איז געשטאַנען שטאָלץ און פֿעסט
בײַ סראָליקן אין מאַסטערסקוי,
אין בלענדיקן מונדיר פֿאַרפּוצט,
מיט אויסגעפּראַלעטער, געבעטער ברוסט...

און ווי פֿאַרגליווערטע אין שרעק
אַנטקעגן יענע

הויכגעבורטיקע פארפוצטע מאנעקענע
זײַנען פּידזשאקעס — פּראָסט, ווי וואָכעדיקע טעג,
געהאנגען טרויעריקע אַפֿ דער וואַנט זיך,
און סראַליק שנײַדער האָט געשניטן מיט דער אײנער וואַנצי
ביז צו פּאַכעד:
„ארויסכאפּן א פּיצעלע אונטער דער פּאַכווע!"

און מ'האָט געכאפּט, געכאפּט,
געכאפּט זיך ביז צום טויט;
און ס'איז געווען קנאפּ,
און — נאָך א פּיצעלע אונטער דער הויט...

און אז אין טאַלנע איז געוואָרן א בעהאָלע,
און די בעהאָלע ט'זיך צעפּאסיקט
גרויזאמער און גרעסער,
און אז דערוווסט האָט זיך דער שנײַדער סראַליק,
אז מע טײלט שוין מעסערס
און מע טרינקט שוין בראָנפֿן אַפֿ די גאסן, —
האָט ער פּראָסירעט דאָס געניי,
אין הייסן פּעכ האָט
ער אראָפּגענומען פֿון זײַן ווײַב דאָס פֿינגערל אליין,
און אויסגעזוכט דעם שאַבעסדיקן בעכער
און דער סערדעט, —
א קלומעקל אזא געמאכט צורעכט דאָרט,
און —
גאָט ווייסט שוין, וואָס טוט זיך איצט דאָ...
און —
גאָט ווייסט שוין — ווו דארף מען איצטער יאָגן...
האָט ער דאָס קלומעקל אוועקגעטראָגן צום אקציזניק
און אויסגעסאפּעט אים אזוי צו זאָגן:
— מאָרגן וועט מען אלע ייִדן אונדז דערהארגענען,
און אויסקוילען מע וועט אונדז מאָרגן אלע!
איז האָב איך מײַן פּארמעגן דיר געבראכט...
ווײַל... עפּשער וועט א קינד זיך ראטעווען,

זאָלסטו אים, גאָספּאָדינ אקציזניק, שוינ ניט לאָזנ פאלנ,
ווי ניט איז דאָרט...
אונ אָפּגעבנ דו זאָלסט עס אפּ א טאָג צום איבערקומענ...
דאָס איז מײַנ צוואָע,
גאָספּאָדינ אקציזניק,
אונ דאָס איז שוינ מײַנ לעצטער טראכט,—
א גוטע נאכט !.. —

אונ סראָליק שנײַדער איז אוועקגעגאנ צו זײַנ ווײַב,
זיי זאָלנ דאָרט געקוילעט ווערנ אינ פּאָגראָם ;
אינ דרויסנ האָט געשמעקט מיט ווײַנ,
אינ דרויסנ איז געוועזנ גראָם...
ארויסגעוויינט האָבנ די קראָקוועס פונ די דעכער,
ווי ריפּנ מאָגערע פונ אונטער א צעריסנ העמד,
אונ סראָליק שנײַדער האָבנ זיך געכאָלעמט לעכער,
אונ סראָליק שנײַדער האָבנ זיך געכאָלעמט הענט...

אינ צוואנציק יאָר ארום
איז סראָליק שנײַדער אויך געפּאָרנ אפּ דער ערד
זיך אָפּנעמענ זײַנ ביילעך רו
מיט יידנ אָרעמע פונ טאלנע...
געקוקט אהינ, געקוקט אהער:
— אלע אָרעמע אזוינע אונ געפאלענע !
אונ ס'האָט זײַנ מויל ניט אופגעהערט
א שטיקל קרײַד צו נאָגנ,
האָט ער דעם כעשבנ געמאכט אזוי צו זאָגנ :
— ראז מע גיט אומזיסט איצאָעס,
אונ ראז דער וולאסט האָט אונדז אינ קאָפּ געהאט דאָרט,
אונ ראז מ'האָט אונדז, ווי יעדנ אָרעמאנ, געגעבנ,—
איז פארוואָס
זאָל איך ניט פאָרנ לייגנ זיך א לאטע
אפּ מײַנ אייגנ לעבנ ?..

9

פון כאסלאוויטש ביז אָדעס —
און פון טאלנע אין אוקראַינע
— ווער וועט אויסמעסטן די ווערסטן?
— ווער וועט אויסציילן די מײַלן?

פערצן ווערסט איז ביז א סטאנציע,
פון א סטאנציע — ווער קען וויסן?
שטעט און שטעט, גובערניעס גאנצע,
— פאָר און רײַט און גיי צופוס!

— מענדל, פרעגט דאָס ווײַב, ווי קלערסטו,
יידן פאָרן דאָך מיט באנען,
— וויפל איז, אשטייגער, ווערסטן
ביז אהינצוצו פונדאנען?—

— לאָז צורו דאָרט, מענדעלעכע!
ס'איז אן ארבעט, איז עס גלאט זיך,
פונקט ווי שטעל זיך ציילן לעכלעך
אין א פייסעכיקער מאצע! —

ס'טראָגט דער כעשבן... אזוי גרויס,—
אז ס'איז אלץ דאָ מיט א סייכל...
נ'אז סע קומט בא אים ניט אויס
גיט ער שוין אזא מין שמייכל:

— איך, ווער פאָרט עס דען מיט באַנען?
מ׳איז כאָלילע דען מאַגנאַטן?
אָט וועט מען די שקאַפּע שפּאַנען,
וועט א רועכ אינ איר טאַטן!

מ׳גיט א זאָג צום פערדל: „פעטער,
קום אָקאָרשט ארויס פונ שטאַל נאָר”,
אונ — א גוטנ טאָג דיר, שטעטל,
אונ — א גוטנ טאָג דיר, טאַלגע! —

ז׳אַפּנ אומעטיקנ וואָגנ,
מיט פאַרזאָרגטע רעדער שווערע,
אָנגעטאַסעט, אָנגעטראָגנ
פונ צו זען אונ פונ צו הערנ.

אונ ער שאַפּט זיכ, מענדל: פּעסטער!
אונ דאָס קאָל ער קארגט ניט העכער:
— די קאָראָמעסלע, פאַרגעס ניט,
באַלעבאָסטע, מענדעלעכע! —

ס׳האָט אזוי זיכ אָנגעקליבנ
פונ דער אָרעמקייט מיט יאָרנ, —
— אוי, דו טאַטעלע, דו ליבער,
אַפּנ גוויר געזאָגט געוואָרנ!

נאָר אַפּ נאַכעס, נאָר אַפּ לעבנ,
טעפּ פונ מילכיקס, ווי געשווירנ;
— וועט די שקאַפּע דען דערשלעפּנ?
— וועט די שקאַפּע דען דערפירנ?

קוישלעכ צוויי פונ אָטשערעטנ,
קישנס — אנדערהאַלבנ הארטע
אונ א הילצנ קינדערש בעטל —
מ׳זאָל, כאָלילע, ניט באַדאַרפנ...

— לאָז דאָס בעטל זײַן, זאָגט מענדל,
ס'קומט צונוץ, זאָגט ער, א בעטל
אפ די סטעפּעס און אפ פעלדער,
פונקט אזוי גוט ווי אין שטעטל...—

און ער שמייכלט — א צעבליטער:
— ווער א גוטער באלעבאָס איז,
גרייט אום זומער אָן דעם שליטן,
און דעם וואָגן נאָך אין אָסיען...

איצטער ליגט עס ניט אין זינען,
נאָר אפ סטעפּעס, אין די היצן
קען ארויס נאָך א מעזינעק,
ווי באם אלטן טאטן ייִצכאָק!..—

איז דער אומעטיקער וואָגן,
מיט פארזאָרגטע רעדער שווערע,
אָנגעטאסעט, אָנגעטראָגן
פון צו זען און פון צו הערן.

פעסלעך אלטע אָנגעטאָטשעט,
שקראבעס — שטײַגן הויך און העכער
און אינמיטן, ווי א קוואָטשקע,
זיצט אליין די מענדעלעכע.

— זע נאָר, מענדל — שטעלט זי אָפּ אים, —
סראָלעק שנײַדער, קיווע צאלעס —
און אפ מענדלען גלאנצן טראָפּן —
— נו, און אריע צעלניק? — אלע! —

— מענדל, זע נאָר, ביסט א מייווין?
ס'פאָרט דאָך עפּעס ס'גאנצע שטעטל! —
וואקסן וואָגנס, ווי אפ הייוון,
און א וועג איז א געבעטער.

— נו, אוואדע, נו, וואָס מיינסטו? —
און דער שווייס פון מענדלען טריפט;
— דאָס, פארשטייסטו מיך, ווי הייסט עס,
איז דאָך א... א קאליקטיפ! —

קוקט זי זיך מיט וואָגנס איבער,
קוקט צו יעדערן זיך צו,
און די שקאפע פאָכט און כריפעט,
אָט־אָט שפייט זי אויס די צונג.

גיט א ריר זיך מענדעליכע
פונעם וואָגן פון דער טיפ:
— זאָג־זשע מיר נאָר, מענדל, כ׳בעט דיך,
וואָס הייסט א... א קא־לי־טינ?

קראצט זיך מענדל ג׳האלדז און נאקן,
ער צעשפיליעט זיך דעם פאסיק, —
לאָזט דאָס הארץ צום פערד אויס קנאקנד:
— איי, ווי קריכסטו, דו שלימאזל?

אָנגעטראָגן אפן סטעפ האָט, —
הא? וואָס זאָגסטו? ווי סע הייסט?
איי, וואָס האָסט זיך אָנגעקלעפעט,
איי, וואָס טשעפעסט זיך — איך ווייס?

ס׳איז מיסטאָמע — צו דעם פאָרן,
דיר א דייגע, וואָס סע הייסט; —
און ער גיט דעם פערד א טאָרע,
און די אויגן א פארגלייז:

— קאליקטיוו איז דאָס... וואָס אלע... —
עפעס פאסיקט ער די קרייקע
און ער פאָכט מיט בייטש צו טאַלנע:
— היידא, היידא, — ניט געדייגעט!

10

פון א שטעטעלע — א גענעץ,
פון א שטיבעלע — א שטײַגל,
נאָר מיט קינדער, ווי די גענדז,
און א וועג איז — ניט געדײַגעט!

כאָטש א וואלגער אפ אים טאָן זיך,
כאָטש זיך אויסציִען אינגאנצן,—
מ׳עט אָט דאָ שוין ניט פארבלאָנדזען,
— ווער א שטעטל? וואָס א סטאנציע?

ס׳שמעקט אזוי דער סטעפ מיט פרילינג,
און דאָס הארץ איז אין דער לופטן;
אזא ברייטקײַט, אזא שטילקײַט,
און סע דאכט זיך, אז מע רופט אים...

פערציק ווערסט און פערציק מײַלן,
און דאָס שקאפקעלע געטרײַ גייט;
— אלץ אפ שפעטער, נאָר דערווײַלע—
וויאָקעט מענדל:— ניט געדײַגעט!

איז מען זיך אזוי פאוואָלי
ניט געפאָרן, נאָר געקראָכן,—
— ווער האָט דען געציילט די צאָלן
פון די טעג און פון די וואָכן?

װעג — אהין גײט, װעג — אהער גײט,
װער — אהין און װער — פֿונדאָרטן;
דאָ — א טאָל און דאָרט — א בערגל,
און די פֿעלדער, װי די קאָרטן.

יעדער בערגל, װי א טרעפּ איז,
און די טרעפּ זײַנען צעשטעלטע:
— װוּ דו װארפֿסט אן אויג — איז סטעפּעס,
װוּ דו װארפֿסט אן אויג — איז פֿעלדער!

אָט אביסל פֿעלדער דאָ איז,
אָט א שטיקעלע מאַיאָנטעק:
— עפּשער האָב איך גאָר א טאָעס?—
טראכט זיך מענדל און ער פּלאָנטערט...

און דאָס פֿערדל — אַף די קני׳ען
אָפּגעהאָרוועט, אָפּגעפּלאָגט זיך —
און אנטקעגן — אינדערפֿרי׳ען
פֿרידלעך — שטילע, װי די אָקסן.

און אנטקעגן יונגעמאנען
מיט ארשינען און מיט צירקלען,
און זײ פֿרעגן אויס „פֿונוואנען?"
און „גוט־מאָרגנס" זײ פֿארפֿירן.

און אָט איז דער כאוועך טומין,
ס׳האָט דער אגראָנאָם — באגעגנט —
גלײַך איז ער אונטערגעקומען
און ער פֿרעגט:— פֿון װעלכן געגנט?

אויגן — פֿעלדיקע און טריבע,
אויגן — אָנגעטריפֿט מיט טרויער,—
פֿרעגט בא יעדערן זיך איבער,
ב׳אלע גלײַך זיך אים פֿארטרויען:

— א גוט־מאָרגן צו אײַך אלע! —
ענטפערט מענדל: — איבערוואַנדער
פון כאַסלאַוויטש און פון טאַלנע
און פון שטעטעלעך פון אַנדרע! —

און דער וואָגן שטעלט זיך שטויביק,
ווי ער וואָלט אַזוי פאַריזנעט;
האָט זײַן ווײַב דערלאַנגט א הויב זיך:
— מענדל! אָט־אָ דאָ שוין איז עס?

ס׳איז דאָך נאָך אינמיטן וועג גאָר,
ס׳איז דאָך נאָך דאָס פעלד גאָר, מענדל!
מענדל, עפּשער דאַרף מען פרעגן? —
האָט זיך ס׳ווײַב צו אים געווענדעט.

שמייכלט מענדל: — אוי, דו אישע,
דאָס־אָ טאַקע איז דער סייכל!
דאָס איז דאָך די... הא? נו, ווי־זשע? —
און ער סאַפּעט און ער שמייכלט.

יעדער בערגל, ווי א טרעפּ איז,
און די טרעפּ זײַנען צעשטעלטע:
וווּ דו וואַרפסט אַן אויג — איז סטעפּעס,
וווּ דו וואַרפסט אַן אויג — איז פעלדער!

שטייט ער מענדל אַף די פעלדער
און ער קלערט און טראַכט פאַרטרויערט:
— וואָס קען טון אַזא מין מענדל
מיט אַזא מין וואָגן סכוירע?

ווער בין איך און וואָס בין איך דען?
נ׳וואָס בין איך אין דר׳היים געווען דען?
און צו וואָס איז דען געגליכן
אַף דער וועלט אַזא מין מענדל? —

נאָר וואָס איז דאָ לאנג צו טראכטנ?
נאָר וואָס איז דאָ לאנג צו קלערנ?
די מאכשאָוועס וועלנ ווארטנ,
זיי׳ענ ניט פארפרוירנ ווערנ.

א פארזאמלונג אויסגערופנ,
יידנ אָנגעפעלצט מיט בערד:
— נו, וועט מענ מיט מאזל פרווונ
מאוועד זיינ א פארשע ערד!

זשומענ יידנ, שטופנ בערד זיכ
אלע נ׳ייגעמ מיטאמאָל;
אונ פונ אלע העכער הערט זיכ
קיוועס ציקלדיקער קאָל.

אונ די אויגנ זיינע שיסנ:
— וואָס פאר א פּאָראדעק? איכ...
— וואָס פאר אלע פונ איינ שיסל?
יעדער טוט זיכ זיינס פאר זיכ!

יעדער ייד האָט זיכ געבראכט דאָ
וואָס ער האָט אינ דר׳היימ געהאט;
וועט מענ ווי־ניט־איז באטראכטנ —
ווער אונ ווו אונ אקוראט! —

— ווײַמפערלעכ א פולע נאָז האָט, —
שרייט א שניידער, — ט׳ער געבראכט;
אונ די נעזלעכער זיכ בלאָזנ
אונ זיינ ייכעס פונ זיי שפארט. —

נ׳אריע גיט פונ זייט א ריס זיכ
אונ א מיימער האָט שוינ אריע:
— נ׳אז מע וויל ניט פונ איינ שיסל,
וואָס־זשע קומט עס דאָרט דערפאר אימ?

— אז זיי האָבן שוין פאַרכאַפּט דאָ,
ווי א לאָך און ווי א צעל נאָר! —
שרייַט אים מענדל: — שא, ניט ראַפּטאָם,
ציקלט זיך ניט, פּאַני צעלניק! —

— ווער האָט דאָ דעם גלאָוונעם גאָלאָס?
הא? וואָס דרייט ער דאָרט און ברייַעט?
סטאָליערס, מוליערס, באַלאַגאָלעס
און אזוי אָרעמעלייַט! —

האָט א טייל זיך אָפּגעטיילט דאָרט
אָרעמאַנדלעך — איינס און איינס;
שוין געווען זייַנען געוויילטע,
נ׳מענדל האָט גערעדט אליין:

— איז פאַרקאַשערט, ייִדן, אַרבל,
איינס אין איינס — א גאַנצער שאָק —
זיך גענומען צו דער אַרבעט,
אין א מאַזלדיקער שאָ! —

דער — א קעסטל, דער — א ברעטל,
דער — א לייַסטל, דער — א סטויפּל,
דער — א זעקל, דער — א רעדנע,
און — פון אָנהייב, פון מאַטויווו.

און אהינצו און אהערצו,
ניט געדרייט און ניט געקראַצט זיך;
שטעקן, פלעקער אין דער ערד שוין,
ווענטלעך באַקן זיך ווי מאַצע.

אייַ — א דאַך? נו, ווו ז׳געשריבן,
אז א דאַך דאַרף מענדל האָבן?
מענדל האָט ניט קיין פּאַריבל, —
איז געקלאָפּט דאָרט און געגראָבן.

— הער נאָר,—פרעגט זײַן װײַב,— פאראנען
כאָטשבי ערגעץ־װוּ ארױסגײן ?—
— בהײמע,— ענטפערט ער,— פונװאנען ?
ביסט דאָך, דאנקען גאָט, אין דרױסן !—

ייִדן גראָבן, ייִדן טעסען,
אי באנאכט און אינדערפרי שוין,—
ניט געלײגט זיך, ניט געזעסן,
און עס װאקסט אין פעלד א ייִשוּב.

שטיבלעך — קלײן און קלײן און קלענער,
שטאלן, שאָפּקעלעך זיך פּאָכען ;
און א װינקעלע — פאר לעניִן,
און די הערצער — פאר ביטאָכן.

און זײ רופן א פארזאמלונג
אפן דרױסן, אפן גראָמען :
פאר א ייִשוּבֿ אזא מין
דארף מען עפּעס דאָך א נאָמען !

אָפּגעקלערט און אָפּגעדײַגעט
האָבן יונג און אלט און אלע,—
און מיט קעפּ און סײכל דײַקע
פון כאסלאװיטש און פון טאלנע.

נאָך אן אָװנט. נאָך א צװײטער.
ס׳קלערן יענע, ס׳קלערן — די ;
טײַנעט מענדל, שרײַט :— כאװײרים,
קלערן דארף מען — קאָל־עק־טיװ !—

און ער שלאָגט זײ איבער, מענדל :
— אױך א דײַגע ? ניט קעדײַ גאָר !
צײַט איז טײַער. איז אן ענדע.
זאָל עס הײסן :—„ניט־געדײַגעט !“

חענ אריע ז'ארײַנ זיכ פארשרײַבנ אפ נאכלע,
איז שטילקײַט געגאנ אינ געזוערד איבער ווענט;
— א באָכער. א טישל אונ נאָכ א פאָר זאכנ.
האָט קיווע צו אימ מיט די הענט זיכ געווענדט:

— האקיצער האמײַסע, כ'וועל, כאווער, אײַכ זאָגנ,
ס'איז איצטער — אד נעפעש — די צײַט איז אזא מינ;
איכ זע, אז איכ רעד מיט א מענטש, וואָס איז באָקע...
איז וועל איכ ס'אײַכ געבנ פארשטיינ מיט א מײַמער! —

האָט אריע צעלייגט זיכ מיט פסוקימ א זאק דאָרט,
גערעדט מיטנ הארצ אונ געשוויצט אונ געהערט:
— איר געדענקט דאָכ מיסטאָמע דאָס וואָרט: — וועהעכזאקטאָ,
איז מיינט עס: — זיכ האלטנ בהאדאָמאָ — בא דר'ערד! —

אונ נאָכעט א פאָסעק געווענ איז שוינ פארטיק,
פארגרייט אונטער גראָבע געפילנעטע ליפנ;
סקריפעט דער באָכער מיט נעזלעכער הארטע,
סקריפעט די פענ אונ די אויערנ סקריפענ.

סקריפעט דער באָכער, אונ אריע — ער רעדט,
אז ס'ליגט אונ סע צאפלט א מײַמער אינ מויל אימ.
גיט זיכ דער באָכער א הייב פונ דער ברעט,
אונ אריע — אנטקעגנ, דעמ האלדז, ווי צומ קוילענ...

איינ האנט אפנ רוקנ, דער רוקנ פארקלערט,
אונ ווינקלענ אפ שטערנ פונ דאשעק זיכ שפארנ;
האָט אריע א הוסטל געשענקט דעם געזערד
אונ פארשטאנענ האָט ער, אז מע ווייסט, אז ס'איז — אריע...

אריע, רעב צאלע דעם שניטקרעמערס איידעם,
וואָס פלעג אמאָל פירנ קיינ קארלסבאד דעם מאָגנ;
מע ווייסט פונ א ווייב מיט געקליבענע גיידערס,
אונ א הוסטל אזא איינ געזערד האָט צו זאָגנ. —

מע ווייסט, אז דאָס הוסטל געשענקט האָבנ קראָמענ,
צעלניקער קראָמענ פונ גרויסע יארידנ,
וועג געלט מ'האָט געלייזט בא זיינ ליבינקנ נאָמענ,
אונ פאסנ פראָצענט בא די אָרעמע יידנ...

פארלוירענער שטאָלצ איז איינ פאָנעם אריינ אימ:
מע ווייסט איינ געזערד, אז ס'איז אריע, דאָס איז ער,
אז אָט־אָ דאָס הוסטל געטאָנ האָבנ מיימערס
פונ דאווענענ צענדלינגער יאָרנ איינ מיזרעכ...

איז אריע געשטאנענ; געווענ איז ער זיכער:
מע ווייסט איינ געזערד, וואָס מיט אימ איז געשענ;
אז אָט־אָ דאָס הוסטל געטאָנ האָט זיינ ייכעס,
וואָס ציט זיכ אוואדע, געוויס, פונ באלשעמ...

נאָר שטיל איז געווענ איינ געזערד. ס'האָט געסקריפעט
דעם באָכערס פארדייגעטע פענ אפ פאפיר;
איז אריע געשטאנענ, געצוקט מיט די ליפנ,
אונ אויגנ אפ ווענט פונ דעם צימער געפירט.

ער האָט זיי געזוכט, די פארגאנגענע יאָרנ,
פונ קאָפ פונ געבויגענעמ גראָבט ער אונ רייסט זיי;
— יאָרנ פארגאנגענע, יאָרנ פארלאָרענע,
— יאָרנ, ווי אָנגעשטאָפט־פולינקע טייסטערס...

ער זעט זיי, די געלטנ — פאפירענע פלאכטעס,
— וואָדענ? נו, אוואדע, נו, יאָ — אָדאָמ דויעג...
איז ער געשטאנענ אזוי אונ געטראכט, אז
ס׳וועט גאָט זיכ אימ שעמענ איצט קוקנ נ׳די אויגנ...

ער האָט נאָר פאר אימ ניט קיינ פאסיקנ מייַמער,
אזוי ס׳זאָל א ציפע אימ טאָנ בא די לעבער...
אונ זאָל ער געדענקענ, אונ זאָל זיכ דערמאנענ,
אז אריע געטרייַ האָט געדינט אימ דאָס לעבנ...

אז ס׳איז דאָכ א כארפע פאר אימ, פאר רעב אריענ,
צו שטיינ אָט־אָ דאָ פאר דעמ באָכער באמ טישל
אונ זינקענ אינ דר׳ערד מיט די שטיוול די דארע,
נ׳זיכ קליאנטשענ פארשרייַבנ אפ נאכלע, — נאָר ווי־זשע?..

אז דאָ, אינ געזוערד, איז שוינ גאָרניט קיינ אויסזיכט
זיכ טרעפנ מיט גאָט אונ אימ זאָגנ א מייַמער...
ס׳קריכנ באמ באָכער פונ פינגער די אויסיעס
אונ לויפנ זיכ ערגעצ פאנאנדער אפ מיילנ...

א קלייניקער צימער. איינ פענצטער. איינ טישל.
באהאנגענ די וואנט איז מיט מאפעס, פלאקאטנ;
טראקטערס אינ קאָרנ, אונ פערד, אונ סע טרייַבנ
זיי הוילינקע יידנ אונ פריילעכע יאטנ.

האָט אריע באטראכט דאָרט די וואנט לעכאטכילע,
באטראכט דעמ פלאקאט, וואָס פונ דיל ט׳זיכ געצויגנ;
ארויסגעבאקומענ פונ וועסטל די ברילנ
אונ פירנ גענומענ די גיריקע אויגנ.

גענומענ זיי פירנ אהינ אונ צוריק דאָ
אונ לייענ גענומענ אינ דר׳הויכ אונ זיכ דרייענ:
„פראָדוקטיוונעי טרוד אָסוואָבאָדיט יעווריעיעוו",
געליינט אונ געסמאָקעט, געליינט אונ געקוויקט זיכ...

— דאָס איז עס. דאָס מיינט מענ. דאָס איז עס, נו, יאָ, נו,—
אונ ווידער צומ באָכער באמ טישל אפ גיכ:
— ס'וואָלט אוואדע געקומענ אפ אייכ „שעכעיאָנו",
ווייל איר זיינט, ווי זאָגט מענ בא אונדז, דער שאָליעכ!—

אונ אריע ט'מיט פינגער געגעבנ א טייטל
אפ פארביק־געמאָלטנ פלאקאט פונ דער וואנט:
— איי, איי, איי,— ט'ער געדרייט מיטנ קאָפ אינ די זייטנ,
אונ טייקעפ א טאפ אימ געטונ מיט דער האנט:

— אונ דאָס?— האָט ער וויי̆טער צעפרעגט זיכ באמ באָכער,—
אָט דאָס מיט די רעדער — ס'איזא מאשינעריע?
נו, יאָ, נו, אבי נאָר מיט מאזל אונ בראָכע,
איז דאָ וואָס צו זענ אונ ס'איז דאָ וואָס צו הערנ!—

— וואָס מאשינעריע? וואָס מיימער? וואָס האקט איר?—
האָט בייז שוינ דער באָכער א בורטשע געטאָנ;
— א ייִד, וואָס אפ ערד גייט, דארפ וויסנ:— ס'א טראקטער
אונ זעצט זיכ אנידער אונ לאָזט עפעס טאָנ!—

— נו, אוואדע, מע וויסט. אונ מע וועט עס ערשט וויסנ.
היסקאלטי מיקאָל,— ווי דער מיימער האמשוירער,—
ס'האָט ערגעצ א קנעפל זיכ אימ אָפגעריסנ—
— נו, זיצנ איז זיצנ, איז זיצ איכ אונ שוינ!—

ער האָט זיכ געבויגנ, געדרייט אונ געפאָרעט;
נ'דער באָכער ט'מיט אויגנ געטאָנ אימ א קלאמער:
„פאמיליע?"— „גרינשפאָנ"; „דער נאָמענ?"—„ר.. המ.. אריע!"—
„מיט וואָס זיכ באשעפטיקט?"— „המ.. כ'לייכ זאָגנ א מיימער!"

— געשעפט צו געשעפט איז, ווי זאָגט מענ, ניט גלייכ.
מ'האָט אלצ שוינ געפרווט. ס'איז שוינ נימעס זיכ דרייענ;
דאָס איינציקע— וואָס אפ דער וואנט דאָ בא אייכ:
„פראָדוקטיוונעי טרוד אָסוואָבאָדיט יעווריעוו"...—

ט׳א גלאַנץ געטאָן עקל באַם באָכער נ׳די אויגנ,
א קריץ געטאָן האָבנ די ציינ אונטער ליפּנ;
א דריי מיטנ קאָפּ אונ די אקסל צעצויגנ,
אונ ווידער מיט פּענ אפ פּאַפּיר זיכ צעסקריפּעט.

אונ צווישנ פּאַפּירנ, ווי צווישנ געווירצנ,
ז׳געקראָכנ דער באָכער — זיי האָבנ געבליט דאָ;
אונ אריע ז׳געזעסנ. פונ אָרט ניט גערירט זיכ,
געקוקט ווי ס׳פּארשרײַבנ זיכ אנדערע ייִדנ.

— נו, גוט, בירגער גרינשפּאָנ. נו, גוט, איר זײַנט פרײַ שוינ,—
ט׳דער באָכער געוועגדט זיכ צ׳א צווייטנ פּארשוינ;
א סמאָק געטונ אריע די אויגנ ווי ווײַנשל:
— נו, מיט מאזל. מיט בראָכע. אימירצעשעם. שוינ!—

איז אריע געגאנגענ, געטײַנעט צו מענטשנ:
— פּארשטייט זיכ, איכ וועל מיט א מאָשל. נו, ווי־זשע?
כאָדאָבע — ז׳פונ גאָט. אונ א וואָגנ — ווי דענ־זשע?
די שטוב איז א שטוב אונ די ערד — איז יערושע!

מע דארפ מיטאמאָל נאָר ניט פאָרנ אינײנעמ,
אז ס׳זאָל דאָרט ניט שוילעט זײַנ קיינ אײַענהאָרע:
אזוי־אָ, צוביסעלעכ, איינער אונ איינער,
אויב — אלע? ז׳קאפּאָרע דאָס גאנצענע פאָרנ!—

אונ ס׳האָט זיכ א כעשבנ דאָרט אריע בארעכנט,
אונ איבערגעלייגט האָט זיכ אריע דאָרט דרײַ מאָל:
— טיא! וואָס איז אזוי צי אזוי די אוספּעכע?
אונ ס׳קומט טאקע אויס אָט אזוי ווי דער מײַמער:

א שאָפ קענ מענ קוילענ, ווענ מ׳איז אפנ אָרט דאָרט,
מע קענ פונ א שאָפ אויכ אראָפּנעמענ וואָל,—
האָט אריע גענומענ צעעפנט דעמ אָרדער,
פּונקט ווי זײַנ טאטנס אנ אלטע צאוואָע... —

מע דאַרף זיך נאָר קענען א דריי טאָג, ווי ס'מאַכט זיך,
פאַראַן אומעטום איז א טײַערער גאָט;
איז — וואָס ס'איז צום נעפעש, און — וואָס ס'איז צום האַרצן,
און — וואָס ס'איז צום דאָרף, און — וואָס צו דער שטאָט!

מ'עט פאָרן, מ'עט זען, מ'עט א קוק טאָן, וואָס איז דאָרט,
וואָס מ'האָט דאָרט און ווי — מע וועט זען אַקוראַט;
און טאָמער איז דאָרט אף דער עמעס — א וויסטע,
איז צעלניק — א שווער, און מע שפאַנט — אף נאַזאַד!

און אַרײַנגעפּאָרן קיווע אױפֿן דאָרף איז מיט אַ מיניען,
און דאָס װײַב זײַנס אױף דער צײַט, און מיט אַ פּאָר שפּאַקאָװנע פערד ;
דרײַ בעהײמעס און דרײַ זין, אַ סײפער־טוירע און אַ טכינע,
און אַ שױפֿער, און אַ כאַלעף, װי אַן אױסגעשלײַפֿטע שװערד.

נו, איז קיווע אױף דער עלטער זיך געװאָרן אַ פּאָסעסער,
ס'װעלן קעלבן זיך די קי'ען, ס'װעלן פּאָרן זיך די פערד ;
ס'װעלן לײגן זיך די הינער, און די מילך װעט זײַן אױף פעסער,
ס'װעלן טראָגן אים די טשינגשן דאָרט דער גאָרטן און די ערד.

און די יונגען פּאָרן זוכן אין די שטעט אַרײַן זיך קאַלעס,
פעט־געפֿילנעװעטע מײדן מיט אַ ייִכעס און נאַדאַן ;
אױסגעפּאַרקנט קיװעס שטיבל און אַרומגעלײגט זײַן שטאַל איז,
און עס גיסט זיך אָן מיט גרינקײַט און מיט צײַטיקײַט זײַן שטאַנד.

נאָר אין ייִשעװ גײט דאָרט קיווע אַ פאַרשטעלטער אױף די װעגן
נאָר אין דאָרף גײט אום זיך קיווע אין זײַן קאָרענעם כאַלאַטל ;
הײלע לעכער, הײלע לאַטעס און װען זײַן עס זאָל נאָר מעגלעך,
װאָלט זיך קיווע אױפֿן פּאָנעם אױך אַװעקגעלײגט אַ לאַטע,

אַז מע זאָל אױף אים זײַן פעסטע באַלעבאַטישקײַט ניט אָנזען,
װײַל סע דאַכט זיך אַזױ אױס אים, אַז פון יעדער זײַט מע קוקט;

ווײַל עס דרייען זיך דאָ ווינטעלעך, און ווינטעלעך דאָ בלאָנדזען,
ווײַל עס קען אים אזא ווינטעלע דאָ אָפּקאָסטן א קו...

און ס'שלאָגט באַ אים פון פענצטער דורך די פאָרהאנגלעך
א שטילקײַט,
און אז טאָמער דארף מען קיִוען, איז ער קיינמאָל גאָר ניטאָ.
און אָט פאָרט ער דיר אין שטאָט ארײַן און ברענגט זיך
א קאָסילקע
און פארדינגט זי צו די פויערים — א קערבל פארן טאָג.

און טאָמער דארף מען קוילען, — נו, איז קיווע און געקוילעט,
ער האָט זיך דאָך א כאלעפּ און ער קען אליין די זוויכע;
אין די ביינער אלע קאָשערע צעטיילט ער צווישן אוילעם,
און דאָס פעטע פלייש דאָס גראָבע און דאָס ווייכערע —
פאר זיך.

זאָגט צום ווײַב זײַנס שויכעט קיווע, זאָגט איר: — נארעלע,
וואָס ביסט!
אז מע קען נאָר קאָשער שעכטן, וואָס־זשע — עסט מען
פלייש אומזיסט!
און ביזוואנען קיווע צאלעס קען נאָך טרייבערן אליין,
וועסטו מירטשעם עסן פליישן, און די אנדערע — דעם ביין! —

נ'אז א ייִד אין „ניט־געדײַגעט" וויל זיך אָפּקאָכן א טעפּל
מיט א פליישיק ביסל יושקע, ס'זאָל כאָטש אומשווימען א ביין;
מוז ער דורכשנײַדן די פעלדער, מוז ער דורכשנײַדן די סטעפּעס,
מוז ער קומען, מוז ער אָנקומען צו קיווען גלײַך אליין.

קיווע איז אין „ניט־געדײַגעט" אי דער שויכעט אי די יאטקע,
קיווע האָט דאָרטן דעם כאלעפּ, קיווע האלט דאָרטן די בראָכע;
און סע גייט באַ אים אַפּ העלדזער פון די לעמער אזוי גלאטיק,
בלויז די פויערטעס נאָר קרעכצן, בלויז די פויערטעס נאָר אָכ'ען.

—לאָזט, רעב קיווע, מיר אַרונטער פֿון דער ברוסט, א שטיקל קאָדע,—
בעט זיך בא אים אַריע צעלניק,—לאָז כאָטש זײַן א ברעקל
שפּאָנדרע; —
שטייט ער קיווע מיטן מעסער:— כ'קען אײַך געבן די האגאָדע,
ס'איז בא מיר אין „ניט־געדײַגעט" ניט קיין כאָגע, ניט
קיין יאָנטעוו! —

אַריע צעלניק האָט זײַן אייגנס גאָר א ציקלדיקע שטימע,
נאָר זי שטייט בא אים, בא אַריען, ווי אין טאַלנע שטייט
די מיל;
גיט ער זיך אַזוי די אויגן א פאַרגאַפּע צו דעם הימל,
ס'הייסט:— ביזוואַנען? —„אָ" און „מע", נו, און וואָס איז
עס פאַר א מין?

איז פֿון צײַט צו צײַט א קרעכצל, איז פֿון צײַט צו צײַט
א הוסטל,
אַז אַף טאַלנע טראָגט ער, אַריע, דעם פּאַריבל נאָך פֿון לאַנג;
זיבן יאָר אונטער דער נאָז אַזוי א מינכעלע ס'געמוזט ער,
גלאַט אַזוי צוליב צעלאָכעס, צוליב יִכעס און פאַר שאַנד...

אַז א שטימע, אַז א קיילע ליגט אין האַלדז בא אים פאַרקאָוועט
א מאַיאָנטעק ליגט אין האַלדז בא אים, א וועקסל אַף דער שטאָט;
און עס וואָלט אים „ניט־געדײַגעט" אַנדערש אָפּגעגעבן קאָוועד,
נו, איז שרײַט אַף אים איצט קיווע: שפּראָנדע גיב אים
גאָר — נישטאָ!

ב'מענדעליכע טראָגט די ביינער, קיוועס ביינער אינעם קוישל
און זי קלאָגט זיך פאַר איר מענדלען און זי רעדט זיך
אויס באַם מיטאָג:
— כ'בעט זיך בא אים, ווי ב'א גאַזלען, כ'בעט: רעב קיווע,
האַקט אַזוי שוין,
האַקט עפּעס אַרויס פֿון הינטן, אָדער דאָ פֿון אינדערמיטן...

ענטפערט ער מיט קאס מיר, קיווע, ענטפערט:— האקנ,
שמאקנ, כ'וויס שוינ,
כ'וויס שוינ, וואָס איכ האָב צו טאָנ דאָ, אונ איר זייַנט בא
מיר ניט איינע,
ווערט, זאָגט ער, אליינ א שעכעט, וועט איר, זאָגט ער, עסנ פלייש,
נ'אויב אייַכ ווילט זיכ קאָשערס דייַקע, טאָ, זייַט מויכל,
זאָגט ער,— ביינער!

שמייכלט צו איר מענדל ביינעק:— ביינער! האָדי! ניט געדייַגעט!
אָפגעגעסנ,— נו, איז פארטיק. איז שוינ רעדנ וואָס ניטאָ שוינ;
דאנק גאָט, דאנק גאָט, מענדעלעכע, זאָג אים קיוועג נאָכ— א דאנק,
וואָס ער גיט דיר ניט, ווי אריע, נאָכ א מייַמער, צי א מאָשל...

וואָלסטו נאָכ געדארפט זיי קאָכנ, זייַנע מייַמערס אונ מעשאָלים,
איז שוינ גלייַכער, מענדעלעכע, איז שוינ, דאכט מיר, ביינער—
בעסער;
ער וועט, וועסטו זענ, נאָכ ווערנ, מענדעלעכע, דאָ געשוואָלנ
אָט דער שיינער ייִד, דער קאצעוו, דער פארבלאָזענער פאָסעסער!

אונ שאבעס דאָרט באם מיניענ, דאָרט אינ שטיבעלע אינ זייַנס,
איז ווענ ער נעמט צום ציקלענ אונ צו שיקלענ זיכ באם אָמעד,
אוי, איז וואָלט איכ מיט דער קראָמעסלע אים וויפל ס'וואָלט אריַינ,
אוי, איכ שווער דיר, מענדעלעכע, איכ שווער דיר בא מייַנ נאָמענ!

גיב אפ אים א קוק נאָר, אפ דעם שויפער — טרייסט זי מענדל,—
ס'איז אים פונ דעם קארק זייַנעם — דאָס קיפקעלע שוינ רויט;
אז ער מאכט עס אזוי שטיל — די קאָסילקע אפ ארענדע,
אונ ער מאכט זיכ טאמעוואטע, אז ער האָט ניט אפ קיינ ברויט!

יאָ, פארשטייט זיכ, אז ער וועט זיכ דיר פארלאָזנ אפ א מענטשנ,
יאָ, פארשטייט זיכ, אז ער וועט דיר מיט א מאָשל. יאָ, נו,
ווי־זשע?

— אז כאָדאָבע—איז כאָדאָבע! און א וואָגן — איז וואָדען־זשע?
— אין די שטוב איז א געשאנק; נו, און די ערד — דאָס
איז יערושע! —

— — — — — — — — — — — — — —

שמייכלט צו איר מענדל ביינעק:— ביינער? האָדי! ניט געדייגעט!
אָפּגעגעסן,—נו, איז פארטיק, איז שוין רעדן וואָס ניטאָ שוין;
— דאנק גאָט, דאנק גאָט, מענדעלעכע, דאנק גאָט, סײַוויסײַ גאָר,
וואָס ער גיט דיר ניט, ווי אריע, נאָך א מײַמער צי א מאָשל.

וואָלסטו נאָך געדארפט זיי קאָכן, זײַנע מײַמערס און מעשאָלים,
איז שוין גלײַכער, מענדעלעכע, איז שוין, דאכט מיר, ביינער—
בעסער;

ער וועט, וועסטו זען נאָך, ווערן, מענדעלעכע, דאָ געשוואָלן,
אָט דער שיינער ייִד, דער שעכעט, דער קאצײַלע, דער פּאָסעסער!

13

נאָכדעם ווי דער כאַוער ראָנדעל
האָט געענדיקט די פּאַרטיי־שול,
האָט ער זיך אַ קאָפּ געפּלאָנטערט —
בלײַבן ניט געהאַט קיין כּיישעק

פאַר אינסטרוקטער בײַ ייִדסעקן,
ניט אין שטעטל, ניט אין שטאָט;
ס'האָט געצויגן צריק אַוועקגיין
אַף דער אַרבעט אין זאַוואָד.

צריק אין צעך אַרײַן אין זײַנעם,
צריק אין רויש פֿון שטאָל און בראַנד, —
צריק מע גיט אים אַן אַרײַננעם,
אַ באַגעגן, מיט הוראַ!

— ראָנדעל! ראָנדעל! או, מע וואַרט שוין,
בראַוואָ, ראָנדעל — ראָנדעליוק!
נו, דערקענסט אים ניט, דײַן וואַרשטאַט,
שוין אַ נײַער, ראָנדעל, קוק!

מ'האָט אַרײַנגעפֿירט דאָ נײַע,
נײַע, ראָנדעל, ס'גייען נאָך;
ס'וואַקסט: קיין הענט וועט באַלד ניט סטײַען,
יעדער טאָג און יעדער וואָך;

נו, דערציייל נאָר, ראַנדעל, ברודער,
ווו איז בעסער — דאָ צי דאָרט? —
ער דערפילט א הייסנ הודע
אונ ס׳פארפעלט אימ שוינ דאָס וואָרט...

ס׳ווערט אימ הייס, ווענ ער דערמאנט זיכ
אינ זאוואָד, אינ ערשטנ טאָג;
בלוטנ זייַנע זיכ צעטאנצנ
אונ סע גיט אימ אזא טראָג.

— נו, גענוג דיר, ראַנדעל, זיצנ,
זיכ פארזעסנ שוינ צו לאנג! —
א פראָביר גיט ער די ביצעפּס
אונ א רייַב זיכ האנט אינ האנט:

— אויס מיט ביכלעכ אונ מיט העפטנ,
ארבעט לעבעדיקע — אייַנ! —
אונ כאוויירימ יונגע טרעפט ער:
— וואָס איז דאָ פאראנ צו ברייַענ?

— צריק, צוריק! מע גייט. נו, ווי־זשע? —
ס׳גיט זיכ אימ דאָס הארצ א שנייַד:
ער דערפילט זיכ פלוצימ פרישער,
ער דערפילט זיכ פלוצימ נייַ.

דרייַצנ יאָר אינ ניקאָלייַעוו,
ווי איינ לעבעדיקנ טאָג, —
האָט זיכ ראַנדעל אויסגעבלייַערט
זייַנע הענט באמ טאָקנ שטאָל.

ס׳האָט דער טאָג זיכ אימ געענדיקט
ווייַט אינ אָוונט אריַינ — טיפ;
דער זאוואָד ז׳נאָכ ניט געוועזנ דאנ
אפנ נאָמענ פונ מארטי.

זײַנען זיך גענאָגן די יאָרן,
יאָר מיט יאָר האָט זיך געטוישט;
ס'דאכט זיך אים — ער איז געבאָרן
מיט דעם גרילץ און מיט דעם רויש.

ס'שרײַט דאָס אײַזן, ווען מע רײַסט עס,
אונטער האמער — קרעכצט דאָס שטאָל;
נאָר די הענט — זיי ווערן דרײַסטער,
און דאָס בלוט, ווי פײַער שטראָמט.

ס'שוועבן אין דער הויך וואגראנקעס,
פליגל — שמעלציקער טשוהון!
דער געפאָרכער — א געטראנק איז,
הייסער, שטארקער פון דער זון.

שטענדיק האָט א ברוינע כמארע
אָנגעפילט מיט היץ דעם טאָג;
פריר געוועז ז'ער אין טאָקארניע
און דערנאָכדעם — אפן דאָק.

עפעס האָט אפּ אים געווארט דאָרט,
ניט געוווסט האָט ער אליין;
און פון דאָק — די רויטע גווארדיע
און די רויטינקע ארמיי.

און פון שלאכטן און פון פראָנטן,
מיט פארהארטעוועטן טראָט,
האָט דאָרט אומגעקערט זיך ראָנדעל
צריק צום ווארשטאט אין זאוואָד.

ווידער — דאָק און ווידער — שיפן,
נאָר מיט שטאָלץ ער ברענט און בראָט?
איצט האָט ראָנדעל שטאָל געשליפן
פאר דעם ראטלענדישן פלאָט.

שווער ז׳געווען די ארבעט דאמלט,
לערנען זיך האָט זיך געגלוסט;
איז געוועזן א פארזאמלונג,
איז געוועזן א באשלוס:

„...און דעריבער קאָמאנדירן
אפ צו לערנען זיך אין שטאָט —
צוואנציק פון ווארשטאט שטודירן,
צוואנציק אירע פון זאוואָד".

ג׳צווישן אָט די צוואנציק פרילינגס,
צווישן אלע צוואנציק די,—
האָט געבלאנקט זיך די פאמיליע:
„ראָנדעל פון זאוואָד מארטי!"

ז׳נאָכדעם, ווען דער כאוואר ראָנדעל
האָט געענדיקט די פארטיי־שול,
האָט ער זיך אזוי געפלאָנטערט,
בלייבן ניט געהאט קיין כיישעק...

צריק אהין האָט אים געצויגן,
צריק אהינצו צו דעם דאָך;
קאלטער זיינען זיינע אויגן
אים געוואָרן יעדער טאָג.

ס׳האָבן זיינע האָר די בלאָנדע
די פארוואקסענע געשטערט:
עפעס אָנגעשמעקט האָט ראָנדעל,
עפעס אָנגעטאפט האָט ער...

רופט פארטקאָם אים. קומט ער. קוקט ער.
ווערט ער אזוי פיל מיט נייגער:
„ווערסט באשטימט פאר פארט־אינסטרוקטער
אין קאָלאָניע „ניט־גערדייגעט".

— וואָס? — ט'זיך איבערגעפּרעגט ראָנדעל, —
— וואָס? פאראנ אזא מ'ינ שטאָט?
אָט! אָט האָסטו דיר א יאָנטעוו,
אָט! אָט האָסטו א זאוואָד!" —

האָט פאנאנדערוויקלט ראָנדעל
אזא קליינע טאש'נ־מאפּע
אונ געטאָנ אפ איר א בלאָנדזע,
אונ פארשטאָכנ די שווארצאפּלענ...

אונ געזוכט אזוי אהינצו
אונ געזוכט אזוי אהערצו:
— שיידים ווייסנ, ווו ס'געפינט זיך
אזא פּאָרט. כאָטש נעמ אונ קלער צו...

מונטערנ אימ יונגע שמייכלענ:
— ס'איז א נייע, כאווער ראָנדעל,
נאָכ אינערגעצ ניט פארצייכנט, —
ערשט געבּאָרנ... אפ די פאָנדנ... —

נו, איז ראָנדעל אָנגעקומענ.
זיכ באקענט מיט יעדנ, — גיכ;
ס'האָט געקוקט א קאלטער אומעט
פונ זיינ ביינעריק געזיכט.

ס'האָט געבּענקט זיכ נאָכ גערוישנ,
ס'אזוי שטיל אונטער די טריט;
אונ געטראכט האָט ער אזוי שוינ
וועגנ פאָרנ גיכער צוריק.

נאָר זיכ צוגעוווינט האָט ראָנדעל
אונ די ארבעט איז אוועק;
פויערימ האָבנ געפלאָנטערט:
— ס'איז א שטרענגער דער יעווסעק!

בלויז איינ פויער, בלויז איינ מענדל
האָט געקוקט אפ ראָנדלענ מילד,—
אונ צו ראָנדלענ זיכ געווענדעט,
אונ פארטרויט זיכ צו אימ שטיל:

— ס׳קומט נאָר שווער אביסל אָנ דאָ...
סמוטנע איז דאָ זייער שטארק...
כאָטש איכ וויס, אז כאווער ראָנדעל
איז א טוויאָרדער בעכאראקטער...—

אונ געפילט האָט ראָנדעל טרויער,
אונ געקוקט האָט ראָנדעל ווײַט דאָרט,
אונ געטרייסט זיכ:— מע וועט בויענ,
מע וועט בויענ „ניט־געדײַגעט!"

14

איינער אליינ אפנ סטעפ שטייט א מענטש א פארשייַטער,
איינער אליינ ער באטראכט דעמ ארומ אונ עפעס זיכ אייַנהערט;
ס'ריזלט אונ טריפט א געגאָסענע שטילקייַט א ווייַטע,
ווי שטארקע, ווי יוירנדיקע טויזנטיעריקע ווייַנענ.

איינער אליינ אפ די ברייטנ,
פארכלינעט איג זאפט
פונ דער ערד פונ דער רונדער,—
שטייט ער
פארגאפט
אונ פארוואונדערט:
— ס'ארא ווילדקייַט ארומ,
— ס'ארא מונטערער טשאד,
ווו איז אומ?
ווו איז גראד?
ווו ז'א וועג דאָ
פאראנ?
איז געשטאנענ א מאנ
בא מאסיוו ניט־דערוועקטנ,
איז געשטאנענ א מאנ
אונ בא ווינטנ געפרעגט דאָרט
אפ שפורנ פארמעקטע
פונ ברויזיקער קראפט
אונ פונ צייַטנ פונ בונטע,—

איז ראָנדעל געשטאַנען
פאַרגאַפט
און פאַרוואונדערט:

— געפּענטעטע ווינטן! שטייט אויף, זאַוועראָכעס!
ס׳עשמעקט אַזוי זאַט
דאָ מיט פריידיקע שלאַכטן, צו אַלדענע רוכעס,
ס׳עשמעקט דאָ מיט טשאַד
און מיט פרישן קאַיאָר,
און מיט זוניקער האַפּט,
און מיט יאָר
אויף אַרונטער,—
איז ראָנדעל געשטאַנען
פאַרגאַפט און פאַרוואונדערט.

איינער אַליין ער באַטראַכט דעם אַרום
און אין עפּעס זיך איינגעהערט:
ערגעץ ריזלט דאָ רו,
ערגעץ ריזלט דאָ רום,
און זי גייט
פון דער ברייט,
און פאַרשיקערט, ווי ווײַנען:
סטעפּעס אַזעלכע געפּילטע, ווי קאַרפּן געגרייטע אויף כופּעס,
סטעפּעס אַזעלכע פרישע געפלאָדנט מיט טאַטע־טאָג, מיט זיידע־נאַכט,—
זיי שלאָפן אַזעלכע דאָ ברייט און צעשפּרייט און צעשטופּלט,
און ס׳רײַסט זיך פון זיי
אַ געשריי
אין דער ווײַט: צעלינא! צעלינא!

איז בייגט ער דעם קאָפּ
און אַ גראָב:
— עס איז ליים!
איז פאַרפּרוווט ער איר טאַם

מיט די דלאָניעס:
— דער מאסיוו איז פון זאמד,
— דער מאסיוו איז פון שטיין,
אָבער וואקסן וועט ברויט. ס'וועלן בלײַען קאָלאָניעס!

מט אײַזערנע העלפאנדס, מיט טראקטער־געשטעפּ,
מיר וועלן דיר אײַנרעדן, אײַנרעדן, סטעפּ!
טאטע־טאָג און זיידע־נאכט,—
עס רײַסט זיך פון דיר א געשריי — צעלינא!

קומט אהערצו,
ט'האָט איר — נא,
שנייַד און ברעך זיך,
— צעלינא!

מיט די ציינער
וועט מען — א,
רײַסן שטיינער,
— צעלינא!

ניין? איז נאָך גיך!
טאָג און נאכט,
— א גוט־מאָרגן,
— צעלינא.

פון די שטײַגן
יונג און אלט,
— ניט געדײַגעט,
— צעלינא!

און ס'לויפט צו אים אונטער א מיידל פון סטעפּ,
א שטיק ברויט איז אין מויל,
און אין האנט א פּאפּיר,
און זי קײַעט געשמאק די שטיק ברויט אין דער גרעב

און פֿאַרבײַסט מיט געלעכטער, מיט הילך און געהויל:
— געקומען די פּעטערס אַזעלעכע־אָ,
זיי האָבן דאָרט שאָקלען געשטעלט זיך און דרייען.
טרייסלען זיך, שרײַען און בורבלען און נאָך,
— נאַ, כאַוועך פּאָרזיצער, נאַ דיר און — לייען! —

און ס'גיט אַפּ איר ראָנדעל מיט אויגן אַ פּיר,
ער ענטפֿערט איר גאָרניט און לייענט פֿאַר זיך:
— ... עלטערע לײַט... קאַטעגאָריע — 0 —
און האַרט איז זײַן קאָל:
— קאַטעגאָריע „0"...
און ער גיט באַ דעם מיידל אַ פֿרעג אָט אַזוי:
— ניט געפֿעלן די פּעטערס? קראַסאַוויצאַ, ניין?
נו, וואָס זאָל דיר צושיקן טאַלנע — קאָוובאָיען?
זיי טרייסלען זיך, זאָגסטו? און שאָקלען און דרייען?
נו, לאָזן זיי שאָקלען און טרייסלען זיך אַלע, —
אָפּטרייסלען וועט זיך דער ייִכעס פֿון טאַלנע! —
„... עלטערע לײַט... קאַטעגאָריע — 0 —
און האַרט איז זײַן קאָל:
— קאַטעגאָריע „0"...

און איינער אַליין אַפֿן סטעפּ שטייט דאָרט ראָנדעל שוין ווידער,
איינער אַליין. און באַטראַכט דעם אַרום און אין עפּעס זיך
אײַנהערט:
ס'ריזלט און ס'טריפֿט אַ פֿאַרדומפּענער ראַש פֿון יאַרידן,
פֿון פֿינצטערע ליקן און גאַסן און מערק און צעבלוטיקטע טײַנעס...

איינער אַליין אַף די ברייטן,
פֿאַרבאָדן אין שטויב
און געפּענטעט פֿון ציפֿער, פֿון צאָלן געבונדן, —
איז ראָנדעל געשטאַנען — פֿאַרווייט
און פֿאַרטויבט
און פֿאַרוווּנדערט.

איינער אליין מיט פאפיר אין דער האנט —
ער באטראכט דעם ארום,
און באטראכט דעם באשטאנד,
און ס׳גיט זיך א וואלגער א טרויער אפ אים:
עס רויכערט זיך ברוד,
און ער גייט
אין דער ברייט
און פארשיקערט מיט טשאד און מיט שימל...
שמאטעס אזעלכע, געהיט און געגרייט פאר בעסאלמענס,
שמאטעס אזעלכע און טאָרבעס, געשוואָלן פון וואָגל און וואנדל,
זיי גייען אזעלכע געהויקערט, געביילט און דערשראָקענע אלע,
און ס׳רייסט זיך פון זיי
א געשריי
אין דער וויַט א געשלאָגענער: — האנדל! האנדל!..

איז בייגט ער דעם קאָפּ
און א גראָב
אין דער טיף:
— ס׳איז א פוילער מאסיוו,
דער מאסיוו איז פון שמאטעס, פון טאָרבעס ער איז,
דער מאסיוו איז פון קויט, דער מאסיוו איז פון מיסט,
אזוי לייכט ט׳ער ניט לאָזן זיך נעמען...
— נאָר פויערים וועט פון אייך אלע דאָ זיין!
מיר וועלן אייך איינרעדן — צוויי און דריי,
מיר וועלן אייך איינרעדן, קרעמער!
מיר וועלן אייך איינרעדן, איינרעדן, — הערט!
מיט האמער פון זון, מיט קאָוואדלע פון ערד,
מיט טאטע־טאָג, מיט ויידע־נאכט,
און אופגיין וועט אויך דאָ פון אייך צעלינא!

קוקט אהערצו,
ט׳האָט איר — נא,
שנייד און ברעך זיך,
— צעלינא!

מיט די ציינער
ווערט מען — א,
רײַסן שטיינער,
— צעלינא!

ניין? איז נאָך גיב!
טאָג און נאכט,
— א גוט־מאָרגן,
— צעלינא!

פון די שטײַגן
יונג און אַלט:
— ניט גערדײַגעט,
— צעלינא!

15

פונ דאָרפ „ניט־געדייַגעט“ מיט פעלדער ווי דלאָניעס,
פונ פעלד „ניט־געדייַגעט“, פארזייטנ מיט יאָכ,
ציט זיכ א וועג צו די אלטע קאָלאָניעס,
וואָס בליַענ אונ וויאנענ שוינ צענדליקער יאָר.

ציט זיכ א וועג איבער נאקעטע פלאכנ,
ציט זיכ א וועג איבער אומעט אונ וויַיט;
שטיל איז דער וועג אונ די וויַיט איז דאָרט וואכיק,
— יאָרנ באגראָבנ אינ וועג אונ פארטיַיעט...

בא זיַיט רוענ בערגלעכ, בא זיַיט שלאָפנ קוואָרימ,
אונ ס'היט דאָרט א ווינט זייער סטעפּישנ רו;
פויערימ אלטע — פונ אָרעמער אָרעמ,
אונ פארטיזאנער פונ שלאכט אונ פונ רומ.

שפרייט זיכ דער וועג אונ סע שפרייט זיכ דער אומעט,
ער שפרייט זיכ דער אומעט פארטרויט אונ געטריַי;
אונ דורכ אָט דעמ וועג איז א מיידל געקומענ
— א קאָמסאָמאָלקע אינ יִשעוו אריַינ.

פונ דאָרפ „ניט־געדייַגעט“ מיט פעלדער ווי דלאָניעס,
פונ פעלד „ניט־געדייַגעט“, פארזייטנ מיט יאָכ,
ציט זיכ א וועג צו די אלטע קאָלאָניעס,
וואָס בליַענ אונ וויאגענ שוינ צענדליקער יאָר.

עס האָבנ געלעבט דאָרטנ פויערים-ייִדנ,
דעמבענע ייִדנ, ווי ווינטנ אינ סטעפ;
— האָט עפעס באזאָרגט דענ? האָט עפעס פארהיט דענ
די ווינטיקע, שטארקע, די דעמבענע קעפ?

אז שטענדיק אפ אומגליק געקרייט האָבנ הינער,
געכאָוועט דעמ אומגליק געוויגט אימ מע האָט,—
אז אָט וועט מענ טרײַבנ אונ ליפנ — ווהינ נאָר?!
געשראָקנ האָט יעטווידער הילכיקער טראָט...

געוועזנ זײַנענ יאָרנ אפ לײַבער — געפאסיקט,
יערעלעכ — יאָרנ פונ שרעק אונ פונ פײַנ:
— זיבנ — אינ כיידער, דרײַצנ — געפאסטעכט,
פינעפ אונ צוואנציק — דעמ קייסער געטרײַ.

אונ נאָכדעמ — די ערד אונ דאָס פעלד אונ די פלאכנ,
אונ נאָכדעמ באמ אקער מיט גרויִנקע קעפ,
אונ נאָכדעמ געביטנ די יאָרנ אפ פאכעד,
אונ נאָכדעמ מיט ביינער פארזייעט דעמ סטעפ.

מיט שוויס מ׳האָט געאקערט, מיט שוויס מ׳האָט געזייט דאָרט,
מיט פערד אונ מיט בהיימעס באגלײַכ זיכ גענערט;
עס האָבנ די טאטעס אונ ס׳האָבנ די זיידעס
דאָרט יאָרנ געזעלנערט פאר יעדנ שפאנ ערד...

אונ קינדער געבאָרנ אפ העפקער פונ פעלדער,
אונ קינדער געכאָוועט פאר סטעפ אונ פאר שווערד;
אונ דורעס נאָכ דורעס, אונ ווענ ס׳געפעלט דאָ —
איז — קומ אונ פארלאנג דאָ, איז — קומ אונ באגער!

איינ וועג — צו דער כופע, איינ וועג — צומ בעסאלמענ,
איז האָט מענ געטראָגנ, איז האָט מענ געפירט;
נאָר סאָרצי ז׳די ייִנגסטע, די ייִנגסטע פונ אלע,
איז האָט זי אפ פעלדער געפיטערט דאָס פי.

א בײַטש און א טאָרבע, א ליד פאר די לעמער,
א לײַוונטן העמד, א פארלאָזטס ביז דער ערד;
און גרויסע צוויי אויגן, און שווארצע צוויי ברעמען;—
און וואָס דארף מען דען אף די סטעפּעס נאָך מער?

איז ווער איז איר טאטע? — א טאטע! גיי טרעף אים,
זיי זײַנען דאָ אלע ווי איינער און גלײַך;
באָרוועס די פיס און די העמדער צעעפנט
נ׳פון צווישן די בערד אזא שמייכל זיך לײַכט.

ס׳רופן דאָרט פויערים אלע זי: — טאָכטער!
ס׳זאָגן דאָרט פויערים אלע איר: — דו;
„סאָרצעניו, סערצעניו, כאפּ נאָר אָט דאָרטן,
סאָרצעניו, כאפּ דאָרט א קוק אף דער קו!“

איז האָט מען געמערט זיך, געבאָרן בא יִידן,
איז האָט מען געפּאָרט זיך מיט ערד אין געטראנק;
— ווערסנע — געזייעט, זומער — געשניטן,
אָסיען — אין שײַער געפירט מיט געזאנג!

און זיס זײַנען רעגנס, און ליב זײַנען ווינטן,
און דאָ אינעם הארץ איז א פּאשע צעגרינט;
נו, איז אין לאנגע געקאָוועטע ווינטער
האָט מען געבאָרן טעכטער און זין.

זײַנען די זין אף מילכאָמע געגאנגען,
ווּקסיקע זין, ביז די דעכער די הויך;
זײַנען קאָלאָניעס מיט טרויער באהאנגען,
זײַנען די פעלדער פארצויגן מיט רויך.

ס׳קומען קיין בריוו פון די זין שוין ניט אָן מער,
ס׳קומען קיין גרוסן... מע ווייסט שוין אליין...
אין שטיבלעך — געוויין און אין שטיבלעך געיאָמער
— סאָסנעניעס אונדזערע, ווינד איז און וויי!..

העפקער די פעלדער און העפקער דאָס דאָרף איז,
העפקער דער טאָג און די נאכט איז אין פּאכעד...
לויפן די ווינטן אין סטעפּ ארום באָרוועס,
באָרוועסע ווינטן אין שווארצע פּאפּאכעס.

און דאָרף ווערט געווירע, און זקיינים פּארלאטענ
די אלטינקע אויגן מיט שטיקעלעך הימל;
עס טרייסלען די בערד ניקאָלײַעווער סאָלדאטן:
— אויס ניקאָלײַקע — צעטראָגן זיך שטימען.

— „צו פינעף און צוואנציק״ — דערמאנען זיי — פעסטע,
יאָרן, ווי זילבערנע קארבן — פארקײַקלט;
פונקט ווי אן אלטן אזא גמילעס־כעסעד,
וואָס פויערים האָבן פארטרויט ניקאָלײַקען!

ס׳פּעלן די דעמבענע זין אין די דערפער,
ס׳פּעלן די „פינעף און צוואנציקערס״ — קלאָרע...
עמעץ אף וועגן דאָרט פאָרט און פארקערוועט,
פאָרט מען דאָרט איבער א יִשעוו מיט יאָרן...

איז שוין דער פאכעד געוואקסן אף פעלדער,
זיצט שוין דער טויט דאָ — אף דעכלעך פארקלערט...
ס׳האָבן זיך באנדעס צעהוליעט, צעוועלטיקט,
עס האָבן צעפּאָכעט, צעהירזשעט זיך פערד...

עס האָבן אף דניעפּ זיך געריסן די בריקן,
און וועגן געהאקט, מ׳האָט געהאקט זיי ווי הענט;
נעגאנו איז מאכנאָ, און געגאנו איז דעניקין,
און דער האָט געצונדן, און דער האָט געברענט...

שליסן זיך איבער די וועגן מיט וועגן,
— ווו מע וועט קומען, — איז קומען אף גרייטס;
ס׳האָבן די דערפער געברענט שוין אין געגנט,
ס׳האָט שוין דאָס קאָרן געברענט און דאָס ווייץ.

ס׳זײַנענ שוינ דערפֿער געלאָפֿנ צו דערפֿער,
אונ אַלע ווי טשערדעס פֿאַרטריבֿנ אינ שרעק;
אונ מע גייט אונ מע ווייסט ניט — אהינ צי אהער,
אונ סע שלײַפֿט ווי א שווערד זיכ דער איינציקער וועג...

אינ גאַס שטייט א וויגל. ס׳פֿאַרגייט זיכ א וויג־קינד,
א מאַמע לויפֿט אָנ מיט א קינד מיט אַנ אַנדערס;
עס טריפֿט איר פֿונ בלוטיק־דערשראָקענע אויגנ:
„... קלאָר־ווײַסע ציגעלעכ... ראָזשינקעס... מאַנדלענ...“

— וואָס פֿאַר א ראָזשינקעס? וועלעכע מאַנדלענ?
— אוועלעכע קלאָר־ווײַסע ציגעלעכ? שטיי נאָר!..
מע האָט אפֿנ וועג ערשט געהאַרגעט איר מאַנ דאָ, —
אונ בלײַבט בא דעמ וויגעלע שטיינ דאָרט פֿאַרשטיינערט...

אינ וועג איז דער טויט, אונ די היימ איז קיינ היימ ניט, —
— אָט דאָ זײַנענ ראָצכים, אונ דאָרט איז א באַנדע;
פֿונ אומעטומ יאָגט מענ, אונ אומעטומ — איימע,
— וואָס פֿאַר א פֿינצטערע ראָזשינקעס... מאַנדלענ?..

איז מענ געקומענ צו גיינ אינ קאָלאָניעס,
איז מענ געקומענ מיט שווערד אונ מיט האַק;
— ווער ס׳האָט א הויט נאָכ א לעצטע — טו אָנ עס,
אונ זיכ צעזעגנ מיט שטוב אונ מיט זאַק!

אונ ס׳טוקנ זיכ אויגנ אונ אָטעמער טײַענ,
אונ ס׳גיבֿנ זיכ יאָרנ ווי דעמבעס א בראָכ:
— מאַמעס מיט קינדער אונ קינדער מיט שרײַענ
פֿאַרזאַמלט מ׳האָט אַלע פֿונ דאָ אונ פֿונ דאָרט...

רײַטער אפֿ סטעפּעס אונ סטעפּעס — צעבלײַערט,
אונ פֿיקעס צו הימל — קאַפּויר מיט די יאָר;
אונ צו דעמ גרעסטנ דעמ דאָרפֿישנ שײַער
אדורכגעפֿירט האָט מענ די יידנ פֿונ דאָרף.

נו, אײַלט זיך! א סכאָד! שוין א קאָפּ אף א קאָפּ איז.
און אַלע זיך אײַלן, און קײנער זיך װערט...
שוין אַלע פאַרטריבן אינײנעם אין שאָפּע.
אַרומגעקרויזט האָבן זײ רײַטער אף פערד.

אױ, װוּ זײַנען לאָפּעטעס? װוּ זײַנען קאָסעס?
עס גיט זיך די שאָפּע אין שוידער א ריר...
און ס'האָבן די ראָצכים מיט גאַז זי באַגאָסן
און אונטערגעצונדן פון זײַטן פון פיר...

האָט שאָפּע א פלי געטאָן פלאַמיק אין פײַער,
האָט שאָפּע א טאָג מיט א נאַכט דאָרט געברענט;
נ'אָפּ לעצטן געװאַרג און געשריי און געהײַלן
זיך האָבן א בראָך געטאָן פלאַקערדיק װענט.

נאָר אײנער געפעלט האָט. װער? סאָרצילעס טאַטע!
די פויערים — שכײנים אים האָבן פאַרהיט:
זײ האָבן פאַר מערדער געטײַנעט, געטײַטלט:
— ס'איז פונקט װי אַן אײגענער... גאָר ניט קײן ייִד...

עס האָבן אין ייִשעװ אים ליב געהאַט פויערס,
זײ האָבן אים שטענדיק געשמײכלט מיט טרײסט:
— דיך ט'מען ניט דערהאַרגענען, דיך ט'מען ניט קוילען,
— דו ביסט קײן זשיד ניט, דו ביסט — א יאָװרײ!

דאָרפישע פערד אונטער שטאָטישע זאָטלען,
פירט מען די פערד און מע קוילעט דאָס פי;
נאָך מיט א פלאַקער... דער לעצטינקער אָטעם —
טראָגט זיך אַרום פון פּאָװיט צו פּאָװיט.

סטעפּעס — צופוסנס און סטעפּעס — צוקאָפּנס
אָפּגעמאָנט האָבן די ברויטן געטרײַ, —
אינמיטן דעם דאָרף — פון דער הילצערנער שאָפּע
— א בארג מיט פאַרברענטע מיט שטיװל און בלײַ,

מיט דאשיקעס גלאנציק־לאקירטע און טריבע,
מיט קאנטן פון אלט־ניקאָלײַעווער סאָלדאטן;
מיט פושקעס פון טאבאק און ביינער פון ציבעק,
און ספּאָדניצעס — איבערגענייט און געלאטעט...

און ווען ס'איז איר טאטע געווירע געוואָרן,
אז שטיל איז דער יישעוו... בלויז רויכעלעך—שלאנגיק,—
איז האָט ער א שטריק אף א קראָקווע פארוואָרפן,
א שלייף אפן האלדז און ער האָט זיך געהאנגען.

און דעמלט איז סאָרצי אוועק מיט די פעלדער,
א שיקסל א קליינס אף אומענדלעכער ווײַט;
און קינדערשע יאָרן פארבײַ זײַנען שנעל דאָרט,
פארגאנגען, פארווישט און פארמעקט און — פארבײַ...

די שטאָט און א קינדערהויז. ראש און געוויכער,
א טאטע — דער לערער, א מאמע — דאָס לאנד;
איז אָט זי דערלעבט זיך א רויטינקן טיכל
אף אָפּגעברענט־ברוינעם, אף סטעפּישן האלדז.

און ס'שטעלן זיך יאָרן פאר איר ווי די טרעפּ אויס,
און אופגיין אף זיי גייט אופ סאָרצי מיט גלי;
און צריק האָט זיך אומגעקערט סאָרצי אף סטעפּעס
— א יונגע אזא קאָמסאָמאָלקע — צעבליט.

און ווו ס'איז א וועג נאָר פאר סאָרצין — איז שטײַגן,
און ווו ס'איז א וועג נאָר, איז בענקשאפט אזא;
איז סאָרצי געקומען אין דאָרף „ניט־געדײַגעט",
איז סאָרצי געקומען צוריק — ניט געזאמט.

דער אומעט איז אלץ נאָך אף וועגן צעשפּרייט דאָ,
און ווו ס'איז א וועג נאָר, איז בענקשאפט אזא;
און בערגלעך באַם וועג איז פון זײַטן פוןביידע:
דאָ — איז א זיידע און דאָ — פּארטיזאן...

פון דאָרף „ניט־געדײַגעט" מיט פעלדער ווי דלאָניעס,
פון פעלד „ניט־געדײַגעט", פארזייטנ מיט יאָך,
ציט זיך א וועג צו די אלטע קאָלאָניעס,
וואָס בליִען און וויאנען שוין צענדליקער יאָר.

שפרייט זיך דער וועג און סע שפרייט זיך דער אומעט,
ער שפרייט זיך דער אומעט פארטרויט און געטרײַ;
און דורך אָט דעם וועג איז א מיידל געקומען,
— א קאָמסאָמאָלקע אין ייִשעוו ארײַן...

16

אז מע זעט ניט קיין שפּור
פֿון קיין אָנהייב און עק,
אז מע זעט ניט קיין סאָף צו די וויאָרסטן;
איבער ליימיקן וועג
אין א פֿויערשער פֿור
זיך געשלעפּט א קורסאַנט האָט צום דאָרפּסראַט.

ס'איז א רעגן אראָפּ
אפֿן סטעפּ דאָ ניט ווײַט,
און געשמעקט האָט מיט לײַב און מיט אָפּפֿאַל;
און געדרייט האָט דעם קאָפּ
פֿון א זײַט אַף א זײַט
דער קורסאַנט צווישן דאָרעם און צאָפֿן.

ס'האָט געזונקען דער טראָט
אפֿן ליימיקן שליאַך,
ס'האָבן רעדער מיט ליים זיך געוואָרגן;
איז דער באָכער אראָפּ
און צום פֿויער א מאַך:
— פֿאָר ווײַטער! צופֿוס איך וועל נאָכגיין!

און סטעפּ — איז פֿון רעכטס,
און סטעפּ — איז פֿון לינקס,
און ווײַט אַזאַ טרויער זיך רויכערט;
און עס דאַכט זיך א קרעכץ
האָט פֿון פֿליגל און פֿליִען
זיך דערהערט אין די פֿויגלשע הויכן.

עס איז פרילינג געווען,
ס'האָט גענויעט אַ טשאַד
פון דער לופט, ווי פון שיקערע האָפּן;
עפּעס בעטן זיך הענט:
— ס'אַזוי שטיל, ס'אַזוי שאַ,
אַז ער הערט אַזש פון האַרץ זײַנס דאָס קלאַפּן.

נאָר שווער איז דער שפּאַן,
ווי פאַריזנעט אין יאָך,
און מע מוז מיט געדולד דאָ געגורט זײַן;
און עס האָט זיך דערמאַנט
אים די לעצטע פּאָר יאָר
אַף די נײַ־אָרגאַנאָמישע קורסן.

אָט דאָס בענקען נאָך ערד
און נאָך אַרבעט נאָך רויער,
דער יאָג נאָך דער צײַט נאָך דער גרויסער;
ווי מע האָט זיך גענערט,
ווי מע האָט דאָרט געטרוימט
פונעם פרײַדיקן ערשטן אַרויספאָר...

און אַ הויפן מיט ערד
פון אינמיטן דעם שליאַך
האָט דער באָכער אַ גראָב געטאָן קלערנד:
— עס וועט אויסקומען שווער,
— סע וועט קאָסטן אַסאַך
ביז געזונט מע וועט מאַכן די ערד דאָ.

די ערד איז דאָ האַרט
און קיין טײַך — ניט פאַראַן,
און פון ווײַט ט'זיך באַוויזן כאַדאָבע:
איז וועט מען זיך גלײַך
דאָ אַ שפּאַן טאָן אין שפּאַן
און שטעלן זיך ברינעמער גראָבן.

מיט יעטווידנ קוק
אינ דער סטעפּישער ווייַט
האָט זייַנ אָטעמ געגראָבנ זיכ טיפער;
— דער וויכטיקסטער דרוק,
— דער וויכטיקסטער שטרייַט:
צו שאפנ דאָ באַלד קאָלעקטיווג.

צעעפנט א פּלאנ,
אימ באקוקט אזוי פלינק
אונ אזוי צו דעמ פויער געווענדט זיכ:
— דו ווייסט דאָ דאָס לאנד?
„ניט־געדייַגעט"— ז'אפ לינקס
פונ די נייַע קאָלאָניעס צעגרענצטע! —

אונ א סמאָק אונ א וויאָ,
אונ א בּייַטש אינ דער לופט
אונ מיט וואָרט ניט געייַלט זיכ קיינ ריר טאָנ;
— „ניט־געדייַגעט" איז יאָ,
ס'איז אביסל ארופ.
זעצ זיכ אופ. ס'איז דער וועג, ס'איז דאָ ריכטיק.

אונ ווייַטער אינ פעלד
איבּער קלעפּיקנ לאנד
מע פאָרט אפ דער פור דער צעקרעכצטער;
א פּאפּיר פונ פּאָרטפעל
נעמט ארויס דער קורסאנט
אונ לייענדיק ווידער פארקלערט זיכ:

— אכציק עלטערע לייַט,
באַלמעלאָכע באשטאנד,
קאטעגאָריע 0 איז דאָ שיטער...
— נו, וואָס? ס'איז נאָכ ווייַט? —
ט'ער א מאכ מיט דער האנט
צו דעמ פויער געטאָנ אינדערמיטנ.

און ווײַטער געלײענט,
און ווידער געקלערט
און געפּאַטשט צו דער ווײַט מיט די ברעמען:
מיטן אַקער אַליין,
מיט אַן אָרעמינק פערד
וועט די ערד דאָ ניט לאָזן זיך נעמען...

— ס'איז דאָ, — שטײ נאָר אַ ווײַל!
און מיט מיסט איז דאָ ווי? —
האָט דער באָכער באַם פּויער צעפרעגט זיך;
עפּעס קוקט ער זיך אײַן
און דערמאַנט זיך: — ס'איז ווילד,
מ'האָט אים גאָרניט געזאָגט אין יעוועסקציע...

און דער פּויער — אַ „וויאָ"
מיט דער בײַטש אין דער לופט,
נאָר ער דרייט זיך ניט אויס צו דעם באָכער;
— נו, אוואדע. נו, יאָ,
די כאָדאָבע. מע פּרוווט,
אײַ, מיר זײַנען דאָ ביטער פאַרקראָכן...

— הער נאָר, נו, ס'איז פאַראַן
עפּעסווירטשאַפטן נאָך
פון די עלטערע דאָ אינעם געגנט? —
האָט געפרעגט דער קורסאַנט
און ער האָט מיט אַ פּאָך
פון דער קניפּיקער בײַטש זיך באַגעגנט.

ס'האָט געדרייט זיך דער וועג,
ווי אַף סטעפּעס אַ שלאַנג,
און צום פערד האָט דער פּויער מיט מי דאָרט:
— פון די פּריצים געוועג...
ניט באַאַרבעט שוין לאַנג...
ס'איז פאַרלאָזט... און סע פאָרן איצט ייִדן. —

און עס קוקט דער קורסאַנט
אין דער ווײַט אַפּ אַרום,
ווי סע שפּרייט זי דער סטעפּ און ער טראַכט זיך:
— ס׳איז אַ לאַנד! ס׳איז אַ לאַנד!
ס׳איז פאַרטרונקען מיט רו,—
נ׳אַז סע גיט אים אַ ריס פאַרן האַרצן:

— אײַ, מיט טראַקטערס מע דאַרף
דאָ אַ נעמ טאָן דעם גרונט,
אוי, אַ גראָב טאָן מע דאַרף אין דער הויט דאָ!
סע לויענט. סע וואַרט.
ניט געריררט. ס׳איז געזונט,
און די ערד איז דאָ שוואַרץ און איז ברויטיק! —

און ווידער ס׳פּאַפּיר
ער צעוויקלט נ׳די הענט,
און ווידער פאַרקוקט זיך אין ציפער:
— די יוגנט איז פריר.
זי איז... וויפל פּראָצענט?..
מע וועט שאַפן דאָ באַלד קאָלעקטיוון!

אָט־אָ דאָ, אַפן סטעפּ,
אָט־אָ דאָ אין דער טיפ,—
און אין קאָפּ איז אַ טרוים שוין צעפלאַקערט:
— ווען מע גיט אים אַ שטעפּ,
אָט דעם רויען מאַסיוו,
מיט אַ קרעפּטיקן צענדלינגל טראַקטערס! —

ניט ער הערט, ווי אַ שטעל
גיט זיך פלוצים די פור,
— ס׳איז דער דאָרפסראַט. טאָפּ־ר־ר... מ׳איז געקומען!
דורך אַ נידריקער שוועל
מיט צעקנייטשן פּאַפּיר:
— אַגראָנאָם: לייב איסאַקאָוויטש טומינ.

17

פּענעמער פאַרזאָרגטע, פליִענדיקע קעפּ,
איז געווען א זיצונג, א פאַרזאַמלונג אפן סטעפּ!

שלײַדערט אין דער לופט אפ אַרבל זיך דאָס לאַנד,
האָט מען זיך פאַרזאַמלט און מיט אַלע מיטאַנאַנד!

רודערן די עלנבויגנס, פּלייצעס אפ דער זײַט,
און עס גיסן בערד זיך פון די מײַלער און מע שרײַט!

רײַסן זיך אין ווײַט אַרײַן א שטים איבער א שטים:
— אַקערן איינײנעם, זייען קאָלעקטיוו!

קאָרענע קאַמזוילן, לאַטעדיקע בערד:
— ווער עס האָט באַווילִיקט, ווער ס׳האָט זיך געווערט!

— אַלע פון איין שיסל? אַלע פון איין טאָפּ? —
איינער מיט דער היטל, איינער מיטן קאָפּ!

אמפּערט מען זיך טומלדיק, קריגט מען זיך א קריג:
— ווער עס האָט א לאָשעק, ווער עס האָט א ציג!

און עס ווילט זיך יעדערן און יעדערן זיך גלוסט,
נו, איז שוין פאַרשריבן און באַשלאָסן א באַשלוס.

ווערטער אויסגעאקערטע מיט קלינגענדיקנ מעש,
— צום וואָקזאל ארויסרייַטנ אונ קלאָפּנ א דעפּעש

אונ אויסקלאָפּנ מיט סייכל ווערטער אָט־אָ די:
אז אינ „ניט־געדייַגעט" איז שוינ דאָ א קאָלעקטיוו!

פאראנ א קאָלעקטיוו איז פונעם אָרעמענ נאראָד:
— אקערנ אינאיינעם, זייענ, נו איז אָט:

איז קלאָפּנ אינ געזערד אריַינ אונ קלאפּנ דאָרט אינ טיש:
— אלצ וואָס ס'איז שוינ — יאָ, אונ אלצ וואָס ס'איז נאָכ—נישט!

אז אזוי איז אויכ ניט, ווי עס האָט זיכ אונדז געדאכט,
ניט פאראנ אפילע אפּ צום אָפּלייגנ א דאכ!

אז אונטער דר'ערד די וואסערנ גייענ זייער טיפ,
אז ניט דער גאנצער אָפּקלויב טויג אינ קאָלעקטיוו!

האָט צו סאָרצינ ראָנדעל אויסגעשריגנ — זע:
— א דעפּעש דעמ מאָסקווער אונ דעמ כארקאָווער קאָמזעט!

אז מע גראָבט באנאכט אונ אז מע גראָבט באטאָג,
ס'גראָבנ זיכ די ברונעמס, נאָר קיינ וואסער איז ניטאָ...

סאָרצי, נעמ א פערד — א רייַט טאָג צום וואָקזאל,
א דעפּעשע, סאָרצי, קלאָפּט מענ אָט אזא:

„שטרענגער מיטנ אָפּקלויב, פאָרזיכטיק מיט אימ,
ס'האָבנ אלע פויערנ אינאיינעמ עס באשטימט!"

האָסט אָנגעשריבנ? סאָרצי! איז נאָכאמאָל, פארצייַ,
אונ ענדיקנ די ארבעט ווילט זיכ פאר דער צייַט!

— וואָס איז עפּעס, סאָרצי, דער האלדז בא דיר פארהילט?..
שרייַב: ס'איז זייער שלעכט דאָס בויענ, דאָס געהילצ...

ס'איז ניטאָ קיינ וועלדער, ס'איז ניטאָ קיינ... וואלד,
וואלד האָב איך געזאָגט שוינ, שרײַב — דעמ מאטעריאל...

שרײַב־זשע, סאָרצי, ווײַטער, שרײַב־זשע, סאָרצי, — ווארט,
ס'איז שוינ, סאָרצי, שפּעט אזוי, ס'איז שוינ, סאָרצי, נאכט...

הענט זײַנעז אינ פיבער, הענט זײַנעז אינ וווּנד,
אונ דאָס בלוט איז הייסער פונ צעשמאָלצענעמ טשוהונ...

שרײַבט מענ שוינ אינייִנעמ,ביידע מיט איינ האנט,
אונ די קעפּ פארוואָרפנ, אונ די קעפּ — באנאנד...

ס'זײַנענ הייס די ווערטער אונ אינ מײַלער בריט,
אונ שפּעט איז שוינ ניט שפּעט, אונ פרי איז שוינ ניט פרי...

אונ ברוינעמער? ווער ברינעמער? ס'איז ברינעמער פאראנ,
אונ זאפט פונ זיי איז זיס אזוי אונ הייס אזוי ווי בראנד...

אונ דער אָפּקלויב פעסט איז, שטארק איז אונ געזונט,
ס'טריפט פונ זיי מיט הייסער, מיט צעזאָטענער, מיט זונ...

האָט צו סאָרצינ ראָנדעל: ווארט א ווײַל... איך בעט: —
— איינ דעפּעש קיינ כארקאָוו אונ די צווייטע דעמ צעבע!

עצ־זשע, סאָרצי, אופ זיך, ריר ניט אָנ די ערד,
רײַט, ווי באָלשעוויקעס רײַטנ אפ די פערד!

סאָרצי! ווי א ווינט — אהינצו אונ צוריק,
אז פונ דיר, אז, סאָרצי, שמעקט מיט באָלשעוויק!

ס'איז דער אָטעמ הייס אימ, ס'איז זײַנ אָטעמ שווער:
— ליב האָב איך צו קוקנ, ווי דו טראָגסט זיך אפ א פערד!

האָסט אָנגעשריבנ? סאָרצי! איז נאָכאמאָל, פארצײַ!
לייענ איבער נאָכאמאָל! ס'איז פאראנ נאָך צײַט!

און אצינדער — שנעלער! שנעל און ניט געשטערט,
זעצ זיכ, סאָרצי, שנעלער, שנעלער אפנ פערד!

און די ווייַטקייַט טוקט זיכ, און די ווייַטקייַט הערט:
— ליב האָב איכ צו קוקנ, ווי דו טראָגסט זיכ אפ א פערד!

און עס פרעגט אימ סאָרצי: — ליבסטער מייַנער, הער!
האָסטו ניט געזענ דענ, ווי איכ זעצ זיכ אפ א פערד? —

און עס שמייכלט סאָרצי: — ליבסטער, קומ אהער!
האָסטו ניט געזענ דענ, ווי איכ טראָג זיכ אפ א פערד? —

— זוניקע, מייַנ זוניקע! סאָרצי, כ'האָב געזענ, —
גיט זי ראָנדעל, לויפנדיק, א כאפ אפ זייַנע הענט:

— און זענ איכ וויל עס שטענדיק! און אצינד פארטרוי:
— זאָג, ווו האָסט זיכ אויסגעלערנט רייַטנ אָט אזוי?

האָסט אזוינע שטארקע, אייַזנדיקע הענט,
ס'האָבנ מייַנע זיידעס רייַטנ נאָכ געקענט!

ס'זייַנענ דייַנע הענט מיט אנקערס אויסגעשטעמפלט,
נ'מייַנע זיידעס ליגנ אלע דאָ אינ סטעפ...

זוניקע, מייַנ זוניקע! אנקערס אפ מייַנ לייַב!
אויסגעברענט מיט פייַער, אויסגעברענט מיט בלייַ!

דרייַצנ יאָר גענעכטיקט, דרייַצנ יאָר געטאָגט,
פריר אינ גיסערייַ און נאָכדעמ אפנ דאָק!

ווייַט אינ ניקאָלייַעוו, אפנ ברעג פונ בוג,
דאָרט, אפנ זאוואָד! נאָר, סאָרצעניו, גענוג!

און נאָכהער, מייַנ זוניקע, — קליאָשנדיקע טראָט,
און נאָכהער א פאנצערשיפ, און נאָכהער דער פלאָט!

— ווּ איז זי, מײַן זוניקע? ווּ איז די שטאָט?
ס׳בענקט זיך נאָך געשריי פון אײַזן און פון שטאָל!

הענט זײַנען אין פיבער, הענט זײַנען אין וווּנד,
און דאָס בלוט איז הייסער פון צעשמאָלצענעם טשוהון!

דער זאוואָד ז׳פון קינדווײַז אָן געווען מײַן אם,
און ליב האָב איך דעם ווידערשטאנד פון שטאָל אונטערן האמער!

ס׳ווערט פון אים דאָס לײַב פארהארטעוועט און פעסט,
— גיב א קוק, מײַן זוניקע, גיב א קוק! דו זעסט?

און אזוינע אלע! הייסע פארטיזאנער,
— ליב כ׳האָב באָלשעוויקעס, ווײַל אזוינע זײַנען זיי!

דעמלט, ווען מע ברענט זיי, דעמלט, ווען מע רײַסט זיי,
איז פון שטאָל דער ווידערשטאנד! און ס׳געשריי פון אײַזן!

און אצינדער — שנעלער! שנעל און ניט געשטערט,
זעצ זיך, סאָרצי, שנעלער, שנעלער אפן פערד! —

און די ווײַטקײַט טוקט זיך, און די ווײַטקײַט הערט:
— ליב האָב איך צו קוקן, ווי דו טראָגסט זיך אפן פערד!

און ס׳באגלייט זי ראָנדעל און ער שרײַט איר — זע:
— א דעפעש דעם מאָסקווער און דעם כארקאָווער קאָמזועט!

סאָרצי, — ווי א ווינט! אהינצו און צוריק!
אז פון דיר, מײַן זוניקע, שמעקט מיט באָלשעוויק!

רײַט־זשע, סאָרצי, רײַט! און ריר ניט אָן די ערד,
רײַט, ווי באָלשעוויקעס רײַטן אפ די פערד!

18

ס'איז דער סטעפּ אי פּריש, אי נאקעט,
דער פרימאָרגנ — ראָז פאַרנעפּלט ;
אפנ האָריזאָנט — אנ אקער,
א בּאָרדאס — אנ אָקס — דערנעבנ.

אונ די ווײַטנ זײַנעג האָריק,
ווי די ווייכע פּעל פונ אָקסנ, —
ס'האָט דאָרט ערד שוינ טויזנט יאָרנ
ניט געגראָבנ, ניט געבּראָקט זיכ.

פלעכטנ שטיבּלעכ זיכ ווי קוישנ :
— נעמ זיי אלע אינ די הענט דיר !
ווער אינ סטעפּ ארײַנ פאַרגייט שוינ,
— וווּ־זשע איז דאָרט ערגעצ מענדל ?

ס'שרעקט נאָכ מענדל פאר דער ערד זיכ,
פאר דער בּרייטקײַט, פאר דער פרײַקײַט ;
ס'רײַסט פונ הארצ בּא אימ זיכ קרעכציק :
— מע — מיסטאמע — ניט געדײַגעט !

מענדל לויפט נאָכ א פארכושטער,
ס'איז אימ נאָכ ניט אלצ צומ הארצנ ;
ס'קענ נאָכ ס'פעלד צו אימ ניט צושטיינ,
ווי סע טרעפּט זיכ, ווי סע מאכט זיכ.

לויפט ער, לויפט ער, נאָר — וווהינ־זשע?
אפנ סטעפּ איז כאוועך ראַנדעל,
א געזונטער אונ א פרישער,
כאַטש די פעלדער אפּ זיכ אַנטאַנ.

לעבנ אימ — דער כאוועך טומינ.
ביידע — מיט די אויגנ פירנ;
— צו דער באנ, — טײַט ראַנדעל אומעט, —
ווער מענ שטעלנ זיכ ברוקירנ!

— מ׳עט א וועג דאָ אויסברוקירנ,
מ׳עט דאָ פירנ, טומינ, שטיינער!
ס׳איז די ווײַט — אי זאט, אי גיריק
אונ סע קלעקט ניט אונ ס׳איז ווייניק. —

נ׳איבער סטעפּעס — אויסגעוויכערט
לויפנ ווינטנ אונ זיי לײַנענ:
— מ׳עט א וו־ע־ג דאָ אויסברוקירנ,
— מ׳עט דאָ, טו־ו־מינ, פירנ שטיינער!

נ׳מענדל איז שוינ לעבנ אקער,
ביז די לענדנ אינעמ נעפּל;
גיט א גלעט אנ אָקס באמ נאקנ
אונ א קלער: — א כײַע, נעבעכ!..

אונ דער אָקס — פארטראכט אונ כאָשעוו,
שטייט אונ קוקט ווי ס׳לויפט א מענדל:
— וואָס־זשע לויפט ער אזוי, מענדל?
— וואָס איז אזוי הענדומ־פּענדומ?

ברוינע פינטלענ אינ די שלייפנ,
אויגנ — אופגעטאָגטע, גרויסע,
קוקט אינ פעלד, ווי אינ א סייפער
מיט צעגראָבנ־שווארצע אויסיעס...

ס'גיט זײַנ אויער נאָר א פּאָכע
אונ דער ווײדל פרעגט דאָרט עפּעס...
טראכט זיכ מענדל:— ביסט א כאָכעמ
אפ אָט די סאָוועטסקע סטעפּעס!

פעלדנרו — צעווישנ הערנער,
הערנער — ביזנ קאָפּ פארקאשערט;
נו, גיט מענדל זיכ א קלער נאָכ:
— אפ אנ אָקס איז ניט קײנ קאשע!

נאָר אזוי פול רו אונ שאלווע,
נאָר אזוי פול פרידנ קלאָרער,—
אָנ זײַנ שאָדנ, כאָטש א האלבע
אפ א ייִד געזאָגט געוואָרנ!..

גײ פארשטײ עס, גײ באנעמ עס,
ווו ס'איז כאָכמע,— טראכט זיכ מענדל;
— צי ס'איז טאקע אפ אנ עמעס
גוט אנ אָקס זײַנ אפ דער וועלט דאָ?

ער האָט ליב א כײַע שטענדיק,
גיט ער זיכ אלײנ א טאָרע:
— ס'איז דײַנ נײַער כאווער, מענדל,
— שור שנגח את הפּרה...

גלעט א ווינטל זײַנע קנײטשנ,
אונ ער שעמט זיכ פאר די הערנער;
ווײסט אלײנ ניט, אז ער שטײט שוינ
א שאָ צווײ אונ עפּשער מער נאָכ.

אזוי קלײנ בא זיכ איז ער איצט,
אונ דער אָקס איז אזא גרויסער —
נ'עפּעס קריגט ער דערעכערעצ
פאר דעמ אָקסיש־פּראָסטנ אויסזענ...

אײַנשפּאַנען אָט באַלד זיך װעט ער,
דעם יאַרמאָ װעט ער זיך אָנטאָן
און אױף יאָך װעט ער אַװעקגײן
אין די װײַטע האָריזאָנטן.

און עס װעט די ערד אים נאָכגײן,
און עס װעט אים נאָכגײן בראָכע,
מי און מאַזל פֿון פֿרימאָרגן,
שװערער אָל פֿון קלוגער סאָכע...

גלעט אַ װינטל זײַנע קנײטשן
און סע טריקנט מענדלס טרערן,
און ער פֿילט ניט, אַז ער שטײט שױן
אַ שאָ דרײַ און עפּשער מערער.

טראָגט פֿון ערגעץ זיך געלעכטער:
— אַז אַ שטיבעלע קײן דאַך האָט...
סטעפּ צום ערשטן מאָל דערהערט האָט
קינדער ייִדישע צו לאַכן!

פֿליִען װינטמילן פֿון ערגעץ
אױף די פֿליגל — װינט צו מאָלן;
אױגן ייִדישע פֿאַרקלערטע
זעט דאָס פֿעלד צום ערשטן מאָל הײַנט!

און עס הערט זיך: — קאָרן. גערשטן.
האָרעװאַניע. זיסע. שװערע.
זופּט די ערד צום מאָל צום ערשטן
שװײס פֿון פֿאַרמעטענע שטערנס!

גײט זיך מענדל צריק דערװײַלע
און ער טראַכט: — קעדײַ, קעדײַ, גאָט!
און דעריקער — איז ניט אײַלן,
און דעריקער — ניט געדײַגעט!

שווייס האָט פעלדער אָנגערירט שוין,
— פון באַגינענ ביז באַגינענ
וואַקסט א ווירטשאַפט, בלייט א ווירטשאַפט
פון די הוילע הענט און פינגער.

געגנדז אין פאַרטעכלעך אין ווייַסע,
היגער אין פאַטשיילעס רויטע;
ייִדן האָרוועג, האָרוועג פלייַסיק
בא דער ערד און בא די ברויטן.

איז א בהיימעלע — אַפּ צווייענ,
און א שקאַפּקעלע — אַפּ דרייַענ,
און מע אַקערט און מע זייעט
און ס'איז — מענדל ניט־געדייַגעט!

און ווער ווייסט דען, וואָס ס'איז בילכער,
ס'זאָל דער אייבערשטער ניט שטראָפן:
— צי די קינדער א פּאָר שיכלעך?
— צי דעם פערד א פּאָר פּאָדקאָוועס?

אז ווער ווייסט דען — וואָס זאָלסט פריער שוין
אז א כיישעק אזא נעמט דיך:
— נאָך א כאַזערל דער ווירטשאַפט?
— צי די קינדער נאָך א העמדל?

הייבט זיך „ניט־געדייַגעט" אָן דאָרט:
— נאָך א גאַנדז און נאָך אן אינדעק!
גייט אוועק א סעדרע — ראָנדעל,
ראָנדעל — שאָף, און ראָנדעל — רינדער,

נאָך א קו און נאָך א לאָשעק,
און א טראַקטער נאָך דערבייַ גיב!
— נו, ניטאָ נאָך? נו, איז וואָס־זשע?
וועט ער זייַנ — און ניט געדייַגעט!

פּאַסעס שנײַדט דער כאַווער ראָנדעל,
אַלע מאָל — פֿון קרײַז אין קרײַז;
און אין יישעוו טראָגט ער אָן דאָ
גוטע טרייסטנדיקע נײַעס:

ס'גייען טראַקטערס — גאַנצע העלפֿאַנדס
און מע וועט די ערד אַ קײַ טאָן!
און, ווי זאָגט איר, כאַווער מענדל,
ניט געדײַגעט? — ז'ניט געדײַגעט!

19

שטאָט מיט שטאָט אונ שטאָט מיט שטעטל
אײַנגעוויקלט, אײַנגעקאָרעט;
— ווּ האָט טאלנע ניט קײנ פעטער?
— ווּ האָט טאלנע ניט קײנ קאָרעוו?

אינ אמעריקע?— אוואדע!
נ'ארגענטינע אונ ווּ ניט דענ?
איז אוועקגעזעצט אונ — נא דיר,
אונ א בריוול אָנגעשניטנ.

ס'גײענ הײסע בריוו אהערצו,
ס'גײענ הײסע בריוו — אהינ
אונ מיט הײסע שטיקער הערצער:
„הויכגעשעצטע טעכטער, זינ,

אונ זײַט וויסנ, אז איכ מעלד אײַכ —
פריִער גאָט אונ איר אלײנ —
אונ מע וועט שוינ אפ די פעלדער,
אונ דעריבער אונ בעכײנ...

... זאָל אײַכ גאָט גאָר ניט פארגעסנ
אפנ גאנצנ לעבנ אײַערס,
אונדזער איצטיקע פראָפעסיע
איז דאָכ שרײַבנ גאָר ניט שײַעכ...

מ׳איז דאָך עפּעס איצט אַפּ ערד דאָ,
דאַנקען גאָט, פאַרשפּאָרסט צו לױפן;
ס׳גײט נאָר מער ניט אָן קײן פערדל,
איצט א טראַקטער מוז מען קױפן

און בעכײנ, דעריבער טאַקע,
װילן מיר אײַך קומען מעלדן:
אונדזער װלאַסט איז װי א טאַטע —
— נא דיר ערד און נא דיר פעלדער

און אזױ א ביסל װירטשאַפט,
דאָס איז דאָך סאָװעטסקי סטרױ;
נאָר א טראַקטער ביז אימירטשעם
מ׳עט אראָפּנעמען דאָס ברױט...

און בעכײנ, טאַקע דעריבער
זאָל אײַך גאָט גאָר ניט פאַרגעסן,
װי עס װינטשען אײַך די ליבע
פון דער איצטיקער פּראָפּעסיע...״

יאָ צי ניט — נאָר װאַרטן, גרילצן,
— װער פאַרװערט דען? צי װער נײט דען?
גײט אװעק א װאָך, א צװײטע,
נאָך אזױפיל נ׳װיפל ס׳װילט זיך —

מ׳האָט געװאַרט, געװאַרט אזױפיל,
און די ערד מיט הענט געקרישעט,—
נאָר געקומען, נאָר צו לױפן
איז א טראַקטער אפן יִשעװ.

מיט א היצ און מיט א פּאַרע,
מיט א הילך דאָרט און מיט נאָך װאָס?
ס׳קרױזלט רױך זיך — א פּאַפּאַכע,
און די קינדער קװיטשען באָרװעס:

— עפּעס נעגל אַפּ די רעדער,
און א גאָרגל, טאַטע, האָט ער; —

ציט זיך מענדל, וויל א רעד טון:
— וואש וויסאָקאָבלאגאָראָדי!

פערציק קינדער, צוואנציק ווייבער
האָבן אים מיט נעז באטראכט שוין:
— אוי, אוי, אוי, איז דאָס א טרייבער,
— אוי, וועט ער דאָס טראטאכטשען!

פערציק בערד און פערציק יידן
מיט די הענט און בערדלעך קאָזע:
— א יונגאטש ס'איז, יידן, היט אייך,
מ'דארף צו אים א ברייגדל קאָזעק!

שרייען אלע און מע טאפט אים:
— טרייבן זאָל אים סאָרצי דייקע;
און אז סאָרצי טרייבט דעם טראקטער,
איז דאָך גאָר שוין נים געדייגעט!

ראָנדעל שטייט און טומין רייסט זיך:
— אָסטאָראָזשנע — שרייט ער, סאָרצי! —
נ'ראָנדעל היצט פון ווייטן:— דרייסטער! —
און דאָס פעלד דאָס גאנצע קאָכט זיך:

— נו, א ברען! סע גלויבט זיך קאמע,
אז א מיידל ס'איז אליין;
און די באקן בא איר פלאמען,
און געזונטע שמייכלען ציין.

ס'לויפט פון הינטן נאָך איר טומין:
— סאָרצי, קוק פון זיך — אפ גלייך! —
קוקט זי אלע מאָל זיך אומעט
און איר פאָנעם בליט און לייכט.

נ'מענדל טרייבט די באָרד פון נאכעס,
פליעסקעט פריידיק סאָרצין נאָך;
און מיט פרייד ער שפרייט די פלאך אויס:
— אזא לעבן! אזא יאָר!

— נעם אים, סאָרצי, פאר דער גריווע!
מיט דער פוס אים, סאָרצי, נ׳בויכ;
און עס לויפט פון ערגעצ קיווע:
— וואָס? שוין זי, די בסולע, אויכ?

— ס׳איז א מיצווע — שעכעיאָנו!
— מיט א מײַמער,— יידן, קוקט!
און מיט הערנער ווי מיט דלאָניעס
ט׳זיכ צעבריקעוועט א קו.

פולע פורנ — אָנגעפאקטע,
ס׳וועט קיינ וועג, דאכט זיכ, ניט קלעקנ;
איז שוין דאָ אינ פעלד א טראקטער,
און די ערד ער שנײַדט ווי לעקעכ.

דעם בוריאנ, ווי צוקער, קײַט ער,
און דאָס פעלד איז מיט א קרײַקע;
— יידן, הא? וואָס זאָגט איר ווײַטער?
— גיי שוין, מענדל,— ניט גערדײַגעט!

שטייט דער אָקס און קוקט פארכידעשט,
אויגנ שטילע — אויסטאראקעט;
מענדל מיטנ גאנצנ יישעוו
שלעפט צום אָקס דעם נײַעם טראקטער.

צוגעשלעפט אים צו די הערנער
און א וועגד זיכ צו דעם זאָקנ:
— נו, דו כאָכעם מײַנער, הער נאָר,
וואָסטו עפּעס איצטער זאָגנ?

אי אָנ הערנער, אָנ א ווײדל
און א קענער — קיינאנאָרע!
קוקנ זיי זיכ שטיל אָנביידע:
— וועמעס טעג און וועמעס יאָרנ...

— ס'האָט דער אָקס זיך צוגענעטערט
און א שמעק פון דאָ, פון דאַנען...
און א זאָג געטאָן האָט מענדל:
— נו, דו אָקסנקאָפּ,— פארשטא־א־נען?

רייַסט זיך טראַקטער ערד צעקעמען,
ס'זעצט פון אים א הייסער קויפּ;
אויסיעס בלייִענדיקע ברענען
אפ זייַן שטאָלן־שטאַלטנעם בויך.

און דער אָקס — פארקוקט, פארטרויערט,
הערנער בייגן זיך צו דר'ערד;
ס'פרווּוט א פּאָכע טאָן דער אויער
און דער ווײדל — היִן און הער.

ג'מענדל נעמט דעם אָקס באַם נאַקן,
גלעט אים, צערטלט אים און שטיפּט:
— קוקסט? די אויגן — אויסטאַראַקעט,
— ווייסט, וואָס הייסט א קאָ־אָ־לעקטיוו?

— וואָס ליגט דאָרטן אין די קעפּ אייַך? —
— מענדל,— שרייַט דאָס ווייַב אים,—קום!
ס'רייַסט דאָס הארץ! א כייַע, נעבעך,
בעסער גיי מעלק אויס די קו! —

פול דער יִשעוו מיט גאָזעטן,
און א קלוב, א באַלאַלייַקע,—
ארבעט מען דעם טאָג צו זעט אָן
און די נאַכט איז — ניט געדייַגעט!

אַלע ניינעם — וואַקסן לידער,
ס'א מעכייַע זיי צו הערן:
און ווי קאָרן, ווי צעבליטער,
בלייִען יונגע פּיִאָנערן...

ס׳גייט שוין צו דעם אקערן,
ס׳קומט שוין אָן די צײַט;
קוזניעס פֿריילעך פֿלאקערן,
ס׳קלינגט שוין דאָס געצײַג.

— זײַט־זשע מוחל, בוקערלעך,
לעמעכער — אהער;
וועגן פֿרישע טריקענען,
שפּאנט מען אײַן די פֿערד.

ווינטן ווייען מונטערע,
שמעקן נאָך מיט שניי;
נאָר די ערד די גרונטענע
איז נאָך ניט געגרייט.

רערן טיף־צעוועלגערטע
מיט סוסליקעס אין דר׳ערד;
האָט ראָנדעל א באפּעל געטאָן,
און טומין האָט דערקלערט:

—עס גייט שוין צו דעם אקערן,
געלעכערט איז דער סטעפּ;
— סוסליקעס, אין זאק ארײַן!
— מיט וואסער אין די קעפּ!

פויערימ פארייניקטע,
„ניט־געדײַגעט", האָרכ!
— בלײַבנ זאָל קײנ אײנער ניט,
קײנ אײנציקער אינ דאָרפ!

קײנ קערנ בלײַבנ וועט דאָ ניט
אונ לײדיק זײַנ וועט שטרוי;
זײ פרעסנ דאָס גערעטעניש
אונ שעדיקנ דאָס ברויט! —

שלאכטעלעכ אינדרויסיקע
פונ נאָענט אונ פונ ווײַט;
איז אינ פעלד ארויסגעגאנ
קינד אונ קײט אפ שטרײַט.

אויסגעשטעלט קאָלאָנעווײַז
מיט עמער אונ מיט קוואָרט;
מיט טשײַניקס אונ פאלאָנעקעס
אונ — גיסט! אָט דאָ! אָט דאָרט!

וואסער! וואסער! וואסערל!
וואסער — אָט אהער!
אײַ — וועט מענ זײ באסעוועג,
אײַ — אונטער דער ערד!

פריש אינ סטעפ — מעכײַעדיק,
ווינטלדיקער מארט;
— נו, איז א לעכײַעמל
מיט סוסליקעס געמאכט!

— לעכײַעמ, פאר די קעפעלעכ,
— לעכײַעמ, פאר די פיס!
פונ עמער אונ פונ טעפעלעכ,
פונ קווערטעלעכ אונ — גיס!

און מענדל? מענדל פּעשטשעט זיי
און רעדט איין זיי אַרײַן:
— שווימט אַרויס, פּאָמיעשטשיקעס,
ס'איז פרילינג — איַי־איַי־איַי!

— אָט איז עס! האַלט עס! ווי איז מיר!
סע דראַפּעט זיך! סע שרײַט!
— טאַלנער! נעמט עס מיימעסן!
נאָך איינס! צוויי! און דרײַ! —

טאַלנע קוועטשט באַם ווײַדעלע,
כאַסלאַוויטש — פּאַרן קאָפּ;
טאַלנע מיט אַ ריידע נאָך,
כאַסלאַוויטש — מיט אַ קלאָפּ!

און מע פרעגט בײַ טומינען,
מע לויפט צו אים גאַלאָפּ;
— ווי ס'איז אָנגענומענער:
באַם ווײַדל, צי באַם קאָפּ?!

— ראָנדעל! איַי — אַן אכבערל!
אַ פרישינקס! ערשט געכאַפּט!
אַ מאַמזער! אַ פאַרדאַרבערל!
— צו טומינען אין שטאָב!

און טומין שרײַט: — נו, גיי שוין, גיי,
און וואַסער נאָך — אהוּ־ו־ו!
ס'איז אַ פּראָסטער הײַשעריק,
כאַפּט אים שוין דער רוּעך!

— אַ מישפּאָכע רוט זיך דאָ, —
מעלדעט סאָרצי — ע!
— קאָנטערעוואָליוציע,
איַידאַ פונעם סטעפּ!

— ראָנדעל! אָט אחערצוצו!
— ראָנדעל! אָט־אָ דאָ! —
און זי מאכט צו רעכט זיי דאָרט:
הונדערט פארן טאָג!

ווער סע מאכט צו הונדערטער,
ווער סע מאכט די העלפט;
גייט שוין טומין אונטער דאָרט
און ער ווײַזט און העלפט.

ווערט אזא מין גליטש אָט דאָרט,
ווערט אזא מין פרייד;
און די שילערס צוויטשערן
לעבעדיקערהייט.

וואסער, וואסער — פעסעלעך!
וואסער, וואסער — פליס!
— סאם דעם סוינע! זע, ס'א לאָך
סאמע דאָ סע אין!

קעלעכלעך צעטויטשעטע
קלינגען אין דער הויך;
— סוסליקעס, א טויט צו אײַך,
פרעסט ניט אונדזער ברויט!

ראָנדעל גייט מיט טומינען
באצייכענען דאָס פעלד;
זיי פרעגן די געקומענע,
זיי קוקן — ווער סע פעלט.

טאלנער און כאסלאוויטשער —
אלע מ'איז ארויס!
שרײַט מען און מע האוועט שוין:
— קיווע פעלט נאָר בלוין!

עלטערע און ייִנגערע
ארבעטן געשמאק;
נ׳פאר קיוועץ — א געדונגענער
ארבעט א באטראק!

וועג ארויס און וועג אריין,
ס׳איז דער טאָג צעהעלט;
פירט מען אף די וועגענער
סוסליקעס פון פעלד.

— זע נאָר, וואָס סע טוט זיך דאָ,
סוסלעך — קעפ אף קעפ!
— קאָנטערעוואָליוציִע,
איידא פונעם סטעפ!

פריש אין סטעפ — מעכייעדיק,
ווינטלדיקער מארט;
— האָט מען א לעכייעמל
מיט סוסליקעס געמאכט!

פּי צו פּאַסטעכער און פּענטען,
פּי צו פּיטערן און פּאַשען,—
זעט זיך גאָרניט אָן, זאָגט מענדל,
בא א ייִד — א האָרעפּאַשניק!

מ׳בינדט א שטריקל צו צום האָרן,
און אין האַנט — א בײַטש א ווייכע,
און מע פּאַשעט — גוטע יאָרן,
נאָר מיט כאָכמע, נאָר מיט סייכל!

ס׳דאַרף נאָר זײַן, זאָגט מענדל, זעט איר,
וואָס צו פּאַשען און מיט וואָס;
און פאַרשטיין — פאַרשטייט מען שפּעטער, —
נ׳אַז מע מאַכט אַמאָל א טאָעס?

אָבער דאָס איז ניט פאַר מענדלען,
ניט פאַר אים געזאָגט געוואָרן;
אַלץ איז בא אים פּינקטלעך שטענדיק,
פון א פויגל ביז א וואָרעם.

א מין אַרבעט א געטרײַע,
א מין ציכטיקײַט — זײַן הויפּ איז;
— גיט א קוק אף זײַנע כײַעס,
— גיט א קוק אף זײַנע אויפעס!

— גיט א קוק! דאָס אויג פאַרגינט דעם
זיך צו זעטן מיט די כּײנען?
— יעדער האָן איז ווי א אינדעק,
נאָר א שאָד, וואָס מער ווי איינעם

האָט ניט מענדל אין זײַן ווירטשאַפט...
נו, איז ניט! א דײַגע אויכעט!
נאָר דער איינער טוט און פירט שוין
אַלץ מיט מענדלס קאָפּ און סייכל.

ס'קען א האָן אַזאַ זיך לעבן,
מאריכ־יאָמים זײַן פאַרגינען,
ביז די פיס וועלן נאָר שלעפּן,
ביז די פרײַ וועט אים נאָר דינען.

פאַר א שטוב איז ער א צירונג,
און א זייגער — פאַרן דאָרף איז;
מענדל גייט מיט אים שפּאַצירן,
ביידע — הונגעריק און באָרוועס...

אָבער ליב האָט ער א כּײַע,
מענדל — אַלע זײַנע יאָרן;
און פאַרשטייט זיך אַף זיי טײַער,
ווי פאַרהיטן, ווי פאַרשפּאָרן.

לערנען זיך א כּײַע פּאָרן
מיטן צווייטן צאַד — פאַרפּאַסן —
דאַרף שוין מענדל גאָרניט פּאָרן
צו שטודירן אין די קלאַסן.

מענדל ווייסט פון זײַן געניטקײַט,
וואָס צו טאָן און ווי צו היילן;
ווען א כּײַע פאַלט אַנידער,
ווען סע ווערט א כּײַע כוילע.

— וואָסי? קארג ט'ער זיך געפּענדיקט
באַ די שכיינים נאָך אין דר'היים דאָרט?
וועג געקומען מ'איז:— רעב מענדל,
ניט פאר איַיך גערדאכט, די בהיימע...

ניט פאר איַיך גערדאכט, די בהיימע
עסט ניט גאָרניט א טאָג דריַי שוין;—
— ג'איך שוין וויפל עס ניט, מיינט איר?
וואָס־זשע איז אזוי דער ראש? —

ענטפערט מענדל מיט א שמייכל:
— ס'איז נאָך בעסער. לאָזט זי נאָר,
נאָר מיט כאָכמע, נאָר מיט סייכל,
— אפ אונדז אלע אזא יאָר! —

מענדל האָט זיַין אייגנס קיינמאָל
קיין כאָדאָבע ניט געהאט;
ג'אפ יארידן, לעמ א קוינע,
פלעג ער שאצן אקוראט!

און צו זיַין א גוטער מייווין
אפ א בהיימע מיטן בליק,
איז גענוג, אז מ'האָט א קרויווע
און די קרויווע האָט א ציג!

אז מע קען, איז קען מען, ניקער,
ס'איז פון קינדוויַיז, טיַיטעט מענדל;
פונקט ווי ס'קען א מענטש זיך ציקלען,
קען ער. מיטן האלדז און ענדע!

אָבער פאסטעכן און פענטען,
אָבער פיטערן און פאשען
זעט זיך גאָרניט אָן, זאָגט מענדל,
באַ א ייִד — א האָרעפּאשניק!

אָט די גרויסע טוירע — קאָנ ער,
ס'איז אזא מײַנ גרויסער זײַנ דאָרט?
ס'וועלנ אויסוואקסנ די באָנימ,
וועט מענ פאשענ שאָפּ אונ רינדער!

לאָז ס'גערעטעניש אראָפּגיינ,
גיב איכ זיכ אזוי א דריי מיר,
ווערט אנ איבעריקע קאָפּקע,
אונ אנ איבעריקע בהיימע.

נ'אויב א בהיימע — איז א קעלבל,
נ'אז א קעלבל — וואקסט די ווירטשאפט!
אלצ איז נאָר, אז גאָט וועט העלפנ,
די גערעטעניש, אימירטשעמ!

נו, איז פיטערט ער אונ וועט זיכ,
נו, איז האָדעוועט ער כײַעס;
דאָס איז, זאָגט ער, פּי סאָוועטסקע,
איז מושטרירט ער זיי געטרײַ אויס.

קראַצט ער זיכ אזוי אינ שטערנ
אונ ער וויצלט זיכ אליינ:
— ער וואָלט זיי נאָכ אויסגעלערנט
שרײַבנ אפ פאפיר אונ ליינענ!

אונ נאָכ מערער! מאלע? טאָמער?
איז א כיבער אונ א כיסער;
נ'טאָמער טרעפט זיכ א מילכאָמע,
זאָלנ זיי נאָכ קענענ שיסנ!

קוקט זיכ מענדל אפ די פעלדער,
קוויקט זיכ מענדל מיט דער פרײַקייט;
— עמעס, טשערעדעס — נאָכ פעלט דאָ,
ס'זאָלנ לידער זיכ נאָכ קײַקלענ!

וואָס איז, טראַכט ער, דען א טשערדע ?
מנע ! א פּאָרל שאָפּ צי אָקסן, —
איז ווער ווערט דען און ווער שטערט דען,
און א טשערעדע צעוואַקסט זיך !

פריר — א קליינס, אזוי, אזוי זיך,
און דערנאָכדעם — קומען נאָך אָן ;
און צוביסלעך — גרעסער, גרעסער,
און דערנאָך איז — קיינאַנאָרע !

קיינאַנאָרע, קיינאַנאָרע,
אָפּ אזא מין ביסל פרייַקייט...
נ'אז ס'וועט שענקען גאָט די יאָרן,
וועט געוויס זייַן — ניט געדייַגעט !

22

פֿליסט קיין טײַך ניט אין די סטעפּעס,
גיט קיין באַרג־קוואַל שלאָגט און פּאַסיקט;
טריקענען בא ייִדן קעפּ אויס,
און אַ שאָרך פֿון בערד גייט: — וואָס־ס־סער...

פֿאַלט קיין טוי ניט. ס׳גייט קיין רעגן.
און די פֿעלדער ליגן נאַקעט;
— ווּעמען זאָגן? ווּעמען פֿרעגן?
ס׳קריכן הײַזעלעך, ווי אַקערס.

קומט קיין ווינט ניט. קומט קיין כמאַרע.
ס׳זײַנען הענט פֿון שווייסן — נאַסע;
טריקענען די קעפּ און דאַרן,
און אַ וויי פֿון ווײַטן: — וואָס־ס־סער...

קומט מען זיך צונויף אין עלנט,
רײַסט זיך קיווע אין דערמיטן:
— נאַ דיר סטעפּעס! נאַ דיר פֿעלדער!
— נאַ דיר אומגליקן אף ייִדן!

ס׳דוויכערט שטום זיך דער פּאַריבל,
נאָר איין קיווע שנײַדט און וויקלט:
— עך, דו ליבער גאָט אין הימל,
— נאַ דיר ערד מיט באָלשעוויקעס!

— וואָס ט׳מענ אונדז געפירט אהערצו?
— וואָס ט׳מענ אונדז אהער געטריבנ?
בעסער דאָרט געווענ דערקרעכצנ,
בעסער דאָרט געווענ פארבליבנ!

וויאזוי מיט אלע יידנ,
וויאזוי מיט אלע ג׳יינעמ;
אז ס׳איז פונקט ווי אינ דער מידבער:
— גיי שלאָג וואסער אויס פונ שטיינער!

ערגעצ גוטע טעג זיכ זאמענ,
ערגעצ זאָרג מיט רייד מע לינדערט:
— סכאקל גאָר ניט ווייַט דער יאמ איז,
ג׳אז מע וויל איז נאָר איינ ווינטל,

נאָר איינ ווינטל, אָט־אָ יענצ־אָ,
אָט־אָ יענצ־אָ מיט דער כמארע,—
אונ א האָפענונג צעברענט זיכ
אונ די האָפענונגענ שפארנ...

קומט אָנ מענדל פונדערווייַטנ
אונ ער ווענדט זיכ פונעמ וועג נאָכ:
— הא? וואָס זאָגט איר? יענע צייַטנ
האָט א ייִד באדארפט א רעגנ? —

אפ די באקנ — רויטע פליאמענ
אונ פונ שטערנ — טריפנ טויענ:
— אונ וואָס שייַעכ צו די יאמענ,
זייַנט איר זיכ, זייַט מויכל, טועה!

— אָבער זייַנ וועט סייַוויסיי גוט —
טייַטשט זיי מענדל, — ס׳איז ניט שייַעכ;
ס׳קער זיכ יאמ מיט „ניט־געדייַגעט"
אָנ, ווי טאלגע מיט פעטשייַעוו.

ערשטנס — איז דער יאם אין דאָרעם,
נ׳„ניט־געדיינגעט” ליגט אינמיטן;
איי — וואָס יידן זיינען אָרעם?
איי — וואָס ברויט באַדארפן יידן?

דארפן זיי געזונטערהייט זיך,
און נאָך דארפן ערשט זיי וועלן;
אָבער דאָס איז ניט קיין אייצע,
ס׳קען דער ווינט דאָ גאָרניט העלפן!

יידן דארפן שפאנען וואָגנס
און קאָראָמעסלעך — אפ אקסל!
און מע דארף זיך נעמען טראָגן,
וועט מען האָבן און ס׳וועט וואקסן.

און זיך זאָרגן איז ניטאָ וואָס.
— קוקט, ס׳איז ערד. ס׳איז קינדער. ס׳גייט דאָ...
און א קינד איז קיין קאטאָוועס,
ביז מע האָט עס — מוז גוט ווי טון...—

ציט זיך מענדל אויס די ביינער
און איינדר׳הויך די הענט זיך לאָזן:
— נאָר אפ אים, אפ גאָט אליין נאָר
קען א ייד זיך ניט פארלאָזן! —

יעדער פויער וואסער פירט שוין,
שוויס פון יעדן ביטער קאפעט;
פירט פון שכיינעסדיקער ווירטשאפט
מענדל אויך זיין אלטן קאדעט.

האלט די שקאפע בא דעם צוימל
נ׳אפן הימל — יעדער רעגע —
כאפט א קוק, א קוק אזוי זיך:
— עפשער שמעקט דאָרט מיט א רעגן...

פירט דעם פייסעכדיקן קאדעפ,
ווי א בעכער פול מיט וויין —
פירט און טייַנעט מיט דער שקאַפּע
און ער רעדט אין איר אריין:

— וואסער! אויך א זאָרג! אזוי גאָר!
— וואסער! אויכעט א מעציע!
ווער האָט זיך גערעכט, אשטייגער,
מע זאָל וואסער דארפן ציען...

גוט, וואָס איך האָב אויסגעטעכערט
ס׳גאנצע אָרעמקייט,— ס׳איז בעסער;
— כ׳האָב געשריגן: מענדעלעכע,
דעם קאָראָמעס ניט פארגעסן!

איצט — ווי א סאָלדאטל דינט ער,
פרווו א פּאָרל וואסער — אָן אים?—
קוקט זיך מענדל אום פון הינטן
און דעם שוויים ער ווישט פון פּאָנעם:

— מענדל נאר,— גיט ער א שטאָך זיך,—
אָנגעלייגט דאָס דרויב מיט עמער,—
בעסער לאָזט מען זיי אָט דאָרטן
און דעם טייַך געווען פארנעמען!

אזא טייַך, מיט אזא צאפּן,
ליגט אין טאָלנע און קיין ריר ניט;
מ׳שפּאנט אים איין א שטאָט מיט שקאפעס,
— וויאָ! און אים אריבערפירן! —

פּאָרט ער, מענדל. זוכט אן אייצע,
און דערמאנט:— דער אגראָנאָם זאָגט,
אז די ערד ביסכאקל דרייט זיך,
דרייט זיך אום — ס׳א גוטער מאמזער!

ווען ס׳איז עמעס די קאזאלע,
אז זי דרייט זיך און זיך קײַקלט,
וואָלט מען גלײַך דעם טײַך פון טאלנע
איבערדרייט קיין „ניט־געדײַגעט״.

— וואסער! אויך א זאָרג! אזוי גאָר!
— וואסער! אויבעט א מעציִע!
ווער האָט זיך גערעכט, אשטייגער,
מע זאָל וואסער דארפן ציִען?

מע זאָל וואסער דארפן טראָגן,
מע זאָל וואסער דארפן שלעפּן?
שלאָגט קיין קוואל ניט אין די טאָלן,
פליסט קיין טײַך ניט אין די סטעפּעס...

פליסט ניט? נו, א דײַגע ווען? —
מענדל ווייסט סײַווי קיין רו ניט;
נ׳ראָנדעל זאָגט:— מע דארף זיך נעמען
און זיך שטעלן גראָבן ברונעמס.—

איז מען זיך צונויפגעקומען
ווער מיט עפּעס, ווער מיט וואָס;
אויסגעטיילט דאָס פּלאַץ האָט טומינ
און געמאָסטן מיט א מאָס.

און מע האָט א וואָך געגראָבן,
און געגראָבן האָט מען צוויי,—
— מ׳עט קיין וואסער דאָ ניט האָבן,
ווי מע וויל זיך:— שרײַ און וויינ!

טײַנעט מענדל: —דאָס הייסט וואסער,
ערשט אצינד פארשטיי איך, מענדל,
וואָס די... אווימעלעכס פאסטעכס
זיך געאמפּערט האָבן שטענדיק...—

אומרו אפנ סטעפּ זיכ רויכערט,
ייִדנ בונטעווענ פאַרנעפּלט:
— ס'איז ניטאָ שוינ מער קיינ קויכעס,
מ'עט קיינ וואסער ניט דערלעבנ!

בערד אינ שווייס אינ הייסנ רינענ,
מ'האָרעוועט, מע גראָבט געשמאק;
אונ פאר קיוועג גראָבט דעמ ברונעמ
א געדונגענער באטראק!

גייט צו קיוועג אונטער ראָנדעל,
אונ ער גיט אימ אזא שפאר:
— נעבעכ, שווער קומט עס אײַכ אָנ דאָ?
טײַער קאָסט ער אײַכ, מאקאר? —

— נו, איז וואָס־זשע? נו, כאָטאָסי! —
דרייט זיכ קיווע, — א באטראק...
אויכ מיר א באטראק אונ... וואָס איז?..
טאָמער העלפט א גוי, איז — האק! —

— איינ באטראק נאָר? איינעמ סכאקל?
ווייניק, קיווע, ס'איז פאר אײַכ!
ס'איז פאראנ אסאכ באטראקעס,
ס'איז פאראנ דאָ פול! אסאכ!

דינגט אונדז, קיווע, דינגט אונדז אלע,
דינגט זיכ אָפּ דאָס גאנצע דאָרף!
מאכט אײַכ דאָ א נײַעמ טאלנע,
מאכט אײַכ פונקט אזויווי דאָרט!.. —

אונ צו ראָנדעלנ אליינ נאָר
טײַנעס דראָענדיקע גייענ;
— ס'גראָבנ אויס זיכ שארבנס, ביינער,
עמעצס העפקערער געביינ...

און אז שאַרבנס אַפּ די פּלאַכן,
און אַז ביינער אונטער העק,
— ווערן ייִדן מאָלע פּאַכעד,
ווערן ייִדן מאָלע שרעק...

מ'איז געגאַנגען... גראָבן.. וואַסער...
אַפּ בעסאַלמענס... ניט געדאַכט...
אַז מ'איז מייסים דאָ מעוואַזע...
וואַרגן וועלן זיי באַנאַכט...

און מאַקאַר, דער היגער פּויער
פון זיקאָרן זײַנעם וועקט:
...—ס'האָט אָט דאָ א שלאַכט געדויערט
זיבן מוטערלעכע טעג...

קאָמסאָמאָלצעס דאָ געזעגן
האָט דעניקין... דאָ... אין סטעפּ; —
און ער ווײַזט אַפּ נאָענטן וועג אָן: —
אָט פון דאָרטן זיי געשלעפּט...

מיט די זעגן... פּונקט ווי סאָסנעס...
אויסגעלייגט זיי מוטער־יונג, —
נ'ראָנדעל וועדט מיט בלוט באַגאָסן
ערגעץ טראָגט אים... און ער זינקט...

ווערטער ציילט מאַקאַר: — פּונדאַנען,
אָט פון יענע־אָ דרײַ זײַטן,
איז דערנאָך געגאַן בודיאָנע
מיט אַזעלכע מינים רײַטער...

שאַרבנס האָבן זיי געטראָפן,
ביינער, ביינער — אומעטום... —
ראָנדעל קוקט: דער סטעפּ איז אָפן,
ווי א בוך פון פּײַן און רום...

... ביינער... שארבנס... סטעפּ... מע רוט דאָ,
ווער וועט אויסציילן די צאָל?..
יעדער שפּאַן איז אויסגעבלוטיקט,
און מיט ביינער איז באַצאָלט...

סאָרצי הערט זיך אין זײַן קאָל אײַן,
קוקט אַף אַלטינקן מאַקאַר;
אָט־אָט גייען סטעפּעס, טאָלן
מיט אַן אומעט־ווײַטער נאַכט...

רויכערט זיך אַף סאָרצינס טרויער,
איז פאַרטרויט זי ראָנדלען שטיל:
— ס'איז מאַקאַר אַ גוטער פּויער,
ווי דער סטעפּ, איז ער פאַרהילט

מיט געהיימנישן מיט היגע,
מיט לאַנגאָנעדיקע נאָך, —
פון די זאַפּאָראָזשער קריגן,
פון פּעטליורען און מאַכנאָ!

הערסטו, ראָנדעל, ווי אַ כמאַרע
עפּעס וועבט ער דאָ און וועבט;
כ'האָב אים, ראָנדעל, ליב, מאַקאַרן
מער פון אַלעמען אין סטעפּ...

שטענדיק, אַז ער הייבט אָן ריידן,
שטענדיק, ווען ער גיט אַ רוף,
דאַכט זיך מיר, אַז מײַנע זיידעס
שטייען פונעם קייווער אוף,

און זיי ווײַזן מיר די ביינער,
און זיי ווײַזן מיר די קעפּ,
און זיי זאָגן: „דו אַליין נאָר
ביסט פאַרבליבן דאָ אין סטעפּ...“

און עס דוכט מיר אמאָל אויסעט,
אז אָט דאָ אינמיטנ סטעפּ
האָט ער מיט אזעלכע אויסיעס
אויסגעקריצט זיך יאָרנ, טעג...

אויסגעקריצט מיט שאַרבנס, ביי״נער,
אויסגעקריצט זיך אפּ זײַנ הויט;
און ער וועט עס אזוי ליינענ
און דערציילנ ביזנ טויט...

ליגט זיך איינער, שטעלט זיך איינער,
ערטער דרײַ געפּרוווט מיט שווייס;
דאָ איז שטיינ און דאָ איז ביינער,
נאָר קיינ וואסער — ניט... ווער ווייסט?

שווארצנ זיך דרײַ פרישע גריבער,
קוואָרים דרײַ פונ שווייס און דאָרשט;
שטעלט ארײַנ א מײַמער קיווע
בימעזומענ אפנ אָרט:

— יידנ, שווײַגט ניט! מ׳איז פארלאָרנ!
גראָבנ הייסנ זיי אונדז ערד...
ניט קיינ ברינעמער, נאָר קוואָרים,
אונדז פארפירט האָט מענ אהער! —

שאָרכענ אלטע בערד זיך איבער
מיט געוווי פונ שווערע לאסטנ,
און ס׳צעפלאקערנ זיך גריבער,
און ס׳צעמאָרדעווענ זיך זאסטופּס,

און געשרייענ — שווער, ווי יאָכנ,
און מיט קלאָלעס שווארצ ווי ראָבנ:
— קוואָרים, יידנ, קוואָרים,
מיט דעמ טויט זיך דאָ דערגראָבנ!

גראָבן הייסט ער, גראָב אים טיפער,
קוואָרים! און די שטיינער — פרעס! —
און מיט זאסטופּ לאָזט זיך קיווע
גלײַך צו ראָנדלען מיט פארמעסט.

נעמט אָן ראָנדעל קיווס זאסטופּ:
— פאר א ייִד, ווי קיווע — הערט,
שלאָגן זיך? אליין? סע פאסט ניט!
דינגט מאקאַרן! דינגט! ס'איז שווער!

גראָבן גראָבט ער דאָך פאר אײַך דאָ,
זאָל ער אויך זיך שלאָגן גיין!
— פאר א לאבן א פארדארטן!
— פאר אן אָפּגעגנאָגטן ביין! —

און ער רופט אין דר'הויך מאקאַרן:
— היי, מאקאַר, — מאקאַר, אהער!
לאָז דײַן באַלעבאָס ניט הארן,
שלאָגן קום זיך! ס'איז אים שווער! —

נ'ראָנדעל, האלב אין ליים פארשמירטער,
גיט א וואָרף זיך: — שלעפּערס! שנאָרערס!
מיר האָבן עס אײַך פארפירט דאָ,
מיר האָבן די ערד פארשפּראָכן,

אָפּ פארטריקעניש און אומגליק,
אז קיין וואסער זאָל ניט זײַן דאָ, —
איז געגנוג! איז נעמט די קלומקעס
און צעגייט זיך ווידער וואנדלען! —

און א לאָפּ געטאָן האָט ראָנדעל
צריק צו בריגעמער און גריבער:
— ווער סע וויל אצינד, דער קאָן דאָ,
דער פארבלײַבט דאָ! דער בלײַבט איבער! —

און מיט ראָנדלען קריכט דאָרט מענדל
זיבן איילן אונטער דר׳ערד;
און פונדאָרט ט׳ער זיך געווענדעט,
און פונדאָרט האָט ער גערעדט,

נ׳פון דער טיף א רוף דערהערט זיך:
— יידן!.. יידן... ברענגט א פאס הער!..
וואסער! הערט! אהער! אהערצו,
ס׳גייט דאָ וואסער! וואסער! וואסער!..—

און ער קריכט ארויס צעגליט דאָרט,
א פארשוויצטער און א נאסער,
— מענדל וואסערטרעגער, יידן,
האָט דאָ אויך געפונען וואסער!

———

— דאכט זיך, וואָס? א פראָסטער רעגן!
און ס׳ע לייגט זיך אפן זינען;
אז א ייד האָט פיינט א רעגן,
פיינט א רעגן — טאכלעס סינע.

אין דער וועלט אריין געלאָפן
פון א רעגן וואָלט ער דאכט זיך:
פון א רעגן ווערט א בלאָטע,
און די בלאָטע קריכט אין הארצן,

קריכט אין הארצ און קריכט אין שטיוול,
קריכט וווהין זי וויל נאָר — קריכט זי;
און די בלאָטעס זיינען טיפע —
ניט געגאנגען, ניט גערירט זיך.

היט דעם רעגן. שטעל זיך — היט אים,
שטעל אים אונטער. שטיי און שטעל אים:
דאָ א מולטער. דאָ א ביטל.
דאָ א פענדל. דאָ א טעלער.

ס'זאָל ניט דורכנעצן די סטעלי,
ס'זאָל ניט איינלייגן די ווענטלעך,—
מער קיין ארבעט, נאָר ווי שטעלן
האָט א ייד אזא ווי מענדל!

איצטער שטייט אינמיטן פעלד ער,
שטייט און קוקט אפּ ערד אפּ דארער,—
— ס'זאָל, טראכט ער, אזוי א קוועל טאָן,
אָדער כאָטש אביסל פארע...

שטייט און קוקט אזוי און טראכט זיך:
— דאָרט א הוילער, דאָ א הוילער...—
און סע רייסט זיך אים פון הארצן
און סע רייסט זיך פונעם מויל אים:

— איי, וואָלט מען באדארפט א רעגן,
אָט אזוי זאָל ער א גיי טאָן,
פון אָט יענע הימל־ברעגן
זאָל א טאָג און זאָל א צווייטער,

און ס'זאָל גיסן, און ס'זאָל קלינען,
און ס'זאָל דונערן און בליצן,
נ'ער זאָל לויפן הער און הין נאָר
און זאָל שרייען:— יידן, היט זיך!—

נאָר געדולד ער אזוי קנאפּ האָט,
קוקט אהינצו, קוקט אהערצו,
ווי דאָס פעלד — סע ליגט און סאפּעט,
ווי איין היץ אין גראדן פערציק.

ליגן פעלדער אויסגעבראָטן,
ליגן שטרעקעס — ניט געטרונקען;
קוקט פון ווייט אפּ זיי און אָטעמט,
קוקט פון ווייט אפּ זיי דער הונגער.

דאכט זיך, אז ער גלעט מיט גלוט זיי,
דאכט זיך, אז ער שעלט די הויט זיי, —
אלע — נאקעט, דאר און קריציק,
נאָר דער שטייג איז ווי א מויצע.

אויסגעגעסן שניט פון אקער,
ווי פון פּאָקן — אויסגעברענטע, —
טראָגט דער הונגער היץ און פלאקער,
נ׳מענדל קוקט דאָרט אַפ די הענט אים...

קוקט אזוי פארטרויערט מענדל,
קוקט מיט אויגן אויסגעוויאנעט,
ווי אפ אָפּגעברענטע פעלדער
שטארבט אוועק די האָרעוואניע.

ס׳שטארבט דער ערשטער שוויס אפ פעלדער,
ס׳איז ניט אופגאנג, ניט געראָטן, —
שטארבט די ערשטע מי אפ דר׳ערד דאָ,
ווי דאָס ערשטע קינד באַם פאָטער.

וואָס־זשע קען ער, מענדל, טאָן דאָ?
ס׳טריקענען אים די געדאנקען, —
גייט ער, לויפט ער, קוקט און פלאָנטערט,
שרייַט: — נו, מיילע, ניט געדייַגעט!

קומט מען זיך צונויף איינינעם,
נעמט מען זיך אין קאָלעקטיוו:
— ניט פארטאכלעוועט האָט קיינער, —
זיפצט ער אזוי, מענדל טיף.

— און די ערד איז עפּשער, כ׳בעט אייַך,
צו א ייִד נאָך ניט געוויינט...
זי ט׳זיך צוגעוווינען שפּעטער,
נאָך א יאָר און נאָכעט צוויי... —

גיט א שאָקל זיך א בוימל,
פּרוּווט א ציטער טאָן א גרעזל,—
עפענען זיך מענדלען טרוימען,
און זיי וואקסן גרויס און גרעסער —

לויפט שוין מענדל יעדן פרעגן,
לויפט שוין גלייך צום אגראָנאָם ער:
— כאָווער טומין, כאָווער, טאָמער,
— עפּשער, טאָמער אפ א רעגן!..

כאָווער, כאָווער אגראָנאָמער,
קוקט אָט דאָ, אָט דאָרט — וואָס דארפט איר?
איך האָב, זעט איר מיך, קאָל יאָמיי,
אָט אזוי אָט־אָ, לעהאָוודל,

אויסגעקוקט די אויגן: לייטיש,
אויסגעדרייט זיי הין און הער —
פון שאבייסענאכטס ביז פרייטיק
נאָכן וויסטן בידנעם קערבל... —

און אין סאמע מיטן שמועסן
ווערט דער הימל פּלוצים טונקל,—
טראכט ניט מענדל, הייבט די פּיס אוף
און אוועק פון פרייד דערטרונקען!

און די פּיס, ווי נ'טאנצ זיך שפּארן,
גאָר ניט זעט ער, אלץ פארביי גייט:
— מענדעלעכע, ס'גייט א כמארע,
— מענדעלעכע, ניט גערייגעט!

23

ס׳איז אהיים געקומען ראָנדעל,
אָנגעגורט מיט נאכט און מי,—
און א וואָרף פון זיך דאָס אָנטון,
זיך אזא צעוואלגער מיד
און א זאָג געטאָן צו סאָרצין:
— וועק מיך, סאָרצי, וועק מיך באלד!
ס׳וועט דאָס קעמערל הײַנט פאָרט זײַן,
הײַנט באשטימט מען דעם באשטאנד!
... עפשער נאָך אין ראט א לאָפּ טאָן?..—
און ער זאָגט איר:— ס׳וועלן זײַן
די צוזאמענגשטויסן אָפטער...
סטעפּ באוואָפנט זיך — פארטײַט!
— איז דאָס קעמערל — פארשלאָפּ ניט,
— איז פארשפעטיק ניט די צײַט!
זאָלסטו אופוועקן מיך, סאָרצי—
און ער וואלגערט זיך אוועק.

— גוט— גיט ראָנדלען דאָרט דאָס וואָרט זי,
און זי פאָלגט אים און זי וועקט.
נ׳אפּ דעם שטרויענעם געלעגער,
אפּ דער צוגעראָמטער בעט
שלאָפט ער אײַן, ווי נאָך געשלעגן,
און פארשלאָפט זיך אזוי שפעט...

ער פארשמעקט די שטוב מיט סטעפּעס
און מיט נאכט און רויער ערד;

טוי איז אפ אימ זיס אונ קלעפיק,
שוויס ווי האָניק אפ אימ ווערט,—
דעמלט ווערט ער סאָרצינ נאָנטער
אונ פארשטענדלעכער אזוי:
— אָט אזוי קומט מענ פונ פראָנטנ,—
קלערט זיכ סאָרצי נ׳גלעט די שטרוי;
גלעט זײַנ לײַב, געפרישט אינ טויענ,
הערט, ווי ס׳זעצט פונ אימ געזונט,—
נאָר ס׳גייט אופ פונ אימ א טרויער,
ווי אינ סטעפ גייט אופ די זונ.

דרייט זיכ ראָנדעל הינ אונ הערצו,
נ׳סאָרצי פילט אינ הארצ געפאר;
אונ זי טראכט זיכ אונ זי קלערט זיכ:
— אזא גיבער! אזא גוואר!
פאר די לעצטינקע פאָר וואָכנ
נ׳פאר די לעצטינקע פאָר טעג
האָט אימ אויכעט אײַנגעבראָכנ,
האָט אימ אויכ מיט פײַנ באדעקט...
ס׳האָט אימ אויכ דער סטעפ געטראָפנ
מיט אנ אָנגעסאמטער פײַל;
— נו, טראכט סאָרצי,— זאָל ער שלאָפנ,
זאָל ער אָפרוענ דערווײַל...

ס׳זײַנענ ברוינ נאָכ זײַנע אקסלענ
אונ פארצערעוועט אונ טריב;
שווערדנ האָבנ אימ געהאקט זיי
אפ די פראָנטנ, אפ דער קריג.
נ׳גאָרניט... פונקט אזוי ווי גומע,
ניט גענומענ ט׳אימ קיינ שווערד;
איצטער שנײַדט אימ אזא אומעט,
איצטער פרעסט אימ אופ די ערד...—

קוקט זי, ווי סע גייט זײַנ דויפעק,
ווי סע הייבט זיכ אופ זײַנ ברוסט:

— ער זאָל כאָטשבי ניט אנטלויפן,
ניט אוועק זאָל ער צופוס...—

ס'ווערט ארום דעם מויל איר הייסער,
מיטאמאָל שטעלט זי זיך אוף,—
אופוועקן האָט ער זיך געהייסן,—
און זי טוט אים אזא רוף:
— שטיי שוין, ראַנדעל, אוף, נו, שטיי שוין,
גיין מע דארף שוין, ס'איז שוין שפעט! —
הייבט ער זיך אזוי אָן כיישעק
און ער בייזערט זיך און רעדט,
ווי פון שלאָף נאָך עפעס רעדט ער,
ער דערעדט נאָך — ניט דערטראכטס;
סאָרצי מישט עפעס און בלעטערט
און פארבלעטערט זיך דאָס הארץ...

גיט א וואָרף זיך פון געלעגער
ראַנדעל:— פויערים, אהער!
פויערס! סאָרצי,— הא?.. ס'א רעגן!
ס'גייט א רעגן? ניין! ס'איז, הערט...—

און א צי זיך צו די שויבן
און א צי געטון דעם טאָג,—
— ס'האָט זיך מיר שוין אָנגעהויבן
כאָלעמען דער רעגן דאָ...—

— שלאָף, זאָגט סאָרצי, נאָך אביסל,
שלאָף זיך נאָך אביסל אויס,
וועט זיך כאָלעמען געוויס דיר
א גערעטעניש שוין אויך! —

נ'ראַנדעל זאָגט איר:— קום אהער נאָר,—
און זיין קאָל גייט ווי אפ טרעפ:

— ס'איז דאָ בירגערקריג... נאָך ערגער, —
ס'איז דאָ בירגערקריג אין סטעפּ! —
גיט ער אזא גלייַך זיך, דאָנדעל,
גיט ער א ציִ פון זיך די הענט:
— דאָרט אין בירגערקריג, אַפּ פראָנטן,
דאָרט איז גרינגער אים געווען... —
און ער איז שוין בא דער שוועל,
און ער קערט זיך אום פארטראכט:

— כ'האָב געוווסט דאָרט: — כ'בין אין פעלד!
— כ'האָב געוווסט דאָרט: — כ'בין אין שלאכט!
— כ'האָב געוווסט: — ווו—אויס, ווו—איין,
און אָט דער איז מיר א קעגנער,
און אָט דער איז מיר א פייַנט,
און צווישן אונדז איז — קריג!
און אז מ'האָט זיך דאָרט באגעגנט, —
ווייס — די פויסטן פעסטער האלט!
ווער ס'איז שטארקער, וויסטו — זיגט!
ווער ס'איז שלאבעריקער — פאלט!
גייסטו גלייַך און ווייסט דעם איקער,
פראָסט און פּאָשעט: — קריג איז קריג!
ווייס איך, אז דו ביסט — דעניקין,
ווייסט, אז איך — א באָלשעוויק!
און דערלאנגסט מיר די קאָקארדע
מיטן גאָרגל אפּן שטיק!
דו ביסט פון דער ווייַסער גווארדיע,
און איך בין א באָלשעוויק!
אָבער דאָ, מיט אָט די קרעמער,
דאָ אין סטעפּ, אין דעם געהירזש, —
איין געשריי קען דיך פארברענען
פון אזא מין טאלנער פירשט...
ניט קיין פייַנט און ניט קיין סוינע,
דאכט זיך, אייגענע... פון זיך...
טרעפסטו זיך מיט זיי אזוי נאָר,

— ז'ווער איז ער? און ווער בין איך? —
און ס'פארגייען זײַנע בליקן,
עפּעס זוכט ער זאָגן נאָך:
— צען מאָל ערגער פון דעניקין
צען מאָל ערגער פון מאכנאָ!..—

נ'סאָרצי דרייט זיך אונ זי הערט אים.
ווייסן ווייסט זי עס אליין;
ס'פאלן אפ איר זײַנע ווערטער,
יעדער וואָרט איז ווי א שטיין.
זאָגט זי:— אופגערעגט ביסט, ראָנדעל,
האָסט געגעבן א פארקריך;
— לאָז די קריגן, לאָז די פראָנטן,
קום שוין, שפּעט איז. קום שויג, גיך!

24

אפ די פעלדער שלאָפט דער אומעט,
איבער סטעפּעס — רויך צעהאנגענ !
ס׳איז קײנ כמארע ניט געקומענ,
ס׳איז קײנ רעגנ ניט געגאנגענ.

הונגער אינ די ווייטנ טופּעט,
קלינגט לעווייעדיק אינ גלאָקנ ;
ס׳איז די ערד אינ סטעפּ צעשטופּלט
אונ צעביסנ, ווי פונ פּאָקנ.

מ׳האָט געארבעט קינד אונ קייט,
אפ דער זונ זיכ אויסגעבראָטנ —
מ׳האָט געאקערט, מ׳האָט געזייט,
נאָר קײנ ברויט האָט ניט געראָטנ.

קוקט זיכ מענדל שטיל ארומעט,
לייגט זיכ איבער די געדאנקענ :
— ס׳איז קײנ כמארע ניט געקומענ,
— ס׳איז קײנ רעגנ ניט געגאנגענ...

ס׳בייסט די היצ — א שטויביק־שווערע,
אונ די ערד איז דאר אונ ליידיק ;
זשומענ יידנ :— מ׳עט פארקערווענ,
זשומענ יידנ :— מאכנ פּלייטע...

און ס'האָט זיך אפּגעשטעלט אזא מין מאָנטיק,
און ס'האָט זיך אפּגעשטעלט אזא יאריד —
אזא מין ווייַטער און אזא מין נאָנטער,
נאָר קיינער דינגט זיך ניט,
און קיינער פּאטשט זיך ניט איבער די הענט,
און ס'פלאטערן ניט אין דער לופט קיין לייַבלעך און קיין הייזן, —
און וווּ איז דער, וואָס קויפט ?
און וווּ איז דער, וואָס גיט צו לייזן ?
און וווּ איז דער, וואָס שפּאלט דעם קאָפּ
מיט פלעשער ביר,
און וואָס פארשטאָפּט,
און וואָס פארפירט,
און וואָס פארבלענדט ? —
נאָר קיינער דינגט זיך ניט,
און קיינער פּאטשט זיך ניט איבער די הענט...

די רו איז זיך אדורכגאנג איבער זיי מיט פּייַן מיט ווילדן
און ווי א בלינדער הונט האָט זי באלעקט זיי,
און ווי א הונט א בלינדער — זיי באטאפּט
און זיי מיט רויער שטילקייַט
דאָרט דערשלאָגן,
ווי מע דערשלאָגט מיט טשאד
און מיט פּאָפּלעקציע...

א גאנצן טאָג געקרעכצט האָבן די אָקסן
פון וואָגנס כאָרעווע, פון בייַדעלעך, ווי מיטעס, —
א גאנצן טאָג געפיבערט און געהאקט זיך
האָבן אין לעצטן צאנק די וואנדערדיקע טריט
און א פארקילטע בענקשאפט נאָך צוריק...

ס'האָט נאָר א קינד געוויינט, אין ערגעץ זיך געוועגדט,
און דורכגעריזלט האָט עס דין דעם ראש אינמיטן,
און ס'האָט זיך אפּגעשטעלט אזא יאריד,

און ס'האָט זיך אַפּגעשטעלט צוואָרפן אזא מאָנטיק —
אזא מיג ווייטער און אזא מיג נאָנטער...
נאָר קיינער דינגט זיך ניט,
און קיינער פּאַטשט זיך ניט איבער די הענט,
און ווו איז דער, וואָס קויפט?
און ווו איז דער, וואָס שפּאַלט דעם קאָפּ
מיט פלעשער ביר?
און ווו איז דער מיט רענדל — אַף אַרוף?
און ווו איז דער מיט רענדל — אַף אַראָפּ?
— אַף גיך!
— אַף פּענט! —
נאָר קיינער דינגט זיך ניט,
נאָר קיינער פּאַטשט זיך ניט איבער די הענט...

עס הענגען פון די וואָגנס נאָר ברעזענטן כמאַריקע,
און וויגלעך קינדערשע — אַף וואַנדער און אַף וואָגל,
און קישנס קויט — אַף ערגעץ ניט צוקאָפּנס...
ס'איז גרייט א צוג פון בראָכוואַרג אַף די וואָגנס!
ס'איז גרייט א צוג צוריקוועגס אַף די מאַרקן!
און גרייט דער צוג איז ביידלעך זיך צעקלאָפּן!
מע לאָזט זיך שנעל אין וועג אַריין צוריק!
מע לאָזט זיך פיבערדיק, ווי אַף א גרויסן כאָגע,
מע לאָזט זיך איילִיק,
איילִיק און אומברעגיק,
און ברייטער ווערט דער סטעפּ איעדער ווײַלע,
און שטילער ווערט דער סטעפּ איעדער רעגע,
ווי ס'וואָלט א היישעריק פון אים אַראָפּגעקײַלערט,
ווי ס'וואָלטן הויקערס זיך פון אים אַראָפּגערעגנט...

און אַפן סטעפּ ט'אַראָפּגעקוקט א שקיִעדיקע שײַן נאָר,
צעקײַקלט קאָל ווי קראָענדיקער קראַקען,—
ס'האָט זוג זיך רויכעדיק געשײַטערט,
און שטילקייט ט'זיך געזעצט אַף ליידיקע באַראַקעס...

איז מען געגאַנגען צוריק, ווי פינצטערע גאַנאָווים,
וואָס וואַרפן אַפּ וועג פאַנאַנדער שרעק:
— אָט איז דער וועג, דער וועג איז אָפּן,
ער פירט אַהיים און צוריק, דער וועג...
— אָט איז ער אָט — דער בראָכוואַרגדיקער צוג;
— אָט איז זי אָט — די שקיעדיקע שיין אָט.
איז ראָנדעל באַ א זייט געשטאַנען און געקוקט:
אַז טרויעריק און שטילער ווערן זיי, די ראַנדן,
דער בראָך גייט אָפּ... נאָר ווייט ז'אַזוי געטריי נאָך...
און שאָטנדיק, געשפּענסטיק — איבערוואַנדרער
צעלויפן זיך פונדאַנען, ווי ציגיינער;
איז ראָנדעל באַ א זייט געשטאַנען און געטיינעט:

— פאַרבראַנדיקט־בלוי פון
פענט
און אונטערוועגס,
און ווי ציגיינער — ווידער שוין מע לויפט, מע גייט,
— איז לאָז מען גיין! איז לאָז מען זיך צעלויפן!
מירן דאָ בלייבן — צען!
מירן דאָ בלייבן — זעקס!
מירן דאָ בלייבן — דריי!
און אופגיין וועט א לעבן דאָ,
ס'וועט אופגיין און ס'וועט זיין!

א יאָר פון מי ז'מען אָפּגעוועזן דאָ,
א יאָר פון אויסשטייגן און פון צאַר,
א יאָר זיך אָפּגעטאָן פון שטעטלעך,—
האָט זיך דאָס בלוט צעמאָרדעוועט פון הענדלער,
האָט זיך דאָס בלוט צעוויעט פון שמאַטיאַרעס,
האָט זיך דאָס בלוט צערעוועט באַ די בעטלער:
— נאָך א יאַריד! נאָך א געשריי איבער די הויפן!
... איז לאָז מען גיין! איז לאָז מען זיך צעלויפן!
— מירן דאָ בלייבן — צען!
— מירן דאָ בלייבן — זעקס!

— מירן דאָ בלײַבן — דרײַ!
און אופגייען וועט א לעבן דאָ,
אין בליִונג און אין פרײַהײַט!
אלץ־איינס! א הענדלער — מער, צי אָן אים, —
האָט ראָנדעל זיך אין טרייסט געקלערט.

אָט דאָ ניט ווײַט איז א ציגײַנערשע קאָלאָניע
אינגאנצן זיך צעלאָפן פון דער ערד,
ווי פון געפּענקעניש. געשווינד.
זיך אויסגעריסן. טומלדיק. מיט שרעק.
ווי א טאבון צעווילדעוועטע פערד,
איז מען אוועק אין סטעפּ
און אלץ געלאָזט אפ העפקער און אפ ווינט!
ס'ציגײַנערישע בלוט געטאָן האָט זיך א ריס,
ס'ציגײַנערישע בלוט געטאָן האָט א געשריי
נאָך טאבאָרן ציגײַנערשע, נאָך שײַטערס און נאָך טענץ!
און ס'איז געבליבן וויסט
און ניט געזייט
א דאָרף, ווי א פארברענטס...
פארבענקט האָט זיך ציגײַנערש בלוט נאָך וואנדער,
נאָך פינגערלעך, נאָך אוירינגלעך, נאָך פלעטונג,
וואָראָזשען ט'זיך פארגלוסט אפ קאָרטן און אפ דלאָניעס
מיט פּיק, מיט טשערווע, מיט וואליעטן, —
צעלאָפן דרײַ מאָל איז מען זיך פאנאנדער, —
ס'איז ענג געוואָרן אין קאָלאָניע
אפ איינעם און דעמזעלבן אָרט...
און איצט... און איצט זײַנען זיי צריק אין דאָרף,
באארבעטן די ערד און טאנצן שוין פאר זיך,
וואָראָזשען שוין מיט טראקטערס דעם מאסיוו,
און עסן אייגן ברויט דאָס צווייטע יאָר,
און וואָרצלען זיך מיט קראפט שוין אין דער טיף
און... וועלן נאָכאמאָל אנטלויפן ווי א וויכער...
נאָר אָפּזעצן צום סאָף זיי וועלן זיך אָט דאָ,
און פויערים געזונטע זײַן וועט זייער צווייטער דאָר!..

איז לאָזנ אונדזערע יארידניקעס אװעק!
עס װעלנ קומענ יאטנ, יונגע יאטנ
מיט סינע צו די מערק אונ צו די טאטעס,
עס װעלנ קומענ יאטנ,
זײ װעלנ קומענ דורכ דעמזעלבנ װעג...

דעמ מארק א נישטער טאָג אינ שטעטל װי די הינט
האָט אינ זײ אָנגעצונדנ װידער זיכ דער כײשעק,
זיכ אויסשרײַענ דאָרטנ נאָכאמאָל אפּ א יאריד,
אונ אויספינענ דעמ לעצטנ װײ־שוימ
אונ ס'לעצטע ביסל הענדלערישע בלוט,—
— איז גוט!
איז לאָז מענ גײנ!
איז לאָז מענ װידער זיכ צעװאנדערנ אפּ װעגנ,
איז לאָז מענ גײנ צעשטעלנ זיכ בא װענט!
אז — טאלנע — טײַנענ זײ,
אינ טאלנע איז געגאנגענ רעגנ,
אינ טאלנע זײַנענ קײנ פּארטריקעניש נײט געװעג,
אינ טאלנע האָט געטאנצט דאָס מאזל אפּ די הענט,—
אינ טאלנע ט'מענ גערוט,
אינ טאלנע! אלצ אינ טאלנע נאָר אלײנ,—
— איז גוט!
— איז לאָז מענ גײנ! —

אונ ראָנדעל קוקט אפּ ברײטנ סטעפּ,
אונ ראָנדעל קוקט אפּ שטומער װײַט,—
עס לאָזנ כמארעס זיכ אראָפּ, װי גרויסע טרעפּ,
אונ — אוי, װאָלט ער געטאָנ אצינד א רײַט
ערגעצ אזוי זיכ אינ דער װײַט...
אָט איז דער סטעפּ אונ אָט איז ער,
אונ טראכטנ — טראכט ער זיכ:
אזוי נאָכ קלײנ איז ער,
אונ ס'איז אימ שװער, אזוי נאָכ שװער
צו זײַנ אנ אײנזאמער,—

אָט שטייט ער, ראַנדעל, בא א זוים,
ווי עפּעס ענדיקט זיך און עפּעס הייבט זיך אָן...
און עפּשער טוט ער ניט אזוי,
ווי ס׳וואָלט א מענטש אן אנדערער געטאָן
מיט מער פאַרשטאַנד,
ווי ער,—
נאָר ווער איז איצט דער גרויסער מאַן?
און ווער איז איצט דען ניט דערוואַקסן?
און ס׳גייט פאַר זיינע אויגן א געשטאַלט אויף—
געבויגן עטוואָס אין די שמייכלדיקע אַקסל,
מיט ווייכן שטראַל אין הארטן בליק געבהאַלטן;
אָט זעט ער דאָס געשטאַלט צווישן אַרבעטער און פּויערים,
צווישן מענגעס—
ציגיינערס, טאָטערס, יידן און פאַרשיידענע און נאָך,—
עס טריפט זיין וואָרט
אין זיי אַריין,
ווי א געטראַנק אזא, וואָס לינדערט און וואָס היילט,
וואָס נעמט צונויף און פעסטיקט און פאַרייניקט,
וואָס שמעלצט דאָרט ערגעץ פרייד און צאָרן אף געוויכערס,
און מענגעס רייסן זיך צו אים און הירן
און געגענען:
— פיר אונדז, פיר אונדז, פיר אונדז, פירער,
— לעניןֹ!

און ס׳גייט א ריס בא ראַנדעלן אין הארצן,
און ראַנדעל כאַפּט זיך אוף, און ראַנדלען דאַכט זיך:
— אָט וועט ער אויך צו זיי אזוי־אָ צוגיין
און אויסשרייען צו זיי, צו אָט די בראָכוואַרגדיקע צוגן:
— נו, ווער איז שולדיק, וואָס ס׳איז שווער
פון טאָרבעס איבערשמעלצן שטאָל,
וואָס אויסגלייען אין אָדערן מע מוז דאָס בלוט?—
— נו, ווער איז שולדיק, וואָס מע דאַרף געדולד,
און ס׳איז פאַראַנען וואַנדעראָוונע פּיס,
און ס׳איז דער סטעפּ נאָך פול מיט טרויער,

און דער ארום איז הויל, פארברענט און וויסט,
איז וועט מען אין פארטריקעניש פון נאָגעדיקע שטראלן
דאָס בלוט זיך אויסגליִען אף זײַטן לויעדיקע
פיר,—
איך בין דאָך פונקט אזא מין פויער
גלײַך, ווי אלע
איר!..

און נאָכאמאָל דערזעט ער פּלוצים
אף סטעפּ אף ברייטן זיך אליין נאָר:
און ס'דאכט זיך אים, אָט וועט ער א געשריי טאָן:
— נו, גוט! נו, הונדערט לעגיָנס האָט באדארפט די רעוואָליוציע!
טויזנט לעגיָנס האָט באדארפט די רעוואָליוציע,
און האָבן האָט זי מער ניט — מער ווי איינעם,
איז דארפן מיר איצט מענטשן פּאָשעטע און קליינע,
ווי ער אליין פארהארטעוועט אזוי זײַן
און טראָגן פעסט
זײַן גײַסט און מי,
און דאָרט ווו מילד — איז מילד,
און דאָרט ווו גרויזאם—זאָל זײַן גרויזאם!..

— מירן דאָ בלײַבן זעקס!
— מירן דאָ בלײַבן דרײַ!
און אופגיין וועט א לעבן דאָ
אין בליִונג און אין פרײַהײַט!

25

שטיל אין סטעפּ געווען די נאַכט איז,
ס'האָט אַ כוישעכ אַ געדיכטער
צוגעדעקט די האָריזאָנטן,
ס'האָבן שטיבעלעך — פאַרלאָרן
זיך געיינזאַמט אין דער נאַכט;
וו־ניט־ווו, אַף שוואַרצע פּלאַכטעס
האָט אַ פלעמל זיך געפּיטערט,
דאַכט זיך ווייַט און דאַכט זיך נאָענט דאָ,
ערגעץ, דאַכט זיך, פורן פאָרן,
צי דאָס האָט זיך נאָר געדאַכט...

מ'וואָלט באַדאַרפט דאָ אַ געשריי טאָן,
מ'וואָלט באַדאַרפט אַזוי אַ רוף טאָן:—
נעמען לינקס, צי נעמען רעכטס זיך,
טאָמער — וואָס? צי טאָמער — עפּעס,
אָדער גלאַט אַ פרעג טאָן:— ווער?
נאָר געשוואָלן זייַנען ברייטן,
נאָר פאַרגעפלט זייַנען לופטן,
ערגעץ נאַכטפויגלען דאָרט קרעכצן,
נאַכט און ווינט און שרעק אַף סטעפּעס,
און דאָס גייַן איז אַזוי שווער.

שווער און זאַפּטיק און פאַרגאָסן
לייגן פלאַכן זיך אַף פלאַכן,

און מע זעט ניט ווו דער וועג איז,
און מע וואָרנט זיך מיט:—„היט זיך!"
און מע ענטפערט זיך מיט:— „שאט!"
— וואָס איז, אז א ווינטל קאָסעט?
וואָס איז, אז די רוימען וואכן,
און סע כוואליען זיך די שטרעקעס,
ווען מע איילט זיך אפ א זיצונג
פונעם קעמערל אין ראט?

נו, איז מען אין ראט געקומען,
אָפּגעפרישט און אָפּגעווינטיקט,
ס'האָט דאָס לעמפּעלע געברענט שוין
און דאָס ליכט געגאנ איז זיכער
און געשטיגן, ווי אפ טרעפ;
אָט איז ראָנדעל. אָט איז טומין.
זעצט מען זיך צום טיש געשווינדער,
ווער אין אָפּגעבליאקטע פרענטשן,
ווער אין פלאמיק־רויטע טיכלעך
אפ פארשייטע יונגע קעפּ.

אויסגעטון האָט זיך ניט קיינער,
אָט אזויווי מ'איז געגאנגען,
און קיין איבריק וואָרט פארהאפט דאָרט,—
צוגערוקט האָט מען זיך נענטער
און ס'איז יעדער אפ זיין אָרט;
סאָרצי בלויז, נאָר זי אליין נאָר
ט'זיך געפּאָרעט און פארהאנגען
באלד דאָס פענצטער מיט א „פּראוודא",
און פּאפּיר, און טינט, און הענטלעך,
נ'כאוועד ראָנדעל נעמט דאָס וואָרט.

ווי מע וויל זיך און ווי —ווענען,
ס'פעלט אסאך אין „ניט־געדייגעט",
מ'קען מיט גאָרניט זיך בארימען
אפ די סטעפּעס אפ די הוילע,

כוץ מיט נויט און ווידער נויט;
אָבער ווינטנ זיינענ פריי דאָרט,
אָבער שטערנ — כאָטש אפ עמער,
אויסגעזועצטע אינעם הימל,
פונקט ווי ג׳אזא בלויענ אויוונ
לאבנס בלענדנדיקער ברויט.

— נעמ און רייס זיי! נעמ און עס זיי!
בייג זיי אָנ, ווי פולע הענגלעכ,
ווי מע פלעג פארביי א גאָרטנ
אָנבייגנ א צווייג מיט עפל
און דערלאנגענ מיט דער האנט;
און אינ ראט איז מענ געזעסנ
צוגעטוליעט פעסט און ענגער,
מ׳קלאמערט זיכ אינ ראָנדעלס וואָרט אָנ,
און ער טייַנעט, אז אפ סטעפּעס
מוז מענ זיפנ דעמ באשטאנד.

— פרוווט נאָר, הערט, ווענ זיי באפאלנ,
פרוווט נאָר אויסהערנ די טייַנעס,
ס׳פירט מיט זיי דאָרט קיוועס קאָפּ אָנ: —
„טאלנע” נאָכאמאָל און ווידער,
דויבעט קיווע זיי אינ קארק;
רעגנס גייענ זיי אינ טאלנע,
ס׳איז פאראנ אינ טאלנע טייַכנ,
באלד וועלנ זיי נעמענ קלאָפּנ,
אז אינ טאלנע איז יארידנ,
אז אינ טאלנע — איז א מארק! —

שטייַגט אינ קעמערל די היצ שוינ,
טומינ טומלט. שטימענ רופנ.
ווער — א וואָרט וועגנ דער ארבעט,
און אינ סטעפּ זיכ ווינטנ ראנגלענ,
שטערנ ווארפנ זיי זיכ טיפ;

און אז ראַנדעל גיט א ריטשע:
— אַפּטרייסלען די באַלעגופֿן!
זיי די אָרעמשאַפֿט פֿאַרדאַרבן!
און דעם קרייַז מע מוז דערלאַנגען
באַלד א נייַעם קאָלעקטיוו! —

שפּאַרן אוף זיך האָריזאָנטן,
גיט א ציטער „ניט־געדייַגעט"
מיט די פֿלאַכן אויסגעקעסטלט,
נ'סאָרצי גיט זיך א צעטאָרע
און א שטעל זיך נ'א פּאַרטרוי:
— וואָס־זשע ווילסטו פֿון זיי, ראַנדעל?
ס'איז זיי ביטער, נו, איז טייַנעס!
שטיבער — ניט! און האָרוען — האָרוען!
און די טריקעניש דאָ פּרעסט זיי,
און דאָס לייַדן — פֿון דער הויט!

שרייַט מען! נו, איז שרייַט מען:— טאַלנע!
נו, איז וואָס? מע שרייַט מיט רוגזע,
שרייַט מען, ווייַל סע טוט זיי ווי דאָרט, —
מיר — דאָס קעמערל — באַדאַרפֿן
שלאָגן זיך פֿאַר זיי אין קרייַז! —
גיט דאָס קעמערל א וויג זיך,
גיט א וואַקל זיך מיט אַלע,
און אז ראַנדעל גיט א סאַרפּע,
נ'ווי א זעגל א צעווייטן,
גיט ער ס'וואָרט פֿון זיך א רייַס:

— טאַלנער שייַערס זייַנען פֿול דאָרט!..
ס'וואַרט, עס וואַרט דאָרט א בעסאַלמען,
ס'וואַרט א מאַרק דאָרט מיט יאַרידן,
ס'וואַרטן טאָרבעס, מ'זאָל זיי נעמען, —
גליק איז פֿון די הענט אַרויס;
... איז די רעוואָליוציע שולדיק

פּאַר כאַסלאַוויטש און פּאַר טאַלנע,
פּאַר אָט יענע שיינע יידן —
די טאָלטשאָטשניקעס און קרעמער,
— נו, איז שולדיק! גוט! און — אויס! —

— וואָס־זשע? שיקן צריק זיי אַלע?
עפּשער ווידער זיי פאַרשטאָפּן
און די מערק מיט זיי באַפּוצן?
הא? זיי שרייַען? זאָל מען שרייַען! —
און איינ רעַנדלענ גיט א קוי:
— ס'איז ניטאָ שוין מער קיין טאַלנע!
ס'איז ניטאָ מער קיין טאָלטשאָקן!
ס'איז געווען א רעוואָליוציע,
און ס'איז ערד, פאַבריקן פרייַע,
און ס'איז אַרבעט! אָט אזוי! —

האָט דאָס קעמערל צעבויערט
„ניט־געדייַגעטס" א באַגינען,
ווייַטן אויסגעצויגן טריבע
און דעם סטעפּ געעפנט קאַרביק
מיט א בושעל אַפ איינ פּוס;
און די הייכן ווערן בלויער,
און די סטעפּעס ווערן גרינער,
נ'דער קאַיאַר ט'ארויסגעטריבן
די כאַוויירים אַפ דער אַרבעט
מיט א פאַרטיקן באַשלוס...

26

רויכערט זיך א נאכט אינמיטן סטעפּ
אַף אופגעבראָקטע שווארצע שטרעקעס;
עס ליגן פעלדער ניט דערשטעפּט
און ס'ווייסט דער טראַקטער שוין ניט ווו דער וועג איז...

פון ערגעץ שניידן זיך, ווי אויגן פון א וואָלף,
פארהאקטע פייערן פון צוויי לאמטערנס,
און ס'איז די נאכט, ווי שווארצע וואָל,
און ס'איז די נאכט פון אקער—שווערער,
און ס'איז די נאכט מיט ראָנדעלס קאָל,
מיט שטארק פארטרונקענעם פון ווינט,—
עס רופט זיך איבער מיטן קלאפּ פון האמער,
און ערגעץ — טרייט אין לויף געשווינד:
— מע דארף א ווונד דעם טראַקטער דאָרט פארהאמעוועג...

און בא א ווייגענדיקן שייטער — איינגעהויקערט, קרום,
זיצן אויסגעזועצט פארוועלקטע יידן
און ווארטן פרירנדיק, און ווארטן שטום,
ס'זאָל א טאָפּ וואסער אָנהייבן פארזידן;
און איינער רוקט דעם אנדערן א קויל,
און איינער רוקט דעם צווייטן א שטיק פייער,
בא יעדערן באלויכטן איז דאָס מויל,
בא יעדן ווילט זיך עפּעס שרייען...
גאָר שטיל ארום. נאָר שטיל אין סטעפּ.

נאָר ס'רײַסט די קעלט. זי רײַסט און שינדט.
און אַלע ציִען ערגעץ אויס די קעפּ,
אָפּ שטײַכן בלאָנדזעניש פון בייזן ווינט...

און קיווע וויקלט זיך אין בורקע אײַן
און, סמאַקעדיק פון שײַטער ביסלעך וואַרעם,
גיט ער אין נאַכט אַרײַן אַ בייזן קײַע:
— וואָס שווײַגט איר, האַ? וואָס שווײַגט איר, אַריע?—

און אַריע קוקט דערשראָקן זיך אַרום
צי עמעצער איז ניט פאַרבײַגאַנ;
און ס'וויינט דער שײַטער — רויכעדיק און קרום:
— דאָס האַרץ איז אָנגעביטערט... שווײַגט מען...
העלפֿן ט'גאָרניט סײַוויסײַ מיר... —
און ווידער שטיל. דער שײַטער וויינט.
און אַריען בענקט זיך נאָך אַ מײַמער:
— אַמאָל איז רעדט אַ מענטש און מיינט,
ס'וועט גרינגער ווערן אָפּן האַרצן...
אַמאָל איז רעדט אַ מענטש און ס'דאַכט זיך,
ער וועט זיך אויסרעדן אַ טרייסט,
עס וועט אַ מענטש אים כאָטש דערהערן,
און איינמאָל רעדט אַ מענטש און ווייסט,
אַז אומגליקלעך וועט ער דערנאָכדעם ווערן,
און אָפּברענען אַזוי, ווי אָט די צווײַגן,
... שווײַג איך,
... רעד איך,
... כ'ווייס?

און סראָליק שנײַדער קרעכצט אַרויס:
— נו, יאָ!
מע שרײַט, מע שרײַט, אַבי מע שרײַט,
אָט גיב איך עס אײַך מיטן שטיקל קרײַד,
— איך בין פון דער היים. פון דאָרט
אַהער געלאָפן,

אַז וואָס? וואָס וויל איך דען? קאָטלעטן?
אַז רינען זאָל עס מיר איבער דער באָרד?
נו, לאָז מען מאַכן אַ קאָטיאָל,
— מאַסקים!
און לאָז זײַן אַ קאַרטאָפל,
— מאַסקים!
און זאָל דאָס מויל פֿון הונגער כאָטש ניט טראַסקען...
— מאַסקים!
מע שרײַט, מע שרײַט, אַבי מע שרײַט,—
אָט זעט איר דאָך עס מיטן שטיקל קרײַד...—

און ווידער ווינט. און ווידער שטיל.
און ווידער גיט זיך אַ צעוויקל קיווע,
די נאַכט פֿאַרוויקלט און פֿאַרהילט,—
מע זיצט... מע שווײַגט... מע פּראַוועט שיווע...
און קיווע אַ שטיק האָלץ צעברעכט,
מיט אויגן פֿינצטערניש אַף ווײַט ער מעסט
און דרייט דעם קאָפּ אהין־אהער:
— אַזוי אָ, שיווע זיצט דאָ, ייִדן,
ס'איז גאָרניט, זאָג איך אײַך — ס'אַ מעס! —
און נאָך אַ דרענגל קיווע ברעכט
און רוקט עס אונטער מיט דער פֿוס:
— אַז מ'האָט אַמאָל צוטאָן געהאַט
מיט אָקסן, אָקסן און מיט פֿערד,
איז גוט געוווּסט
האָט אַ נאַש בראַט,
אַ פֿערד איז אײַנגעפֿאַלן, מאַכט זיך,
איז אים אַרײַנגעהאַקט אַ קאַנע
פֿון אַזוינע פֿינעף עמער וואַסער
און קאָנסט אים רויִק ווידער שפּאַנען,—
האָט מען געוווּסט
האָט מען פֿאַרשטאַנען...
און דאָ האָט ראָנדלען טראַקטערס זיך פֿאַרגלוסט,
איז לאָז זיי ראָנדעל שטופּן קאַנעס,

ער ווייס דעם וועג,
ער ווייס דורכוואנגען...
... אָקסן... אָקסן איז אים, דעם יעווסעק,
שוין גאָר ניט אָנגעשטאַנען,
— איז לאָז ער אים דאָרט שטופּן קאַנעס! —

און ווידער — שטיל.
און ווידער — ווינט.
און קיינעס שטים
איז ווידער גרינג.
און ווערטער ברעכן זיך, ווי צווייגן דאַרע:
— וואָס שווייגט איר, הא? וואָס שווייגט איר, אריע?

און ס׳איז די נאַכט, ווי שוואַרצע וואָל,
און ס׳איז די נאַכט פון אקער — שווערער,
און ס׳איז די נאַכט מיט ראָנדעלס קאָל,
מיט שטאַרק פאַרטרונקענעם פון ווינט, —
עס רופט זיך איבער מיטן קלאַפּ פון האַמער,
און ערגעץ — טריט — אין לויף געשווינד,
— מע דאַרף אַ וווּנד דעם טראַקטער דאָרט פאַרהאַמעווען.

די נאַכט איז ווי געשוויל.
עס גיט דער טראַקטער ערגעץ זיך אַ ריס,
און ווידער — שטיל.
און ווידער — וויסט.

עס דרייט דער ווינט זיך
הין און הער,
און קיינע גיט אין פינצטערניש אַ קלער,
און קיינע גיט אין פינצטערניש אַ טראַכט:
— פאָראַדקעס האָט מען אויסגעטראַכט!
און אַז באַ קיינעם וועט שוין פאַרנצעוואַטע זיין די קו,
ב׳אַז קיינע אויסשטרעקן וועט שוין די האַנט,
וועט זיין דער רעוואָליוציע און ראָנדעלן גוט,
און קיינע זיין וועט דעמאָלט אַ פאַטשאָטנע אָרעמאַן... —

עס בײַסן די געדאַנקען אים ווי לאַטעס
און קרעכץ געקאָוועטער פֿון אים זיך טריפֿט:
— איז זאָל זי ווערן פּראַנצעוואַטע,
און אונטער דר׳ערד האָב איך עס טיף!
איר ווילט א טראַקטער—זאָל זײַן טראַקטערס!
איר ווילט א קאָלעקטיוו — איז קאָלעקטיוו!
איר ווילט אזוי, איר ווילט פאַרקערט שוין,—
איז קיווע אומעטום דער ערשטער! —

און מיטאַמאָל — לאַמטערנס, שאַרפע און צעבלאַנקטע.
ס׳דערהערט זיך פֿון דער ווײַטן — גאַנג;
ס׳האָט א ריס געטאָן אפּ סטעפּ דער טראַקטער,
און א בריגאַדע ז׳אָנגעקומען מיט געזאַנג.

27

שטייען אַלטע דעמער־ייִדן
אין דער ערד זיך אײַנשוואַרצאַפּלט:
— וועט מען איבערגראָבן ווידער,
ווידער וואַרטן, ווידער צאַפּלען...

און דער אגראָנאָם — אײנמיטן
מיט די פֿויערים אײנײינעם:
ניט פֿאַרבײַגאַן, ניט געמיטן
די פֿאַרטריקענישן האָט קײנעם...

יעדער טײַנע בראָט און ברייט אים,
שווער איז צוזען אים די לײַד;
ס'דאַכט זיך אים, אַז אָט די ייִדן
אויסטון דאַרף ער איצט זײַן לײַב...

נ'מענדל הערט ניט אויף צו היצן
און צום אגראָנאָם אַ לאָף:
— כאָווער אגראָנאָם, בעקיצער,
— כאָווער אגראָנאָם — אַ סאָף!

וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו קלערן?
ס'איז פֿאַרפֿאַלן, ס'איז באַשערט.
ניט קיין טײַנעס דאַרף מען הערן,
גראָבן דאַרף מען. ערד איז ערד!

וואָס איז שטייט דאָ ווי די קלעצער?
ס'איז ניטאָ דערופ קיין צייט;
איבערגיצעווען מע וועט זי
אפ דער אנדערינקער זייט.

וועט מען זען, וואָס האָט זי דאָרטן,
וועט מען זען, וואָס האָט זי דאָ —
קראַצן זיך אזוי — פארשפאָרט מען,
עלע ניט? ז'א גוטן טאָג! —

נו. איז מען ארויסגעגאנגען
פונדאַסניי מיט אקער, פערד;
ס'זיינען טעג אזוינע לאנגע,
און צעבראָטן איז די ערד.

און מע ארבעט, ווי מע קאָן דאָרט,
איינגעשטעלט די לעצטע מי;
ס'ארבעט טומין, ס'ארבעט ראָנדעל,
ס'זיינען אלע אין דער מיט.

און פון שטעט און פון די יישעווס —
ניט געהאָפט און ניט געווארט,
זיינען קאָמסאָמאָלצעס פרישע
אָנגעקומען העלפן גלייך.

און געשטעלט זיך צו דער ארבעט
פריילעך האָרעוונדיק — געטריי;
ב'מענדל פרווט זיך: — ווער ס'וועט שטארקער,
ב'מענדל האָרעוועט פאר דריי.

קוקט אפ יונגען און ער סאפעט:
— איך בין יונג נאָך אויך אליין! —
טראָפן שוויס פון באָרד אים קאפעט,
און די ערד אפ אקער גייט!

און פארנאכט מיט קאָמסאָמאָלצעס
זינגט ער נ׳לידער דאָרט ער טרינקט;
און אים טראכט זיך און אים מאָלט זיך:
— גוט איז זיין אזוי־אָ יונג!

נאָר אפ שקאפע ז׳קוקן שווער אים,
קאם זי שטייט אפ אירע פיס;
אויסגעקליבן האָט זי שווערע
צייט אפ ווערן קאָלאָניסט...

אלע שטאלן — אופגעוועקטע,
ס׳האָט די כייע ניט קיין רו;
נ׳קיווע ווערטלדיק דאָרט פרעגט אים:
— מענדל, הער נאָר, דו, קאָמונ!

— ווו־זשע ז׳ערגעצ דיין כאָדאָבע?
ווו זיינען די שאָפ און רינדער?
שוין פון לאנג, פון לאנג זיי האָבן
ניט געזען קיין ביסל גרינס דאָ.

ס׳איז ניטאָ מיט וואָס פארשטאָפן
זיי די מיילער, זיי די בלינדע;
— אוי־וויי, מענדל, דיין כאָדאָבע,
— אוי־וויי, דיינע שאָפ און רינדער!—

אז דער אָקס ז׳עפעס פארדרימלט,
אפן האָריזאָנט — פארענדערט;
בלויז די הערנער צו דעם הימל
זיינען אויסגעשטרעקט ווי הענטלעך...

און די שקאפע צו א סטויפל
צוגעבונדן פאר א שטריקל;
נאָר זי שוועבט, דאכט זיך, פונויבן
— א געשפענסטיקע, ניט־היגע...

אין מאכשאָווען אין ניט־היגע
זי פארטראָגן און פארטאָן איז;
ס'דאכט זיך, אז אין סטעפּ בא יידן
האָט זי אזא לײַכטן טאָנעס...

ס'איז די פעל איר אײַנגעפאלן
און דער בויך איז איר פארטריבן;
קוקט זי צארט אזוי אף אלע
מיט דער שארף פון אירע ריפּן.

אָט'ן זיי זיך פון איר אויסטון,
איינציקווײַז און אָן פאריבל, —
קוקט זי, פונקט ווי כויוועס גרויסע
שולדיק מענדלען זי ז'פארבליבן...

— כאָטש א כײַע, טראכט זיך מענדל,
דאכט זיך, וואָס? נאָר ס'א ראכמאָנעס!
זי פארשטייט אליין, טראכט מענדל,
זי פארשטייט און ווייסט און קאָן אונדז...

זי איז דאָך אין שטוב בא מענדלען,
ווי אן אייגענע, א קרויווע;
— וואָס האָט ער פאר איר פארבלענדט דען?
די פאלאצן? זײַנע הויפן? —

גייט ער צו איר צו דאָרט, מענדל,
קוקט אף איר: — אײַ שקאפּע, שקאפּע,
אויגן — גרויס בא דיר, פארענדערט,
און סע טריפט פון זיי און קאַפּעט... —

און דאָס הארץ טוט אזוי ווײ אים
פאר דער אָרעמ־שטילער כײַע! —
קומט צום אגראָנאָמ אהיים
און ער רעדט אין אים אריַין:

— איכ בינ ניט קיינ גרויסער בעריע,
איכ בינ קיינמאָל ניט געווענ עס,
כ׳האָב זיכ קיינמאָל ניט געלערנט
שרייבנ אפ פאפיר און פענעס.

נאָר אפ פערד בינ איכ געשלאָגנ,
ס׳דארפ מיר קיינער ניט פארטייטשנ,—
אינ א כייע בינ איכ באָקע,
ווי א פראָסטער ייִד אינ אשרע.

פערציק יאָרנ — וואסער שלעפ איכ
אלצ איינײנעמ מיט די פערד,
אויסגעקומענ זענ אינ לעבנ
אלצ וואָס ס׳איז געווענ באשערט.

נאָר צומ ערשטנ מאָל פונ ווענ אָנ,
אפ מיינ לעבנ אפ מיינ שווערנ
האָב איכ דאָ אינ סטעפ דערזענ,
ווי א כייע וויינט מיט טרערנ...

— איר פארשטייט ? — האָט ער פארענדיקט,
זיכ א ביסעלע פארנויגנד:
און א ווישׁ געטונ האָט מענדל
מיטנ ארבל זיכ די אויגנ...

28

א שניט איבער הימל מיט שארף פון א בליץ
און — ס'איז שוין געזעצט און גערינען די היץ!

און ס'האָט זיך פארדרייט און פארוויכערט א ווינט,
— איז וואָס זאָל ער בייגן און ברעכן און בריִען?

קיין בוים אפ אנטקעגן! ס'איז נאקעט די פלאך,
טונקל אין סטעפ, ווי פארטאָג, ווי פארנאכט.

קיין רויש פון א בלאט. קיין שאָרך. קיין גריל.
סע סקריפעט די לופט און זי ווארגט זיך מיט ווינט.

עס בלייִערט דער הימל. די ראנדן — פארווישט,
און ס'ווארפן זיך בליצן, ווי זילבערנע פיש.

א דונער. א צווייטער. א דריטער. און — דרייַ.
און קיינער אנטקעגן, און קיינער פארבייַ.

עס האקן אין הימל זיך בליציקע טרעפ,
אָט באלד וועט א רעגן פארטרינקען דעם סטעפ.

ס'צערייַסט זיך די ווייַט דאָרט און וויכערט און ברעכט,
און וואָס זאָל מען רייַסן און בייגן צו דר'ערד?

ס'איז טונקל אין סטעפּ, ווי פאַרטאָג, ווי פאַרנאַכט.
— ווו זײַנען די וועלדער? ווער האָט זיי געהאַקט?

ווו זײַנען די בראַווע פאַרשיקערטע קעפּ,
וואָס האָבן מיט ביימער געבעטן דאָ דעם סטעפּ?

זיי וועלן באַלד אופשטיין פון אונטער דער ערד,
— פאַרפײַניקטע, יונגע, צעבראָכטע מיט שווערד.

מיט דרייסט און מיט שטאָלץ און מיט „ביין" אינעם פּאַל,
ווי דעמבענער, ווי הונדערטיעריקער וואַלד.

זיי ליגן צעלייגט דאָ אַף סטעפּישער ווײַט —
אַף סטעפּישער ווערסט און אַף סטעפּישער מײַל.

זיי זײַנען געגאַנגען פאַרזייען דעם סטעפּ —
— אַז רענדלעך ז'קיין רענדלעך — אַז קעפּ, — נו, איז קעפּ!

נ'ווי ביימער — צעזעגן. און ביינער — פאַרזייט, —
אָט דאָ אַף די סטעפּעס. זיי ליגן דאָ. זיי!

זיי וועלן באַלד אופשטיין, די וועלדער אין סטעפּ
נ'אַף קלינגענדע זאָטלען פון פערד, ווי אַף טרעפּ.

און — וועק! און זיך לאָזן אַנטקעגן דעם ווינט:
— נו, בייג אונדז! נו, רײַס אונדז! נו, ברעך אונדז געשווינד

אַנטקעגן דעם ווינט, ווי אַנטקעגן אַ צוג,
און דו, — ניט־געדײַגעטער בראַווער קאָמיוג!

עס האַקן אין הימל זיך בליציקע טרעפּ,
— אָט באַלד וועט אַ רעגן פאַרטרינקען דעם סטעפּ!

כמאַרעס אָנגעגליט און רויכיק
אַף די ראַנדן אָנגעלאָדן,—
פון אַ גרויזאַמען געוויסער
קלאַפּן דונערס אָפּ דעם שלאָס;
און פאַרקאָוועט זייַנע הויכן,
ווי מיט גראָבע שווערע לאָדנס,
ס'רייַסט דער ווינט זיי, ס'ברעכט דער ווינט זיי,
— באַלד וועט זייַן אין סטעפּ אַ גאָס!

און אַרויס איז סאָרצי דרויסן
אָטעמען דעם רייך פון רעגן,
אָטעמען די קעלט פון כמאַרעס
און זיך זעטיקן מיט ווינט;
— בלוט איז בלוט! און ברוסט צעבראָויזיקט!
— לייַב איז לייַב! און הענט — אַנטקעגן!
נייַנצן יאָר פון סאָרצינס שפּאַרן,
און זי ווייסט נאָך ניט וווהין...

— ס'איז מיר עפּעס אַזוי הייס איצט,—
רופט זיך סאָרצי אָן צו ראָנדלען,
—כ'האָב ליב, ראָנדעל, אַז דער רעגן
שמייַסט אין פּאָנעם גלייַך אַזוי!
— וועמעס זאָרג? און וועמעס אייסעק?
— וועמענ גייען ראַנדן אָן דען?
ס'איז ניטאָ צום האַרץ קיין צוים!—

בליצן בליאַסקענדיק־צעשפּילטע,
ווי דאָס האַרצגעזאַנג פון יוגנט,
רייַצן זיך אַזוי און רופן,
דרייען זיך אַזוי אַרום;
עפּעס איז זי סאָרצי ווילד הייַנט,—
פרייד פון רעגן ז'ניט גענוג הייַנט!
— נאָך! ס'איז ווייניק! נאָך! מ'עט פּרוון!
און זי רופט דאָרט ראָנדלען:— קום!

— קום נאָר, קום נאָר, קום נאָר, ראָנדעל!
ס'וועט אין סטעפּ באַלד ווערן גרויזאַם,
ס'וועט אין סטעפּ באַלד ווערן פריילעך,
ראָנדעל קום, דאָס הארץ — אין סטעפּ!
בלוט צעבליטס אפּ האָריזאָנטן,
ס'ברענען אפּ זיי רויטע רויזן,
און דער רעגן שמייַסט אפּ זיי דאָרט,
און ס'איז — האָניק! און — ס'פּאַרקלעפּט! —

ס'איז איר פּאָנעם פול מיט רעגן,
פול מיט טויען־טראָפּן פרישע,
און זיי ציטערן אפּ איר דאָרט,
און זיי שמעקן אַזוי זיס;
— ווו איז סטעפּ מיט זייַנע ברעגן?
ס'איז נאָך נאַכט, צי אינדערפרי שוין?
— עפּעס איז מען דאָ פאַרפירטע,
ג'עפּעס פרייען זיך די פיס...

— ראָנדעל—סאָרצי, סאָרצי — ראָנדעל!
ס'דרייט זיך ווינט אין סטעפּ מיט וויכער,
ס'טרינקט די ערד און הימל קלאָרט זיך,
און דער ראַנד איז ווי א רופ:
— טרינק זיך, ערד, מיט זאַפטן אָן דאָרט!
ס'איז די טראַכטן היים און ליכטיק,
— סאָרצי—ראָנדעל, ראָנדעל—סאָרצי,
ערגעץ רופט מען אייַך שוין אוף!

ס'טוט זיך הויך מיט גאָלדנעם גורט אָן,
ווינט מיט ווינט אפּ סטעפּעס פּאָרט זיך,
און די טויען־טראָפּן טייַען
מיט איעטווידן פאַרשטאָך:
— ברויט וועט זייַן אין „גיט־געדייַגעט“!
זייַן וועט ברויט און זייַן ט'געבורטן,
— סאָרצי—ראָנדעל, ראָנדעל—סאָרצי,
און די דאָרשטן שרייַען: — נאָך!

29

עס האָבן זיך פעלדער
פארצויגן מיט גרינס;
און ס'גלויבט זיך ניט מענדל
צי עמעס דאָס איז.

צי עמעס דאָס איז דאָ,
צי רעדט ער זיך איַין:
ערשט נעכטן — א וויסטע,
גערעטעניש — היַינט!

ס'האָט רעגן געפּערדלט
א כוידעשל מיַי;
און וואָס דארף מען מער דען?
— ניט צוויי און ניט דריַי!

איז מענדל לויפט אום דאָרט,
פון רעגן פארנעצט;
די אויגן — צעבלומיקט,
מיט פונקען באזעצט.

— איַי, ס'איז שוין לאנג דאָ
בא יידן צו זאט
אין סטעפּ ניט געגאנגען
א רעגן אזא!

אז ס'איז ניט קיין רעגן,
ס'איז נאסער פוזיט;
דער סטעפּ איבער ברעגן
מיט בולבעלעך זידט!

געגעבן קרעדיטן
ט'דער הימל און — גאָר!
אזויווי מע גיט דאָ
אין „ליי און אין שפּאָר"!

ס'הייסט: — האָב דיר און נעם דיר
מיט שווייס פון דער הויט —
וועט זיין אפ א העמדל
און זיין וועט אפ ברויט!

געגאנגען איז רעגן —
דער זיסער געטראַנק;
און מ'האָט ניט געוועגן
און מ'האָט ניט געקארגט!

און וויפל דיר ווילט זיך,
און וויפל דו דאַרפסט;
און דאָרשט האָט געשטילט זיך
דער סטעפּ און דאָס הארץ!

האָט מענדל דערמאַנט זיך
א קוק טאָן צום דאך:
— די ווענט זיינען גאנצע,
נ'געטאָן אזא לאך:

— און איצט, מענדעלעכע,
און איצטער, מיין קרוין —
אויב מער ט'פון די דעכער
קיין רעגן ניט גיין,

ז'פאַרזאָרגט „ניט־געדייַגעט"
מיט ברויט אפן יאָר;
די טוווּע וועט שטייַגן
פון נאכט ביז קאַיאָר! —

ער ווישט זיך דעם שטערן,
ער ווישט זיך די נאָז;
— מע דארף גאָרניט מערער,
ס'איז פונקט אין דער מאָס!

איך זאָג דיר — פארלאָז זיך,
איך זאָג דיר — פארשטיי:
ס'איז פונקט ווי געמאָסטן,
אזוי ווי נ'אפטייק! —

און איבערגערעכנט
האָט מענדל בא זיך:
— דו זעסט, מענדעלעכע,
אזוי, ס'איז ווי איך...

— אז גראָבן — ז'געגראָבן,
אז זייען — ז'געזייט;
א רעגן — אראָפ איז,
אזוי און אזוי. —

איז האָסטו דעם כעשבן
אָט דאָ אפ דער האנט;
און — נאָכאמאָל, עפשער? —
און מענדל דערלאנגט:

— געאקערט? — געאקערט!
— געזייעט? — געזייט!
איז האָט מען סאכאקל —
איז ווארט־זשע און צייל:

געדארפט נאָך א רעגן —
איז רעגן געגאַנ, —
איז וואָס זאָלסטו כּרעגן ?
וועסט זען, סע וועט זײַן ! —

און ס'שלאָפט שוין ניט מענדל,
ער היט עס, דאָס פעלד ;
אָט ערשט ז'ער געווען דאָ,
נ'אים דאכט זיך — ער פעלט.

ער פעלט זיי, די פעלדער,
צום וואקסן אין ד'ר'הויך ;
— מענדעלעכע, געפעלט ד'ר
דער גרינינקער בויך ? —

ער דולט זי, ער רײַסט זי,
ער לאָזט זי ניט שטיין :
— אוי, קום — כ'וועל ד'ר ווײַזן,
דו וועסט עס פארשטיין !

אז עפּעס דו ביסט דאָך
א מענטש אפ דער וועלט —
טאָ קוק־זשע אומיסטן,
טאָ זע־זשע און קוועל ! —

העל איז דער הימל,
לויטער — די טרייסט ;
— קוק, די אָזימע, —
דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט ?

אָזימע — איז דאָס־אָ,
דיזעלביקע זאַך ;
מע זייעט אין אָסיען,
מע שנײַדט זיי באַגלײַך !

נו, האָסטו פארשטאנענ?
נו — האָסט עס באקלערט?
מ׳איז דאָכ קרעסטיאנעס,
קרעסטיאנעס — פונ דר׳ערד.

איז נעמט די אָזימע
אונ ווערט זיכ פארפוילט;
אָט האָסטו א סימענ —
דו זעסט דאָרט? — ס׳איז הויל!

דו זעסט, ווי סע דאָ שוינ
א שטיקעלע פליכ —
אָט קוק ווי, לעמאָשל,
אזוי ווי מיט ליכט...

נאָר ס׳מאכט ניט. דעריקער
ז׳דער פרילינג־פארזיי!
— די ווענסנע! א גליק נאָר —
ס׳איז איינס אונ ס׳איז צוויי.

אָט האָסטו געאקערט,
אָט האָסטו געזייט;
ט׳א רעגנ א קנאק טאָג,
איז האָסטו שוינ ברויט! —

אונ ס׳ווערט מענדעלעכע
אפ מענדלענ אינ קאס:
א דריי מיט די קנעכל,
א רעד מיטנ באס:

— איי, קוק ניט אזויפיל,
אונ לויפ ניט אזוי!
אונ גיב מיט דיינ לויפנ
זיי ניט קיינ גוט אויג! —

נאָר זאנגען אים רופן,
אויב אײנער אראָפּ,
איז הײבט ער דאָרט אוף אים
דעם ברױנינקן קאָפּ.

און טװיע װערט העכער,
ער צײלט זי באם זוים, —
די טעג מענדעלעכען
צײלט מענדל אזוי,

װען זי אף דער צײַט איז
אין נײַנטן פון יאָר...
און ס׳בליט און סע לײַטערט
אף אים א קאיאָר.

דער הימל איז בלענדיק
און זאפּטיקט זיך — גרינג;
— און מענדל — אויס מענדל,
ער הײסט — קרעסטיאנין!

שרײַט מענדעלעכע:
— אהער, צי אהין, —
װאָס פאר א, כ׳בעט דיך,
װאָס פאר א „נין“? —

און ס׳הערט זי ניט מענדל,
שוין װידער אין פעלד;
אָט ערשט ז׳ער געװען דאָ,
נ׳אים דאכט זיך — ער פעלט.

ער פעלט זײ, די פעלדער,
צום װאקסן אין דר׳הויך;
— מענדעלעכע, געפעלט דיר
ניט־געדײַגעטער בויך???

און געקומען איז דער טאָג פון ערשטן שניט,
און געקומען איז דער טאָג פון ערשטן אָפּנעם,
ליגן פעלדער אזוי אָנגעפולט און מיד,
פולע זאנגען־קעפּ פארבראָכענע זיך קלאַפּן
איינס אָפּ איינס און בײַ דער זײַט און אין דער מיט.

די נאכט איז שטיל. די נאכט איז בלוי. די נאכט — אָנבּרעגיק.
די נאכט האָט אָפּגעלייגט די שטילקײַט אין די הויפֿן,
ס'גייט נאָר א קרעכצ אזא מין ווײַטער פונעם פעלד,
די זאנגען אופגעשטעלט די העלדזער ווי צום לויפֿן.
נאָר נאכט איז בלוי, און קיינער זעט דאָרט ניט דעם וועג...

די נאכט האָט מענדל זיך געדרייט, גלײַך ווי געפּענטעט,
גלײַך ווי א הונ, וואָס דארף זיך לייגן — ז'ער פאַרטונ;
— מענדעלעכע, מירטשעם מאָרגנ — זאָגט איר מענדל, —
מירטשעם מאָרגנ, אזוי גרויס ווי מיטנ טאָג, —
נ'דער ערשטער האָנענקריי געטאָנ האָט אים א כראָג.

און אזוי אײַנגעשפּאנט פאַרטאָג די הוילע פּיס,
און אזוי אײַנגעשפּאנט פאַרטאָג דעם פערד און וואָגנ,
און, אוי־ווײ, קינדערלעך, דער שנײַדמעסער ווו איז?
און, אוי־ווײ, קינדערלעך — צו זינגענ און צו זאָגנ,
און, אוי־ווײ, פערדעלע — אינ פעלד זיך גיב א ריס!

ס׳גיט נאָר פארטאָגעדיק די פּאָרטקע אזא סקריפּע,
א שמיץ די בהיימע מיטן ווײדל גיט איין וואנט;
אין דרײהייך האָט זון אביסל גאָלד זיך שוין צעריבן,
עס גיט א פּאָר דער פערד אין וואָגן אפּן ראנד,
די פּאָרטקע אָפּן בלײַבט, ווי גריסנדיקע האנט.

ס׳איז פריש אזוי, ס׳איז גרינג אזוי אין סטעפּ,
און הויך אזוי און ווייך אזוי — די קלאָרן,
בא יעדן דרייען זיך פון פרישקייט זיס די קעפּ,
די שקאפּע באָדט זיך: — אָט א הירושע, אָט א שלעפּ,
אז אזא כּיעס איז אין סטעפּ ארײַן צו פאָרן!

— איז פּאָרט מען — טײַנעט מענדל — איז געפאָרן!
— איז פּאָרט מען — איז א רועך אין דער וועלט!
אז די פעלדער ליגן פולינקע קײנאָרע,
אז עס ציטערט אים דאָס הארץ אזוי און קוועלט,
און א „גוט־מאָרגן״ — שרײַט אויס מענדל צו דעם קאָרן!

— א גוט־מאָרגן, א גוט־מאָרגן אײַך — און הײַדא!
דאכט זיך, מ׳ענטפערט א „גוט־יאָר״ אים פון דער ווײַטן,
דאכט זיך, — מ׳זינגט נאָך ניט און ס׳הערט זיך א געזאנג;
— קינדער, לעבעדיקער, פריילעכער — צום שנײַדן!
— פערדל, פריילעכער, — א קרענק דיר אין דער זײַט!

ביז די בערד באָדן זיך פויערס שוין אין זאנגען,
ביז די בערד באָדן זיך פויערס אין דער זון, —
מארינארקעס — ניט צעלייגט און ניט צעהאנגען,
ברוינע אָפּגעברענטע הענט פון ארבל — בלאנקען,
איז לאָז אײַך, אָפּגעברענטע הענט, זײַן — צו געזונט!

איז צעלאָפן זיך א ווענדונג נאָך א ווענדונג,
און א רוף איז זיך צעלאָפן נאָך א רוף:
— ס׳זידט דאָס פעלד אויס, ס׳לויפט דאָס פעלד אויס,
ס׳פעלן הענט דאָ,
ס׳ברעכט דער סטעפּ זיך פון די זאנגען, ווי פון רענדלעך,
אײַלט זיך, פויערן, און קומט און הייבט זיי אוף!

א גערעטעניש אפ ברויט אין „ניט־געדייגעט",
א גערעטעניש פאר שווערער האָרעוואַניע,
איַילט זיך, ברידערלעך, קיין רעגע זיך ניט היַיען,
זיבן זיבענער פארגאָסענע מיט וויַינען,
און פאר אלעמען וועט קלעקן און וועט סטיַיען!

אָט וועלן זאנגען זיך צעלויפן ווי די ליכט דאָרט
מיט שטימען שיקערע פארשווענקענע אין שיַין:
אוי, קומט אונדז שניַידן, קומט אונדז אָפלייגן אין שיַיערס
אוי, קומט אונדז אָפנעמען פון ערשטלינגען־קאָלווירטן,
און אפ די שטאָט־גאסן אפ רוישיקע צעפירט אונדז!

אז אזא זאנג־געזאנג דורך רוימען און דורך ראדי,
אז אזא זאנג־געזאנג — א זוניקס און א שיקערס,—
האָבן א לאָז געטאָן זיך רוישיקע בריגאדעס,
מ'האָט זיך א לאָז געטאָן, ווי שטערן, ווי צעגליטע
פון די ווארשטאטן, פון די שולן און פאבריקן!

און זיך א טראָג געטאָן פון שטעט, ווי פון די טהאָמען,
און א „צר־גאסט" האָבן זיי פעלדער אָפגעשטאט דאָרט;
— יונגען קרעפטיקע און פריידיקע און שטארקע,
און פארברוינטע ניט פון זונען, נאָר פון דאָמנעס,
און פארקוילטע ניט פון ערד, נאָר פון ווארשטאטן!

און — איינס־אפ־איינס! און ווער וועט מער, און ווער
וועט גיכער,
און איניינעם, און מיט אלע — זיך באלאָדן,—
און די זון איז איבער קעפ, ווי אזא סטריכע,
נאָר עס צעכוואליעט זיך די טווע אין א וויכער,
און דאָרט, ווי העלפאנדן — די שניַיד־צוגן זיך באָדן...

ווער אין העמד און ווער אזוי, אין די זשילעטן,
ווער אין היטל, ווער מיט אָפגעדעקטן קאָפּ:

— הײַדא, פּערדעלע, דער װעג איז אַזױ געבעט דאָ!
— הײַדא, הײַדא, שטעל זיך, פּערדעלע, ניט אָפּ,
— הײַדא, הײַדא, הײַדא, פּערדל — ניט פאַרשפּעטיק!

ניט פאַריבל, ניט קײן בײז און ניט קײן טײַנע,
אַז ס'איז זאַפּטיק, אַז ס'איז װײך אַזױ די ערד,
אַז סע דרײען אים די רעדער, אַזאַ טײַנעג,
און עס שרײַען צו אים טלאָען פון עם פערד:
— הײַדא, הײַדא, הײַדא, מענדל — ניט געדײַגעט!

— טאָפּ־טפּר־ר — האָט ער אַ צי געטאָן די לײצעס,
— טאָפּ־טפּר־ר — אַזאַ צעטומלטקײַט אין קאָפּ:
— װוּהין פאַרקריכסטו, מאַכאַשײפע, אין די װײצן?—
און אַ װינטל — װי אַ בײַטש איבער דער פּלײצע,
און פון װאָגן איז ער שפּרינגענדיק אַראָפּ!

און אַז אַ שפּאַר געטאָן האָט גאָלד צו זײַנע אױגן,
און אַז אַ פּלײץ געטאָן האָט װינטל צו זײַן אָטעם,
און אַז אַ זשום געטאָן געזאַנג האָט צו זײַן מױל —
אױף אַזאַ װײַטקײַט האָט דאָס פעלד זיך אױסגעצױגן,
און גאָר קײן האַרץ אױף דאָס צו שנײַדן שױן ניט האָט ער,
נאָר זיך אױסגעלײגט, זיך אױסגעטאָן נאַקעט, הױל.

און פאַרגלוסט האָט זיך אים אונטערטוקן, מענדלען,
אונטער דער טװוע, װי נ'אַ בלױ־גאָלדענעם יאַם;
און, דאַכט זיך, טרערן אױף זײַן פּאָנעם, גלײַך װי רענדלעך...
אָט װעט צו לעפּעלעך ער צולײגן די האַנט,
און גיט אַ טוק זיך אַ מאָל זיבן נאָכאַנאַנד...

אַז ס'איז קײן פעלד ניט, ס'איז קײן סטעפּ ניט,— ס'איז אַ יאַם,
אַז ס'איז קײן זאַנגען ניט — נאָר טשערעדעס מיט לעמער,
און ער, מענדל, איז ניט מענדל, נאָר אַ — אַ —
ער שטײט פאַרגאַפט און ניט קײן ריר און ניט קײן שפּאַן,
און ס'גיסט אין אױערן געזאַנג זיך, װי אין עמער.

דאָרט ערגעץ בלײַט מען אין פֿרימאָרגעדיקער שײַן,
דאָרט א מאשין שוין ערגעץ פּאָכעט זיך און סאָפּעט,
אז מ'האָט קיין קאָסע ניט געשליפן, ניט געשלײַפט,
און כעוורע מינטערן אים: — מענדל, ס'איז שוין צײַט!
— נו, נו, וואָס האָט איר זיך דאָרט, מענדל, פארשווארצאפּלט?

ווארט א שטאָלטנע, אן אנטליִענע קאָסילקע,
ווארט אין וועג אַרײַן, ווי ס'ווארט א דיליזשאַנס:
און אָט־אָט וועט זי זיך צעשוועבן, ווי אף פליגל,
און אָט־אָט וועט זי זיך צעלאָזן און צעזינגען,
און מענדל שטייט ניט און ער גייט ניט, נאָר ער טאנצט.

האָט די בריגאַדע אים גענומען אף דער קעלני
און זיך אַרײַנגעשניטן מעסערדיק אין פעלד דאָרט,
און מענדל ווייסט ניט, וואָס סע קומט מיט אים דאָ פאָר,
און עס וואונדערט זיך אין פרײַדיקײַט דאָרט מענדל:
— צי מע קאָסעט, צי מע שנײַדט, צי גלאַט — מע פאָרט...

— ס'הייסט, דו פאָרסט, דאכט זיך, און ס'דרייט זיך — נאָר סע שנײַדט,
ס'איז אלץ באשײַמפּערלעך די לעקטערע — אליין דאָ;
טרעפט עפּעס ניט אזוי, ווי ס'דארף צו זײַן, צעקײַעט,
איז טייקעף אויסגעשפּיגן — טייקעף, ווי א ביינדל,
און באלד — מע טראָגט זיך דיר שוין ווידער אין דער ווײַט...

און כאפּסט א קוק אזוי פארדרייט, אזוי אף הינטן,
איז ווי א שערער מיט מאשינקע נומער „נאָל"
וואָלט דאָ אדורכגעגאנגען אף ברויטיק־זאטע גרונטן,
און ס'קריכט א פּאס אים נאָך פון אָפּגעשוירן גאָלד,
נ'פון יעדער זײַט פארגיסן פּאסן זיך באַזונטע...

פון פּאס — א סטעזשקע און פון סטעזשקע — שוין א וועג,
און אלעמאָל ווערט ער אלץ לענגער און ווערט ברייטער,

און אלעמאָל ווערט הימל ליכטיקער דערוועקט;
עס ווארעמען הענט זיך אינ די לופטנ, גלייך ווי לייטערס,
אונ מענדל זעט ניט, ווי סע נעענטערט זיך דער ברעג.

ער געדענקט גאָר ניט ווענ אויסגעטאָנ ער האָט דאָרט
דאָס צעפיצלטע פידזשאקל פונ די הענט,
דאָס קאמזוילדל אונ די לעכעריקע העמד.
די דארע פלייצע זיינע ווארעמט זיך אונ ברענט,
אונ די באָרד אפ הוילנ לייב איז אימ צעבראָטנ...

אונ עס הייבנ זיך אינ פעלד שוינ אופ די סטויגנ,
ווי אזא לאגער אזא גאָלדענער צעלייגט;
שפרינגענ דאָרט ברעמענדיקע גראבלים פאר די אויגנ,
שפרינגענ זיי פריילעכ — ניט געשפרונגענ, נאָר געפלויגנ,
אונ אלע גראבלענ זיי אונ זאמלענ ברייט אונ פרייד...

ס'איז מיטנ שניט. ס'איז מיטנ טאָג. ס'איז מיטנ היצ.
ס'איז מיטנ פריידיקנ אונ ערשטנ זיסנ אָפנעמ,
די זונ, ווי שניידמעסער, ווי אויסגעשליפטער בליצ,
אונ שטראלנ לייגנ זיך אינ הענט אריינ ווי גאָפלענ,
אונ סטערטעס שמעקעדיקע — איינס צו צווייטער — זיצ!

נ'מענדעלעכע רוקט אינ פעלד זיך, ווי א סטערטע,
די פויערס עסנ דאָרט געבראכט מ'האָט שוינ אינ פעלד:
— מענדעלעכע, שמייכלט מענדל, — ניט געכאפט דאָרט!
— מענדעלעכע, א באטראק האָט אונדז פארפעלט!
— מענדעלעכע, שטעל אוועק אונ נעמ א גראבלי!

זעצט מענ אויס אינמיטנ פעלד זיך בא דעמ עסנ,
יונג מיט אלט אונ אלע נ'איינעמ זיך צעלאָזנ —
ברויט אפ קניענ, אונ פונ קעשענעס די מעסערס,
פרישע וואסער פונ די קרענעצעס צעגאָסנ,
אונ די לעבעלעכ געקוילעט מיט די קאָסעס.

קאַלטע סמאַטענע, אין קעלערלעך געקעלטערט,
זיסע סמעטענע פון ערשטן סעפּאַראַטער.
עסן יונגען פון די קריגלעך און מע קוועלט דאָרט:
— כאָוואָר מענדל, א שטיק כאַזער קאָשערס,— גאַט אייך!
דאָס וועט קיינמאָל אייך אין לעבן ניט פאַרשאַטן! —

און צו כעוורע אזוי מילד זיך מענדל ווענדעט דאָרט:
— שפּילט זיך, יונגען, מיטן אַלטן פּויער מענדל,
און דעם כאַזער איז, נישקאָשע, עסט שוין איר אים...
און א געזונט אין אייך, מאַמזיירים־בריגאַדירן,
אוי, בריגאַדניקעס פאַרשייטע און פאַרברענטע! —

בלאַנקען צייגער פון די אָפּגעברענטע מיילער,
ס'קריכן זאַנגען אַף די צוגעברוינטע באַקן,
ס'ציט זיך גאָלדיקייט פון פעלדער איבער מיילן,—
יעדער ביסן אַפן פעלד אזוי געשמאַק איז,
נאָר שוין די שנייד־מאַשינעס מינטערן און אײַלן!

און עס טוליעט זיך די זון צו פלייצעס ברוינע,
ס'קוויקט דאָס לייב זיך מיט דעם זוניקן געטראַנק, —
דאַכט זיך, מע זינגט נאָך ניט, מע אַרבעט בלויז אזוי נאָר,
בלויז פון די אויגן, ווי פון סערפּן — א געבלאַנק,
נאָר ס'טריפט און ס'הערט זיך און סע ברעכט זיך א געזאַנג...

יאָרן געליטן אין נויט און אין שאַנד,
און איצטער — אַף פעלדער מיט אַלע באַנאַד,
איז —
שאַרפער די קאָסע און שטאַרקער די האַנט,
ברויט פאַרן אַרבעטער, ברויט פאַרן לאַנד!

יאָרן — פאַר מעסערס און ווער ס'האָט פאַרלאַנגט,
און איצט זייַנען קאָסעס פאַר זאַנגען געבלאַנקט,
איז —
לעבעדיק, פרייליך — פון ראַנד ביז צו ראַנד,
גאָלדענע סטויגן און סטערטעס דעם לאַנד!

יאָרן געהאנדלט, געפוילט אונטער דר׳ערד,
און ווער האָט געזען? און ווער האָט געהערט?
אין —
זאנגען מיט זאנגען און סטויגן מיט סטויג,
זיסער ז׳דער שוויס פון פרימאָרגיקן טוי!

אלטווארג געכאָוועט, יארידן געברענט,
און שאנד אין די אויגן און שמוץ אף די הענט,
אין —
גאָלדענע סטעפעס און ווינטן־טאבון,
— פארבאק און פארבראָט און פארברוין אונדז ב[illegible]ט [illegible]

ווער אף די הויפן, ווער — אפן מארק,
און אף איינציקן טאָג, איז זיבן מאָל נאכט,
אין —
זיבן מאָל זיבן גערעטן און — מער,
אף קאָלווירטישע סטעפעס פון עסעסעסער!

פארהאנדלט די טאָרבע, פארהאנדלט די הויט,
און זיבן מאָל הונגער, און זיבן מאָל טויט,
אין —
לידער און פרייד אין די וואָגנס געשפאנט,
— ברויט פארן ארבעטער, ברויט פארן לאנד!

31

א בריגאדע פונעמ שטאָט —
יונגענ — געשטײַפט אינ שטאָל,
קומט קיינ „ניט־געדײַגעט" אָנ,
— קוקו !

פונ פאבריקנ אפנ פעלד —
פאלאנגע — פול אפ העל,
אכ, די יונגע, שיינע וועלט,
— קוקו !

קאָמסאָמאָלצעס קומענ אָנ —
פונ ווײַט אונ פונ דער נאָנט,
וויגט זיכ אינ דער הויכ די פאָנ,
— קוקו !

קאָמסאָמאָלצעס — קומט ארײַנ,
טארײַ ראטאראײַ,
ס'בליִענ מיידלעכ — יונג אונ טרײַ,
— קוקו !

אײַ, בריגאדא בריגאדײַ,
דאנײַ נאדאנאדײַ —
אײַ, ס'איז גוט אונ ס'איז קעדײַ,
— קוקו !

פינעף יאָר אפ א געווער,
וועט מען געווינען — וועט,
כעוורע — איי, ס׳איז נאָך ניט שפעט,
— קוקו!

איי, בריגאדע בריגאדיר,
א יאט — אפ מיר און דיר,
ניט קיין יאט — א קאָלעקטיוו,
— קוקו!

מיט א בעזעם, מיט א בארשט,
מיט בראָלעטא־רי־טא־ריש,
און קולאקעס — איידא מארש,
— קוקו!

היי, קאָמונע! האק אריין
א קויל נ׳קולאקערײַ,
און נאָך איינע, צוויי און דריי,
— קוקו!

דוסטריאַליזאציאָ —
יאָ־יאָ, אין פינעף יאָר,
„ניט־געדייגעט" ז׳ניט קיין יאָלד,
— קוקו!

קאָמסאָמאָלקע, מאלקע מיין,
מאָל דיר — א מילדער מיי,
איבער וויאָרסט און איבער מייל,
— קוקו!

איז געגעבן א באפעל —
זיין יונג און שטארק און העל,
און אין הז׳רצ — די גאנצע וועלט,
— קוקו!

מיט א טענצל, מיט א קאַנ
קומט מענדל טאנצנד אָנ —
„ניט־געדייַגעט״ וויל אונ קאָנ,
— קוקו !

נעמט אריַינ דעם אלטנ אויכ,
א רוכ אינ אייַער — אוי !
אומזאצ, זאָגט איר, אונ געבּרויכ,
— קוקו !

הענט אפ אקסל — אקוראט,
טאנצט מענדל — גרינג אונ גלאט,
מענדעלעכע, ביסט א יאט,
— קוקו !

גיט זיכ מענדל דאָרט א ריס :
— מענדל ! מענדיַ — וואָס איז ? —
— ס׳איז דער אלטער רעמאטיז,
— קוקו !

אייַ, בּריגאדא בּריגאדיַ —
דאניַ נאדאנאדיַ,
אוי, ס׳איז גוט אונ ס׳איז קעדיַ,
— קוקו !

אונ בּריגאדע גיט א רופ,
א נישטער אונ א פּרווו :
אוי דו, בּייגלבּאָק — בּאלגופ,
— קוקו !

קיווע קעלעוו קיילט א קאלב,
נעמט ער זיכ צו די האלב,
„ניט־געדייַגעט״ — יונג אונ אלט,
— קוקו !

קאָמסאָמאָלקעס קומענ אָנ —
פונ ווײַט אונ פונ דער נאָנט,
וויגט זיכ אינ דער הויכ די פאָנ,
— קוקו!

מיט א בעזעמ, מיט א בארשט,
מיט פראָלעטא־רי־טא־ריש,
אונ קולאקעס — אײַדא מארש,
— קוקו!

אפ פאבריקנ אונ אפ דר'ערד —
טראקטערס — צעלאָזט ווי פערד,
בויענ מיר דעמ עסעסער,
— קוקו!

32

אפֿן סטעפּ און אפֿן פֿעלד
ווילט זיך יעדן נעכטיקן!
— איך, זאָגט מענדל, ס׳איז א וועלט,
ס׳איז א וועלט א לעכטיקע!

שטייען סטויגן אויסגעשטעלט
טורעמדיקע, סטערטיקע;
— איך, מאמזיירים, ס׳איז א וועלט,
ס׳איז א וועלט א לעכטיקע!

— קיינער גייט היינט ניט אהיים,—
מעלדעט מענדל אלעמען;
ס׳איז דער הימל זיס און ריין,
שטערנדלעך געפאלענע!

און די יונגען קומען אָן,
ווי אפּ ווינטן רייכנדיק;
און צוּנויפגעדרייט א קאָן,
און צעלייגט א שייטערל.

א געהודע, א געהוק,
און עס פֿליִען פֿייערן;
— מענדעלעכע, גיב א קוק,
מענדעלעכע טייערע!

צו דעם פלאָם זיך צוגערוקט,
רויט זיך לײַכטן פּענעמער,
— מענדעלעכע, גיב א קוק,
אַז מיר ווילן קענען מיר! —

קוקט זיך מענדל אין דער ווײַט,
אַלץ באַטראַכט און אַלעמען;
— „ניט־געדײַגעט“ ווערט א לײַט,
א יונגאַטש מיט מאַלענעס.

שטיבלעך וואַקסן מער און מער,
וואַקסן אין דער וועלט אַרײַן;
טראַכט זיך מענדל: — אַף דער ערד
ס'מעג זיך מירטשעם עלטערן!

יונגען טאַנצן אַרום פלאָם,
און די מיידלעך פלאַקערן;
אַז ס'פּאַרגייט אים אַזש דער טאַם,
און די ביינער קנאַקן זיך.

— מענדעלעכע, קוקסט מיך אָן,
אָט דעם אַלטן יאָלֶעבל, —
וואָלט איך נאָך באַרנײַס א קאָן
ערשט געקאָנט איצט אָנהייבן! —

קוקט ער אַף איר אַזוי גלײַך,
זאָגן איר ער קאָן עס ניט;
— ניט מיט עמער, ניט פון טײַך,
ניט מיט דער קאָראָמיסלע!

נאָר אַזוי ווי אין דער ליד
מיט די טויבן־כּאָרן...
— „קומט צוריק צו מיר צו פליִען,
יונגע מײַנע יאָרן...“

טאנצט מען דאָרט צום שײַטער־צו,
צווײַגן טראָגט מען הי־לצערנע;
נאָר באַם הארצן מענדלעס צוקט,
עפּעס ווילט זיך, ווילט זיך אים!

ברויט איז דאָ. די שטוב איז גאנץ,
ג׳קאָלעך א פּארטוליעטע;
— אײַ, וואָלט מען געדארפט א טאנץ
און אזוי א הוליע טון!

— מענדעלעכע, קום ארויס,
אָט אזוי, פּאוואָלינקע; —
— גיי שוין בעסער שלאָפ זיך אויס,
אוי, דו אלטע כאָליווע! —

דרייט זיך מענדל צו איר אויס,
ס׳גלוסט זיך אים א הוליע טון:
— ווייסט שוין — וווּ מע גייט ארויס?..
ווײַב דו מײַן געבולבעטע?! —

באלאלײַקע שפּילט און דרייט,
און דער שײַטער גרעסערט זיך;
— ווו ערגעץ א סטויגל היי,
ווערט פון דעם א העסע־בעט!..

קומען פויערס. ס׳קומען אָן,
אלטע ייִדן בערדיקע;
זוכן טעכטערלעך אין קאָן,
אפ דער וועלט דער לעכטיקער...

דאָ — א טייל און דאָרט — א טייל,
ייִדן שרײַען מונטערער;
און מע שפּארט זיך און מע ציילט
אפ די פּוד די הונדערטער!

העכער, העכער גייט דער פלאמ,
פונקענ פליִענ, פלאטערנ;
שרײַט דאָרט קיווע „סויפער סטאמ”:
— ס'איז אומזיסט דאָס מאטערנ!

— גיב דעמ יאמ אונ גיב דער וואנט,
גיב צוריק דאָס לײַביקע;
אז דו האָרוועסט פארנ לאנד,
נו, איז וואָס־זשע בלײַבט דיר דענ? —

— נו, אוואדע! נו, וואָדענ?
רוקט זיכ אריִע, — טײַנע איכ, —
אונ אפ ליפנ אונ אפ הענט
איז שוינ גרייט א מײַמערל...

מישט זיכ מענדל שוינ ארײַנ
גיט פונ זײַט א טאָרע דאָרט:
— ט'זיכ צעקרעכצט דאָרט, נעמ אנטלײַ,
נעבעכ, אימ א טאָרבעלע!

אונ דעמ צעלניקער — א ליד,
וועט ער גייִנ אונ נאָכזינגענ:
— שענקט! נעבעכ, אנ איידלער ייִד,
קיִעלעכ אונ אָקסעלעכ! —

האָט ערשט קיווע דאנ געטאָנ
יענעמ קרעכצ דעמ עמעסנ:
— אז א וואָרט שוינ ניט מע טאָר,
אז בא אימ אינ קלעמ איז מענ...

אז די וואסערטרעגערס — אָט
גאנצע ווייסערס ווערנ דאָ; —
רײַסט זיכ אריִע: — דאנקענ גאָט,
פונקט אזא געלערנטער!

פאלט אפ מענדלען אָן דער קאס,
פאלט אפ אים א ביטערער;
ב'אז ער גיט זיך אזא קראצ
אונ אזא מינ ציטערל:

— אריע מיינט, ס'האָט אים די וואָסט
צריק געעפנט ס'צעלניקל;
אונ:—רעב קיווע, זײַ א גאסט,
האָניקל אונ סטעלניקל!

אָט אזוי אונ אקוראט,
בא דער סאמע קאָכלעפל:
— לערנ, אריע, דיר א בלאט,
— לערנ, קיווע, נאָך איינע!

וואסערטרעגערס שטייט ניט אָנ
מ'סאטנ זײַנעמ — מ'צעלניקער!
— אז א טויווע ט'ער געטאָנ,
וואָס ער איז אפ פעלד געגאנ! —

פלאקערט שײַטער, ברענט אונ גליט,
רויך — ווי פאָרהאנג לײַנענער;
— אז א ייִד אזא ווי איך,
האָב איך אויך קיינ טײַנע ניט! —

— האָדי! לאָז שוינ זײַנ גענוג!
נו, גענוג, נו, האָדי שוינ! —
רופט אים מענדעלעכע — נו,
נו, דו ייִד אלטמאָדישער! —

— ניינ, אומיסטנ, זאָג אליינ,
מענדעלעכע טײַערע:
אז ס'האָט קיווע זיך צעוויינט,
אז קיינ ברויט אים סטײַעט ניט...—

שטייט שוין קיווע אין א זײַט,
בייזערט זיך דאָרט לויערדיק;
ב׳מענדל קוקט אף אים און טײַט
און פארטײַטשט די פויערים:

— אלע מאָל — אן אנדער דריג,
אלע מאָל — אן אנדערער;
— קאָנסט זיך, קיווע, נעמען צריק,
וויפל האָסט ארײַנגעלייגט!

— כ׳וויס: — דער וולאסט איז מיר א קינד!
זיבן קינדער האָב איך מיר;
— זאָלן זיי מיר זײַן געזונט,
זאָלן זיי מיט נאָך איינעם!

ב׳אז טע קאָסט? איז וואָס? — ז׳פארדינט!
איז צו וואָס — פארלייקענען?
— ס׳איז בא מיר דער וולאסט — א קינד,
קאָסט א קינד אן אייגענער! —

ב׳ווידער יונגע קומען אָן,
ווי אף ווינטן רײַטנדיק;
— נאָך א קאָן און נאָך א קאָן,
און שוין נאָך א שײַטערל!

א געהודע, א געהוק
און עס פלאמען פײַערן;
— מענדעלעכע, גיב א קוק
מענדעלעכע, טײַערע! —

טאנצט מען דאָרט צום שײַטער צו,
צווײַגן טראָגט מען הילצערנע;
נאָר באם הארצן מענדלען צוקט,
עפעס ווילט זיך, ווילט זיך אים...

— מענדעלעכע, ווי גייט וויַטער?
דו געדענקסט ניט? איַ־א־א:
— „איַ ווערטיַיטעס, איַ ווערטיַיטעס,
גאָדי מאָלאָדאיא!..“

— ניטשעוואָ! — גיט ער זיך גלײַך
אזא צי צו אלעמען:
— „ניט־געדיַיגעט“ ווערט א לײַט,
א יונגאטש מיט מאלענעס!..—

טאנצן סטויגן אפן פעלד
טורעמדיקע, סטערטיקע,—
— איַ, מאמזיירים, ס'איז א וועלט,
ס'איז א וועלט א לעכטיקע!

33

האָט מען די פערד אין די וואָגנס געשפּאַנט:
— ברויט פאַר די אַרבעטער, ברויט פאַרן לאַנד!

וואָגנס פאַרפּוצטע אין דראַפּ און אין רויט,
זײַנען געגאַנגען די וואָגנס מיט ברויט!

וואָגנס, ווי סטערטעס מיט פּלאַטער, מיט פּאָן,
זון אין דער הויך, ווי אַ רויטער באַלאָן!

ס'האָט „ניט־געדײַגעט" אַ שליאַך אין דער ברייט,
אַף פאָרן, אַף גיין — אַף געזונטינקערהייט!

טרעט „ניט־געדײַגעט" אַ וועג בּאַ זיך אויס,
וואָגנס נאָך וואָגנס — אַרײַן און אַרויס!

ציט איבער וועג זיך אַ לאַנגינקער צוג:
— שיק „ניט־געדײַגעט" אַרויס דײַן קאָמיוג!

— שיק דײַנע יונגענע די יונגע אַרויס,
דער וועג איז דאָ יונג און דער וועג איז דאָ גרויס!

— שיק דײַנע יונגען — די ברויזיקע קעפּ
מיט לידער פון אַרבעט, מיט לידער פון סטעפּ!

מײדן און יונגען — ס׳איז אלץ ניט גענוג,
— שיק „ניט־געדײַגעט״ ארויס דײַן קאָמיוג!

האָט מען די לידער אין וואָגנס געשפּאַנט:
— ברויט פאר די ארבעטער, ברויט פארן לאנד!

פאָרנט — קאָמיוג מיט געזאַנג מיט פּאַראַד:
— עס לעבט ניט־געדײַגעטער פויערשער ראט!

ס׳ליוט נאָך אַפ יעדן די היץ פונעם שניט,
גייען די בערדיקע פויערס אין מיט.

און מענדל:— די אָרדנונג.— די באָרד זײַנע קוועלט:
— פערדעלעך,— וויאָ! און די פיסעלעך שטעלט! —

טראָגן זיך טריט, ווי די לידער אין דר׳הויך:
און מענדל:— אײַ, פערדלעך — אז גיין זאָל א רויך!—

הינטן גייט קיווע מיט נאָכעט א פּאָר,
פאוואָלינקע טריט, ווי ער וואָלט זיי געשפּאָרט.

— רירט זיך, רעב קיווע, דערמונטערט אים מענדל,
און שמייכלט צו וואָגנס און טײַט:— עלעמענטל!..

— אָט א קולאק איז! א ייִכעס! — געוויס,
איז אים א שאָד זײַנע אָקסענע פיס!

— אײַ, ט׳ער געשטופּט און געמאכט מיט די הענט,
ווען די פארזאמלונג פון ברויט איז געווען! —

אז פריער איז ער קיווע געקומען אין ראט,
אָנגעטאָן פונקט ווי אזא מין באטראַק,

און:— כאוורטע פאָרזיצער — אויסרעדן לאָזט,
— איך האָב ניט פונוואנען, איך האָב ניט פון וואָס! —

און ווען ס'האָט די פּאַרזיצערן אים געפרעגט:
— זאָגט, כאָוועד גרינשפּאַן, רעב קיווע — רעדט,

זאָגט מיר, וואָס טוט איר אָט דאָ אפ דער ערד?—
— ס'הייסט? כ'בין א פויער! א מײַסע! געהערט?—

— איז זײַנט איר א פויער?— אוואדע! וואָדען?—
— איז האָט איר געארבעט? — מיט אָט־אָ די הענט!—

— געאקערט? — געאקערט! — געזייעט? — געזייט! —
— געשניטן? — געשניטן! — אזוי? — אזוי! —

— איז וויפל־זשע האָט איר אריַנגעבראכט טווע?—
גיט קיווע א פלאָנטער זיך:— וועך? ווו־ע?

... המ—מע דארף דאָך נאָך צוקיקן בהיימעס א פּאָר,
און טאָמער ס'געראָט ניט? און אויב — באראיאָר?!..—

און ס'הייבט זיך די כאָוועדטע אופ פון איר אָרט:
— און ווער ט'אײַך געגעבן דעם סקאָט, וואָס איר האָט?—

און ס'ווערן די אויגן אים פלאקערדיק־גרין:
— און ווער ט'אײַך געגעבן אפ זייען די זריע?—

— נו, יאָ! נו, אוואדע! איך זאָג דען? כאָלילע...—
און רויִק ז'דער פּאַרזיצער ווידער און — שטיל:

— איז ווייסט איר, אז יאָנטעוו איז הײַנט אפן פּאָנד?—
— נו, יאָ!— נו, טאָ גייט־זשע און טוט זיך אײַך אָן!

— ניטאָ וואָס פארבייגן, פארדרייען דעם ראט!
... באָרוועס. א נעבעך... א נײַער באטראק!..—

און אפ דער פארזאמלונג געטײַנעט האָט ער:
— גיט געבן! זיי ווילן? — איז גיט זיי די ערד! —

האָט מענדל א שפּרונג געטאָן דאמאָלט אזוי,
ווי א געפּענטעטע כײַע פון צוים:

— וואָס הייסט עס ניט געבן? וועמען? דער וולאסט?
איז ווער איז דער וולאסט? אז ניט מיר מיט דער מאס־ס...

אז אינגאנצן ז'די זאך, ווי בא ווײַב און בא מאן:
— פון איין טאש ארויס און אין צווייטן — ארײַן!..

אז אָט דער טאש — איז מײַן און אָט דער טאש — איז מײַן,
נאָר פונדאנען — ארויס און ט'אהערצו — ארײַן!..—

און אף דער פארזאמלונג געטײַנעט האָט ער:
— ניט געבן! זיי ווילן? — איז גיט זיי די ערד! —

— איז ווער איז עס, קיווע, דער „זיי" און דער „מיר"?
אליין ט'ער נישקאָשע, די טווע געפירט,

געפירט, ווי א טאטע, געפירט זי — אין ראט,
אף דער וואָג, אף דער מאָס, אף דער צאָל — אקוראט!

געשוויצט און געפירט, געפירט און געקרעכצט,
און יענעם צעטומלט די קעפּ מיט א טערעצ!..

— מע קען עס פארקויפן! מע וועגט עס אף גאָלד! —
און דאמאָלט איז מענדל ארויס אפן קאָל:

— כאוויירים! כאסלאוויטשער! טאלנער! איר הערט?
עס וויל אײַך איצט, קיווע, פארפירן אין דר'ערד!

אין דר'ערד, ווי איך ווײַז אײַך! אין דר'ערד, ווי איר זעט!
ס'א דריי־קאָפּ! ס'א צעלניק! איר הערט, וואָס ער רעדט?

אליין ט'ער געגעבן, און אײַך — רעדט ער אָפּ,
איר פארשטייט, וואָס סע הייסט א ווערדיטלנע קאָפּ?

איז ער, קומט עס אויס, איז דער שיינער קרעסטיאַנ,
דער שענסטער, וואָס איז בא דער וולאסט נאָר פאראַנ —

אונ איר, הייסט עס, איך — זײַנענ קעגנ דער וולאסט, —
אונ ס׳גיט אזא טראָג דאָרטנ מענדלענ דער קאַס:

— איז ווארפט אימ ארויס! ס׳איז אזא נעלעמענט! —
אונ ס׳האָבנ זיך דראָענד א ריס געטאָנ הענט.

נאָר מענדל האָט אָפּגעשטעלט נ׳ווײַטער גערעדט:
— אונ איצטער פארשטייט איר שוינ — וואָס הייסט א וורעדז? —

— — — — — — — — — — — —

איז קיווע געגאנגענ איצט נאָך מיט א פּאָר,
די טריט זיך געציילט, ווי ער וואָלט זיי געשפּאָרט...

אונ מענדל: — די אָרדנונג! — די באָרד זײַנע קוועלט:
— פערדעלעך — וויאָ! אונ די פיסעלעך שטעלט! —

אונ ס׳טראָגנ זיך טריט ווי די לידער אינ דר׳הויך:
— פערדעלעך, וויאָ! אונ אז גיינ זאָל א רויך! —

טרעט „ניט־געדיײַגעט״ דעמ וועג בא זיך אויס,
— וואָגנס נאָך וואָגנס — ארײַנ אונ ארויס!

ציט איבער וועג זיך א לאנגינקער צוג:
— שיק „ניט־געדיײַגעט״ ארויס דײַנ קאָמיוג!

מיידנ אונ יונגענ! ס׳איז אלצ ניט גענוג:
— שיק „ניט־געדיײַגעט״ ארויס דײַנ קאָמיוג!

פּאָרנט — קאָמיוג, מיט געזאנג אונ פּאראַד:
— עס לעבט ניט־געדיײַגעטער פויערשער ראַט!

קיינער שטייט אין דאָרף ניט ליידיק,
קיינער האָט אין דאָרף קיין צײַט ניט;
וואקסט אין דײַגעס, וואקסט אין פריידן,
וואקסט דער יישעוו „ניט־געדײַגעט".

אויסגעווירעט שוין א וועג איז
פונעם סטעפ צום דאָרף און ווײַטער;
און מע סטריגעוועט די שטרעקעס,
און עס גייט שוין ווי בא לײַטן.

געלער זאמד און שטיינער פרישע,
סטויפעס יאָגן זיך אפ דראָט;
און פון סאמע אינדערפרי שוין
פירט דער וועג פון דאָרף אין שטאָט.

קוקן אזוי ווײַס די הײַזלעך
אפן וועג און אפן ראט;
אויסגעדונגען האָט אין קרײַז דאָרט
ראָנדעל פעסט דעם נײַעם טראקט.

— אלץ דער ראָנדעל,— קוויקט זיך מענדל,—
ס'איז א מענטש. א קאָפּ. ער קאָן דיר;
גאָרניט וואָלט נאָך ניט געווען דאָ,
ווען ניט זײַן זאָל אזא ראָנדעל!

ער וועט נאָך דאָ מאכן פּלעצער
און ס׳נאָך מאכן נײַע טראקטן,—
כאָטש ער איז, אזוי ווי ס׳רעדט זיך,
גאָר א טוויאָרדער בעכאראקטער...—

ג׳אז ער קריכט דאָרט אפ די דעכער,
מיינט מען גלאט אזוי — אוואדע!
זאָגט שוין מענדל מענדעלעכען:
— ראָנדעל קריכט דאָרט אפ דער ראדי!—

און סע שפּילט איעדער נאכט דאָרט,
און מע זעט עס און מע הערט עס;
ג׳מע צעגייט זיך — ווער — פארטראכטער,
ג׳ווער — אזוי זיך שטיל און קרעכצנד...

ווײַל סע כאפּט טאקע באַם הארצן,
ווײַל ס׳איז טאקע פראָסט א כיעס;
ג׳אפ דער גאנצער וועלט איז, דאכט זיך,
גאָר ניטאָ קיין רעמאטיז...

און צו מאָרגנס — ווײַטער שטיינדלעך
פירן אופ און אָפּ — סע טריפט;
— ס׳וועס, זאָגט ראָנדעל, בא אונדז שטיין נאָך
גיך — א קאָאָפּעראטיוו.

— ג׳זי, די מאמזערטע,— זאָגט מענדל,
סאָרצי, זי, דער קאָמסאָמאָל,
זאָגט גאָר, אז א קיך מע קען דאָ
מאכן פארן גאנצן קלאל!

ס׳הייסט, א פאבריקע פון עסן,
ג׳פּאָטער ווערט די שטוב פון רויך;
— נו, ס׳איז טאקע עפּשער בעסער,
— מאָלט אײַך — א פאבריטשנע יויך!

פונעם טעפּל — גלײַך צום אקער,
און איך שטעל זיך עס מיר פֿאָר:
מענדעלעכע אפֿן טראַקטער,
ווי זי גיט עס אזא פּאָר! —

נאָר דערוויַיל — איז וואָגנס לאַנגע
הין און צריק אין שטאָט — סע טריפֿט;
און אין ייִשעוו „ניט־געדײַגעט"
שטייט שוין א קאָפּעראַטיוו.

זייף און זאַלץ און טיי און גרויפּן,
פֿון א הערינג ביז א וויג;
נאָך א קוימען אים פֿונויבן,
זעט ער אויס, ווי א פֿאַבריק.

מיט א שוי־פֿענצטער אינדרויסן,
ווי א פֿאַרביקער פּלאַקאַט;
און די שילד איז אזא גרויסע,
נאָר די סכוירע איז נאָך קנאַפּ.

דאָס אביסל, יענץ אביסל,
ציץ און לײַוונט — אָפּ דערוויַיל;
יעדערן — א לעק, א ביסן,
נאָר מע זאָגט, מע רעדט: — ס'עט זײַן!

— די גערעטעניש — צום ערשטן!
זאָל געראָטן נאָר דאָס ברויט, —
דאַרף מען גאָרניט, גאָרניט מער שוין,
אַלץ וועט גוט זײַן. אָט אזוי.

און מע רעדט דאָרט און מע מאָלט,
און מע שפּאַרט זיך מיט די רייד;
נ'קיווע וואַרפֿט אַרײַן; — אַמאָל
איז א קלײט געווען א קלייט!

אי צום קויפן, צום פארקויפן,
און אָט דאָס, וואָס דארפסט — איז דאָ;
איצט פארשפּאָרסטו גייען און לויפן,
ס'איז בעמיילע גאָר ניטאָ! —

נאָר פון סטעפּ, פון סאמע דאָרף אָן,
ביז צום נאָענטן וואָקזאל,
ז'איין דער ווייט א וועג צעוואָרפן,
א צעווירעטער אזא.

— ווירען זיך אווטאָמאָבילן
און סע דונערט און סע גריַיגערט;
מיר און פענצטער איז צעשפּיליעט,
ס'טוט זיך אָפּ אין „ניט־געדייַגעט".

דער — געקומען, דער — אוועקגאַן,
דער — אדורכגאַן, דער — פארבייַגאַן;
איז א שמועס אָפּ אלע וועגן:
— ס'האָט דערלעבט זיך „ניט-געדייַגעט".

— וואָס איז, מענדל, פאר א פּאָרן? —
פרעגט זיך מענדעלעכע, קראַצנד;
— שוין. זי פרעגט שוין. גוטע יאָרן,
ס'קומט דאָך הייַנט א דעלעגאציע! —

— מאזלטאָוו! — א נייַעס! ווייַטער!
— וואָס? אָפּ ערד זיך צו באַוועצן?
ס'פּעלן דיר אָרעמעלייַט דאָ?
הער אוף כאַפּן, מענדל, — זעץ זיך! —

— ווידער כאַפּ איך? מענדעלעכע,
ברענג מיך ניט ארויס, — איך בעט דיך! —
ער פארגלעט פון קאַס די לעכער
אָפּ זייַן אויסגעדיגנטן לעטניק.

— בעסער כאַפּ, וויבאַלד דו כאַפּסט שוין,
אַז ביסט יאָ אַזאַ מין כאַפּער,—
און זי טוט געשמאַק אַ האַפּטשו,
— פאַר די זינד זײַ מיר מעכאַפּער!

ז'בעסער כאַפּ אַ קוק — זיי פּאָרן
דאָרטן לעבן סאַמע טעווער;
אַ פּאָר הינער איבערפּאָרן,
ווערסטו האָבן ריינעם רעווער!

ס'איז מיר טײַערער אַ האָנטשיק
פון דײַן גאַנצער דעליגאַציע! —
— ס'איז נישקאָשע, מע דערקאָנט שוין,
— ניי, באַווײַז דײַנע פּאַלאַצן!.. —

— אַז וויבאַלד ניט אַף דער ערד דאָ,
ז'וואָס־זשע זײַנען זיי געקומען? —
— האָבן זיי געוואָלט, — זאָגט מענדל,
זען מיט דיר זיך! יאָ! שוין גוט דיר?

איז גענומען און געקומען,
און געפינען שוין מע ווערט דיך!
— נ'עפּשער האָבן זיי אַ מומע?
— נ'עפּשער זײַנען זיי אַ פעטער? —

זײַנען אַף אווטאָמאָבילן
אָנגעקומען פיר פּאַרשוין:
קאַפּעליושעס פיר מיט ברילן,
ווייסן ייִדן: — ס'איז דער דזשוינד.

האָט מען זיך צונויפגענומען
פון די היימען אַפן פעלד;
— יעדער האָט דאָרטן אַ מומע,
נ'קיינעם ניט קיין פעטער פעלט.

מיט די אויסגעגלעטע זאסטעפּס,
מיט די שלײַפשטיינער אינ טאשנ —
האלב — צעשפּיליעט, האלב — צעכראסטעט
אונ אינ זונ ארומגעוואשנ.

איז מענ נײַגעריק געשטאנענ,
הויכ פּארקאשערט בערד אונ אויגנ:
יעדנ פרעגט מענ זיי: — פונוואנענ,
אונ ווי לאנג אונ גלאט אזוי גאָר...

— נו, אונ דאוונענ לאָזט מענ אײַכ דאָ? —
גיט זיכ איינער דאָרט א ווענדע;
— וואָס, איר ווילט עפּשער א מאפּטער? —
האָט אימ גלײַכ געענטפערט מענדל.

— כעוורע! ווארפט די העק אונ זאסטעפּס,
— כעוורע, ניט־געדײַגעט — קאָנענ;
— כעוורע, גיט אימ נאָר א טראסקע
מיט אזא מינ שטיק בודיאָנע! —

— נו, אונ מיקוועס איז פאראנענ?
מ׳פריטיעסנײַעט ניט, כאָלילע? —
זײַנענ פויערימ געשטאנענ
אונ געשמייכלט צו די ברילנ:

אויסגעבראָטענע כאלאטלעכ
אונ צעגריזשעטע קאשקעטנ;
קעפּ ווי בערד אונ בערד ווי לאטעס,
אונ דאָס הארצ אונטער זשילעטנ.

— נו? וואָס? יידנ? הא? מע האָרועט? —
ענטפערט מענדל: — מע! דערווײַל...
אפנ דזשוינ געזאָגט געוואָרנ
אונ איינגעמ מיט זײַנ ווײַב! —

— וויאזוי ז'עפעס בא אײַך דאָרט
אינ אמעריקע מיט יידנ ?
ס'גיט דאָרט מער ערד אפ א נאכלע,
ער, דער וולאסט,— אונ מ'איז צופרידנ ?

מ'זאָגט, גיט מענדל זיך א טשוכע,
אז צו יעדער ווירטשאפט־הויפל
גיט אומזיסט דאָרט די מעלוכע
צו א מיקווע מיט א שויפער !..—

אונ ער טראכט זיך, ווי ער וואָלט דאָ
מיט זײַנ כעוורע זיי צעקנאקט דאָ ;
ס'גלוסט זיך אים א זאָג טאָנ : — יאָלדנ !
היט זיך דאָרטנ ! ס'לויפט א טראקטער !

ווירענ זיך אווטאָמאָבילנ
אונ סע דונערט אונ סע גרײַגערט ;
טיר אונ פענצטער איז צעשפיליעט,
ס'טוט זיך אָפ אינ „ניט־געדײַגעט".

דער — געקומענ, דער — אוועקגאנ,
דער — אדורכגאנ, דער — פארבײַגאנ ;
איז א שמועס אפ די וועגנ :
ס'האָט דערלעבט זיך „ניט־געדײַגעט"!

35

— מענדעלעכע, האַ?— גיט מענדל איר אַ טײַטל
אַף דעם יונגנ דאָרף — דו זעסט? דו קוקסט אים אָנ?
איז ווי דו קוקסט אים אָנ, אָט דעם־אָ „ניט־געדײַגעט״,
איז וועט ער נאָך אינגיכנ ווערנ אַ ראַיאָנ!

— ווייסט וואָס אַ ראַיאָנ הייסט? אַ ראַיאָנ הייסט, מענדעלעכע,
ווי זאָל איך דיר זאָגנ, נו, לעמאָשל, ווי אַ לאַנד...—
— וואָס האָסטו געזאָגט דאָרט? רעד אַביסל העכער,
כ׳ווייס ניט, וואָס דו טשעפּעסט זיך. וואַרט אַביסל, באַלד!—

זי מעלקט דאָרט, מענדעלעכע, זי מעלקט דאָרטנ די בהיימע.
קוקט זי אינעם שעפל אונ זי רעדט דאָרט צו דעם אײַטער:
— הער דאָרט, מענדל, אויף וואָראָזשענ אונ פּאַרדרייענ מיר,
דו זעסט, דאַכט זיך — איך מעלק, איז שטיי אַביסל ווײַטער!—

— אַז דו האָסט אַ קאָפּ אַ ווײַבערשע, אַ בלעכענע,
אַז מ׳ילעך וואָלט מענ מעלקנ אינ אַ קאָפּ אַזאַ געקאָנט;
דו הערסט דענ, וואָס איך זאָג דיר? דו הערסט דענ, מענדעלעכע?
מע רעדט דאָך מיט דיר ייִדיש — אַז אַ ייִדישער ראַיאָנ!

אַז דאָרטנ „ניט־געדײַגעט״ גייט קימאַט איצט כאָדאָראָם,
אונ ראָנדעל לויפט אַרום, אונ טומינ איז אינ פעלד;
מע רעדט שוינ דאָרטנ רעטשנ, מיט פּאָנעס אָנגעלאָדענע,
אונ כ׳זאָג דיר, מענדעלעכע, ס׳איז אַ לעבעדיקע וועלט!—

און אין דאָרף די ארבעט — פריילעך און געטריי גייט,
מ׳קאָן זיך גאָרניט אומקוקן — ווען ענדיקסט, ווען הייבסט אָן;
וואקסט זיך „ניט־געדייַגעט״, ציט זיך „ניט־געדייַגעט״ —
ער וועט שוין אינגיכן ווערן א ראיאָן.

אָרעם „ניט־געדייַגעט״, בראוואָ, „ניט־געדייַגעט״,
ס׳איז דאָס פעלד געפאלדעוועט און די סטעפּ איז גרויס;
— דו זיצסט שוין ווי א קוואָטשקע אפ די דערפעלעך דערבייַ׳קע,
וואָס פּיקן ווי פון אייער זיך שוין איינציקווייַז ארויס!

ציגעלעך מע פירט שוין און שטיינדעלעך — מע האקט דאָרט,
און עפּעס וואָס אפ מאָווערן צו ביסעלעך נאָך פעלט;
גאָר ס׳שפּאנען זיך אין פרילינג שוין דרייַצן נייַע טראקטערס,
ווי דרייַצן יונגע לאָשעקעס — די שענסטע אין דער וועלט!

מע פאָרט ארויס קאיאָר אפ ארבעט זיך צעשטעלן,
אין מיטן בלויען אָוונט קומט מען אָן אהיים;
ווינטער אין די שנייען — פלעכטן זיך ארטעלן
און מע פירט אפ וואָגנס וואלד, געהילץ און ליים.

עס יאָגט א טראקט אין סטעפּ אריַין און ציט זיך אין די ווייַטן,
יעדן טאָג וואקסט אויס אפ אים א שטיבל, ווי א שוואָם;
טעג ווי געסט ווי טייַערע, טעג אזויווי רייַטער,
עס הייבט א רעשטאָוואניע זיך פאר א רייַ־אויס־פיר־קאָם!

קוקט אזוי דער דאָרפראט מיט פענצטערלעך מיט בלויע,
דאָס דעכעלע דאָס שטרויענע — ווי היטל אפ א זייַט;
— אָפּגעדינט אין ענגשאפט, אָפּגעדינט אין טרויער,
אָנגעווארעמט וואנדערער פון ערגעץ פון דער ווייַט...

אָנגעווארעמט פראָסט מיט אָנגעבעטע סטריכעס,
מיט פעלדנשטילער טרייסט דורך פענצטערלעך פון סטעפּ;
— אוי, איר ערשטע ווינטן, אוי, איר בייזע וויכערס,
אויסגעגלייַכט די רוקנדלעך און אופגעהויבן קעפּ!..

— א גוטן־טאָג דיר, דאָרפסראַט, א גוטן־טאָג דיר, טײַערער,
— א גוטן־טאָג דיר, סטריכע, שטיל־געבעטע מיט קאַיאָר!
ס'בויט זיך א געבײַדע, ס'בויט זיך „ניט־געדײַגעט",
„ניט־געדײַגעט", טײַערער — ווערט איצט א ראַיאָן!

קומען טעג אפ וואָגנס, ווי אָנגעלייגטע געסט אָן,
און מיט זאָרג מיט זיסער איז דאָ יעדערער פאַרטאָן;
עס בויט זיך א געבײַדע — א שטאַרקע און א פעסטע,
זי בויעט זיך צווייגאָרנדיק — פון אײַזן און בעטאָן!

משערעפּלעך געבערענטע פירט מען אפ די וועגן
און מע וועט זיי אויסבעטן אין אָרעמקײַט אפ פרייד;
און פון ביידע זײַטן — פאָרנט און אנטקעגן
וועלן זיך צווייגאָרנדיקע אויסשטעלן אין ריי!

קומט א קוק טאָג מענדל. טאַפּט די רעשטאָוואַניע,
פּרוווט דאָס האָלץ און פּרוווט א ציגל אין דער וואָג,
ס'שמעקט פון זײַנע הענט מיט מי און האָרעוואַניע,
און פון זײַנע אויגן טרויערט נאָך דער טאָג...

— ס'איז א שיינער מאָווער, — זאָגט אליין זיך מענדל,
ר'האָט אזא פאָסטרויקע לאנג שוין ניט געזען;
ווען זי וואָלט זיך גיכער, גיכער שוין געענדיקט,
וואָלט דער „ניט־געדײַגעט" גלײַך געוואָרן שענער!

ס'איז אזוי אים אויך... עס פעלט ניט... און ער מיינט ניט,
און ער כאַפּט אזוי אפ ווײַטקײַטן א קוק;
— ס'איז אביסל נאַקעט... מע דאַרף נאָך פלאנצן ביימער,
ברויט איז — דאנקען גאָט, און מילך — אונטער דער קו!

ס'איז פונקט ווי ער אליין — זאָגט ווײַטער ער אליין זיך,
ס'באַוועגן זײַנע ליפּן זיך — דאַכט זיך, אז ער רעדט;
— ברויט איז, דאנקען גאָט, און מילך און מ'איז ניט איינזאַם,
נאָר ס'פעלט נאָך צו דעם אָנטון זיך... עס פעלט א שטיקל גרעט!

מענדל גייט נאָך אָנגעטון דאָס אלטינקע כאַלאַטל,
וואָס ער האָט נאָך געבראַכט מיט זיך פון טאַלנע נאָך פון ווען;
עס וואַקסט אַף דעם און ס'בליט אַף דעם אַ לאַטע אַף אַ לאַטע,
און ס'בייסן אַזוי ביטערלעך די לאַטעס פון דער העמד.

ער קען נאָך ניט אַריינעמען אין שטוב אַביסל ווייס,
אין קאָפּעראַטיוו איז ניט מען נאָך ניט שטענדיק;
און עפּעס אונטער קעלנערל ניט אים אַזא בייס,
איז גיט ער זיך אַ קראַצעלע און: — ניט געדייגעט, מענדל!

און הענטשקעס אַ פּאָר ווינטערדיקע דאַרף ער ווי דאָס לעבן,
ס'פרירן אים די פינגער באַ דעם אָנפוּיען דעם סקאָט;
— אַ פּאָר פראָסטע הענטשקעס — די עמערלעך צו שלעפּן,
נו, איז נאָך אַ שטיקל צייט, — דער זומער איז דאָך — אָט!

ס'איז דאָס ברויט אַראָפּגענומען גאַנץ אין „ניט־געדייגעט",
שלאָפן זיך די פעלדער און אַ ווינטל — ניט קיין ריר;
און דער מאָוער מאָווערט זיך, און די גאָרנס שטייגן,
וואָס אַ טאָג — אַ פענצטער, וואָס אַ טאָג — אַ טיר!

אפן סטעפּ ארומגעבלאָנקעט ערגעץ־ווו האָט טרויער,
אין די טיפע אָוונטן האָט ווינטעלע געוויינט;
פאַרגעסן „ניט־געדייגעט" האָט וואָס הייסט „יעמי־נוראָים",
נאָר קיווע האָט דעם שויפער דאָרט גערייניקט און געשווענקט.

אין צווייטן ראָשעשאָנע־טאָג, ווען ערגעץ אין אַ שטיבל
האָט געצאַנקט אַ ליכטל מיט אַ וואַקסן־געלן פלאַם,
איז געגאַנגען מענדל מיט קאָמיוגן און מיט לידער
אַרבעטן אַן אַרבעט־טאָג באַם נייעם אויספּירקאָם.

העמערלעך און קעלניס אַף דער זון האָבן געבלענדיקט,
אַ געזאַנג פון פּאָנען, גלייך ווי כוואַליעס פון דער ווייס, —
און מיט אַלע גלייך האָט צוגעבאָמבלט מענדל:
„דאָס איז שוין דער לעצטער און אַנטשיידענער שטרייַ־ייַט!"

מאָרגנס גרויע, מאָרגנס טריבע,
מאָרגנס געפּלדיקע ווײַטע,
אין דער וועלט אריַין געווענדטע,
און קאיאָר דאָרט נאָך קאיאָר גייט,
און די ווינטעלעך, ווי שפּרוך;
האָט זיך בּא א נידריק שטיבּל,
מיט געקאלעכט־ווײַסע ווענטלעך
און מיט פענצטער אויסגעזייַטע,
בּא א טויער, בּא א פּאָרטקע
פרייַלעך אָפּגעשטעלט א פור.

שטייט די פור באם שטיבּל נאָנט דאָ,
פערד צוויי הירזשנדיקע ווארטן,
ס'איז דער וועג אין ווײַטן — בּלאָטיק,
שלאָפן אפ די פעלדער שנייען,
אָנגעשאָטענע ווי רייַן;
קלאָפּט צו טומינען אָן ראָנדעל:
— נו, גענוג! א סאָפ! נו, פּאָטער!
טומין, הא? ביסט דאָ? ביסט פארטיק?
טו זיך אָן. מירן אין צווייען
הײַנט אדורכפאָרן דעם קרייַז! —

און בּא טומינען אין צימער
איז נאָך נעכטן... ער מיסטאם האָט

ניט געכאַפּט זיכ, אַז ס'שוינ ווידער
גרויסער טאָג אינ „ניט־געדיײַגעט״,
אַז די נאַכט איז שוינ — קאַפּוט;
צווישנ צײַטונגענ, רעשימעס,
צווישנ ביכער, דיאַגראַמענ,
ליגט אַ קלײנינק „בוכ דער לידער״,
כאַפּט זיכ טומינ, ווי פונ שטײַג אופ:
— ראָנדעל? טײקעפּ! די מינוט! —

אָפּגעזועסנ איז אַ נאַכט ער
בײַ דעמ לעמפּל בײַ דעמ נײַנער
מיט באַמיסטיקונג געפּאָרט זיכ,
— צי ס'וועט בעסער, צי ס'וועט גוט זײַנ,
ס'זאָל קײנ דורכפאַל כאָטש ניט זײַנ;
— ער ט'אַלײנ דאָכ אויסגעטראַכט דאָ
די באַמיסטיקונג די נײַע.
עמעס — זי? נו, יאָ, נו — סאָרצי —
האָט אַ קלאַפּ געטאָנ אימ פּלוצימ,
דאַרפ באַמיסטיקונג ניט קײנע...

סטעפּעס, אײַנגעדעקט מיט ציכנ
ביז די סאַמע האָריזאָנטנ,
האָבנ אימ דעמ פּײַנ געלינדערט,
האָבנ אימ דעמ וויי געלײַטערט
אונ פאַרגעסונג אימ געבראַכט;
ווײַל געוווּסט האָט ער אַפּ זיכער
דאָס — אַז סאָרצי איז בײַ ראָנדלענ...
אונ געצויגנ ט'אימ אַהינ דאָכ,
ווי סע ציט אינ סטעפּ אַ שײַטער
אינ אַ טויבער־טריבער נאַכט.

— סאָרצי! סאָרצי! — אָט־אָט איז זי,
ס'דעקט דער ווינט איר אָפּ אײנ אַקסל,
אונ זי ציט אימ צריק אַריבער,

זי פּאַרציט זיך אין די זײַטן
און אָט ציט זיך אויס א וועג...
ס'האָט א ווינט די נאכט געריסן
און מיט שטערנשײַן געהאקט זי,
— סאָרצי, ווארט! ס'א פּראָסטער כּיבּער! —
גיט זי זיך א זעץ צום רײַטן
און זי רײַט ערגעץ אוועק...

ס'האָבן ספּייקעס אים געקלעמט דאָרט,
ס'איז אים אלץ געוואָרן ענגער, —
אפן האלדז פון „ניט־געדײַגעט"
גלעט ער עס דאָס מיסט, ווי קרעלן,
נ'ווייסט ניט, וואָס מיט אים דאָ איז...
... אָט די ארבּעט — איז פאר וועמען?..
צי פאר אָרעם־גרויסע מענגעס,
צי פאר זיך אליין צעשטרײַטן...
נ'פּלוצים — העלער אָל אין עלנט:
— סאָרצי ז'מיסט, און מיסט איז מיסט!

ליגט דער סטעפּ — א דאָרשטיק־שטארקער,
קלעטערט סטעפּ אפ האָריזאָנטן,
און ער מאָנט דאָרט און ער ווארט דאָרט,
יעדן ווינטעלע באשמעקט ער,
און ס'איז נאכט און פײַכט און פריש;
ט'ער די גאנצע נאכט געארבּעט
און אין סכעמעס ניט דערטראכטע
זיך געפּלאָנטערט און געעקבּערט,
בּיז אים אָפּגעריסן ראָנדעל
האָט גאנצפּרי דאָרט פונעם טיש.

האָט ער אפ זיך אופגעפּראלעט
זײַן בּרעזענטן־גראָווע בּורקע,
אײַנגעדרייט דאָס לעמפּל האסטיק,
זיך ארומגעקוקט צעדרודערט

און זיך שנעל ארויסגעשטראָמט:
— אַף א סייכל ביסט געפאלן,
וואָס האָסט, ראָנדעל, מיך צעטורקעט,—
כ'דארף היינט זיין אַף די אוטשאסטקעס,
— הער נאָר ראָנדעל, גוטער ברודער,
ס'ניט די פערד פון איספּאָלקאָם?—

האָבן זיך א שניט די פערדלעך
גלייך געטאָן אריין אין נעפּל:
פאָרנט — סטעפּ און הינטן — סטעפּ איז,
און דער וועג מיט שווייס קומט אָן דאָ,
ביז מע קומט אין צווייטן דאָרף;
— ס'איז א קלעפּיקע, די ערד דאָ,
זי פארקלעפּט!.. וואָס זאָגסטו? ראָנדעל!—
שטיבלעך קליינינקע — דערנעבן
פון די פענצטער קוקן קעפּ אויס:
— כ'ווייס ניט, וואָס סע קלעפּט זיך דאָרט!..

שטיל אין דאָרף איז אָנהייבווינטער,
ס'איז די ווייט פון פראָסט געשטופּלט,
נידעריקער זיינען שטיבלעך,
און דער סטעפּ איז עפּעס העכער,
און די קעלט — זי שניידט מיט גלאָז;
פליעסקעט ווייט דאָס פערדיש טופּען,
און אין אָסיענדיקע גריבער,
און אין אָסיענדיקע לעכער
נישטערט נאָך ארום א ווינטל,
פּונקט ס'וואָלט עפּעס דאָרט געלאָזט.

איבער ווייטע סטעפּן־פלאכן
גייען שווארץ־לאקירטע ראָנדן,
אָנגעזויגענע מיט אומעט;
זיינען זיי דעם ווינט אנטקעגן
שטיל געפאָרן — טריט בא טריט;

נ'מיט א וואָגן האַלץ געזעגנס
קומט דאָרט מענדל פונעם שליאַך אָן:
— א גוט־מאָרגן, כאַווער ראַנדעל,
— א גוט־מאָרגן, כאַמער טומין,
— וואָס איז עפּעס אַזוי פרי? —

גייט די פור, ווי אַפּ לאַקירן,
טומין ווײַזט אים דעם אינסטרוקטער:
— די אָזימע... ראַנדעל, גייט דאָ...
ס'ציטערט דאָ די ערד פאַר ווינטן,
די באַמיסטיקונג... זי איז...—
נ'ראַנדעל טראַכט:— מע דאַרף בּרוקירן,
וועגן דאַרף מען מאַכן גוטע
צווישן איין דאָרף און דעם צווייטן,—
צוויי פאָר שטיוול פאַרן ווינטער
פאַלן אים דאָ פון די פיס.

— מע פאַרוויכערט!— גיט א טײַט דאָרט
מענדל פריילעך, אַזאַ נאָענטער,
און דער ווינט א גאַנצע וואָך גייט
פונעם יאַם קיין „ניט־געדײַגעט"
און ער טרעפט אַליין — וווּהין;
מענדל שלעפּט אַרויס א בײַטל:
— כאָטש איך ווייס, אַז כאַווער ראַנדעל
איז א טוויאָרדער בּעכאַראַקטער,
נאָר פון איר, פון דער מאַכאָרקע,
מעגט איר געבּן א פּאָר צי! —

שטרעקט אים ראַנדעל אויס די האַנט דאָרט
מיט א שמייכל;— וואָס? איר זייט אים,
כאַווער מענדל? צי איר האָט אים?
נו, נ'דער וועג? אין דר'ערד? מע קלעטערט?—
טוט א צי שוין מענדל:— סטאָפּ!
— אָט־אָ די־אָ צוגעשפּאַנטע,

פײַװישעס — מיר פירן בײדע,—
איז א ספריטנע אפ די בלאָטעס,
נ׳מײַנע, זי — די שקאפּע, זעט איר?
זי האָט נאָר א גוטן קאָפּ!

נאָר ס׳איז, כאָװער ראָנדעל, פינצטער
אָפּצומעסטן א פּאָר מײַלן
אפ א װעג אָט אפ אזא מין,
ס׳איז אזוי אלצ... גאָרניט... דײַקע...
האלט די רעדער — נו, װאָס נאָך?—
ס׳לעשט בא מענדלענ אלע װײַלע
אױס דאָס שװעבעלע פון װינט זיך,
נ׳ער פארענטפערט:— פון די יאמען
גײט דער װינט קײן „ניט־געדײַגעט”
דאכט זיך, שוין — די צװײטע װאָך...—

נאָך מיט א פארצי א טיפן,
נאָך מיט א צעװײ פון רויכן,—
און — א גוטן טאָג דיר, ראָנדעל,
און — א גוטן טאָג דיר, טומין,
נ׳פּאָרט זיך אײַך געזונטערהײט!
ס׳הערט זיך שוין דער שליאָפּ פון שטיװל
און א קלאָפּע א באקאָנטע
צו די הארבסטיק־גראָװע הויכן,
און עס קוקט זיך טומין אומעט
און צו ראָנדעלן — א דרײ:

— כ׳קוק אפ זײ, אפ אָט די מענדלס —
און סע נעמט מיך אָן א פּאכעד...
ס׳קריכט די אָרעמקײַט אפ זײ דאָ,
ניט אזוי װי סטאם אפ פויערס,
נאָר אזוי...— אָרעמעלײַט...
יעדן שטרעקן זײ די הענט אויס...
און די אויגן זײ פארמאכן...

עפּעס קלאָלע אפּ זיי לויערט
פונ די געסלעכ, פונ די זיידעס,
פונ דער רוכ ווייסט זיי — ווי ווייַט...—

ס'זייַנענ אָנגעגאנ אנטקעגנ
פורנ פויערשע, בינדיוגעס,
אָנגעלייגט מיט מאטעריאלנ
אונ דערנעבנ — יונגע טרייַבערס,
אָנגעטונענע אינ זעק;
— זעסט? ס'א כיעס צו באגעגענענ!
דאָס איז דאָכ פונ „ניט־געדייַגעט״
אונדזעריקע פויערס — אלע,
הוילע יונגענ, הוילע יוגנט,
לאָז א יאָר אונ צוויי אוועק —

אָפּמעקנ וועט זיכ אינגיכנ
יעדער אָרעמקייַט באזונדער,
אָרעמקייַט פונ מוישעס ייִכעס,
צי פונ אנדרע — ס'ווערט א פאקט דאָ
דער געמישטער קאָלעקטיוו;
אָפּמעקנ שוינ, טומינ, זיכער
וועט עס אפנ פעלד דער טראקטער,
אינ פאבריק וועט די מאשינ דאָרט,
אונ מיט הענט מיט די געזונטע
אויסברענענ ס'וועט פונ דער טיפ.—

— יאָ, געוויס, — האָט מיט דער פלייצע
טומינ זיכ אזוי פארהיקעט, —
נו, געוויס, דאָס ווייסנ אלע... —
אונ דער וועג האָט זיכ געבלעטערט
אונטער פערדיש־טעמפנ טופ;
—... המ... בעסער וואָלט געווענ, פארשטייט זיכ,
פאר דעם סטעפ אונ די פאבריקנ,
ווענ א קרעמער ברענגט פונ טאלנע

ווײניקער — א קינדערש בעטל,
מער — א ביסעלע קולטור...

רוקט זיך צו דאָס דאָרף — צעהרודעט,
— דאָ א שטיבל, דאָ א גראָבן,
נ׳ראָנדעלס אויגן ווערן בלומיק,
גיבן זיך א גיס מיט גלאַנץ אָן
און צו פערד א פײַפל :— טפר־רו !
— דאָס איז אויכעט איבריק, ברודער,
אָט דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן ;
גום געווען וואָלט, זעסטו, טומינ,
ווען זיי זאָלן זײַן אינגאנצן
פרײַ פון יעטווידער קולטור !

ווײניק — זאָגסטו, טומינ, ווײניק ?
וועלכע ? זאָג נאָר ? וועלכע — וועלכע ?
ס׳כאפט מיך, טומינ, אָן אן עקל,
כ׳זע נאָך אָפט אין יעדנס אויגן
אלץ דאָס בענקען נאָך יאריד ;
איינער האָט אין דר׳היים געבייגלט,
איינער האָט אין מארק געשטעלכלט,
דער — געהאנדלט, דער — געמעקלערט,
דער געשאדכנט, דער — געפלויגן,
איינער — סטאם א שיינער ייִד.

אָן דעם שטאָלץ פון גרויסע שלעפערס,
אָן דעם ייִכעס — אָן די מײַמערס
וואָלט פאר אלעמען דאָס אָרט דאָ
פריש געווען און נײַ־געבורטיק
דאָ אין פעלד אונטער דער זון ;
וואָלטן זיי מיט אָט דעם לעבן
מיט אָט דעם־אָ ערשטן נײַעם
זיך ווי כײַעס אויסגעגורטלט,
אָט אזוי ווי ס׳טוט עס סאָרצי,
סאָרצי — איינפאך און געזונט.—

ס'האָט די פור געשלעפט זיך ווײַטער
איבער טומינס בראַנדיק הארצן,
ווי אַף „ניט־געדײַגעטס" בלאָטע,
און געקוקט האָבן זיי ביידע
ערגעץ גלײַך פון זיך נ'דער ווײַט...
טומינען האָט איצט געדאכט זיך,
אַז אַ פערד בעסער צום רײַטן
הײַנט באדארפט זיך נעמען: האָט ער
און פארשפּאָרן זיך די רייד דאָ
נ'אָט דעם אומזיניקן שטרײַט.

און אַ טרײַב געטאָן האָט ראָנדעל
ווײַטער פעסטער און געשווינדער,—
נידעריקער זײַנען שטיבלעך,
און דער סטעפּ איז עפּעס גרעסער,
און די קעלט — זי שנײַדט מיט גלאָז;
אַף אנטקעגן — האָריזאָנטן,
און אין אָסיענדיקע גריבער
נישטערט נאָך ארום אַ ווינטל,
פּונקט ס'וואָלט עפּעס דאָרט פארגעסן,
פּונקט ס'וואָלט עפּעס דאָרט געלאָזט...

37

לאַנגע אָנגעמיטע טעג,
און די נעכט פאַרקאָוועטע;
קומט באַגינען אפֿן סטעפּ
זיך מיט רו א כאָווע טוג.

ראָזע בושעלעס — א צוג
בלויע הויך—באַשײַטערן;
לייגט זיך טאָג צו פענצטער צו
און מיט ליכט ער שרײַט אַרײַן,

און ער וועקט דאָרט און ער רופֿט:
— ס׳וואַרטן פערד און וועגענער!
נאָר פֿון לאַנג איז מען שוין אוף,
פאַרטיק גרייט אין וועג אַרײַן.

אָנגעשניטן ברויט צום טיש,
אײַנגעהייצט די אויוועגעס;
און מ׳איז קרעפּטיק און מ׳איז פֿריש,
און מע קוקט אין הויף אַרײַן.

— ווער צום אַקער, ווער צום פֿי,
ווער עס וואַרט א רעגנע נאָכ,—
נ׳ראָנדעל איז אַרויס פאַרפֿרי
דאָרט דעם טאָג באַגעגענען.

ס'זײַנען פענצטער אָנגעזייט,
פלעמלעכ קליינע צאנקענ נאָכ;
ווײַסע ווענט אפ בלויער ווײַט
איז ווי גרעט צעהאנגענער.

אלע אייגענע — דערקענסט —
שטיבעלעכ צעשאָטענע, —
ווי א שורע ווײַסע גענדז
אפנ וועג אינ שטאָט ארײַנ.

צו דער ווײַט זיכ ראָנדעל שטרעקט,
אונ דער גאנג איז דרײַסטיקער;
אז ארומ איז פרײַער סטעפ,
אונ דאָס הארצ זיכ רײַסט אזוי.

קוקט ער אינ דער ווײַט אזוי,
קוקט ער אונ סע טראכט זיכ אימ:
„ניט־געדײַגעט" — נאקעט, הויל,
— ניט געדײַגעט, הארציקער!

ברייט דער סטעפ איז, ברייט אונ קלאָר,
הארטע האלדז־אונ־נאקענער;
— דאָ געטאָנ א צעפאלאָכ
וואָלט מענ אזוי פלאקערדיק.

הילכיק קלינגענ זײַנע טריט,
ניט געדײַגעט, יאָנטעוודיק;
— „ניט־געדײַגעט" — גרינס אונ צוויט
איז שוינ צײַט צו אָנטונ דיר!

גייט ער, ראָנדעל, קוקט אונ טראכט,
ס'פינקלענ טויענ טראָפעלעכ;
— אז אפ ביידע זײַטנ שליאכ
אופשטיינ זאָלנ טאָפאָליעס!

אז דער וועג איז ברייט און גייט
גלייך אין האָריזאָנט אריין:
— זאָלןביימער זיין צעשפּרייט,
בלעטער, ווי די זאָנטיקעס!

ג'עפּעס נאָגט זיין הארץ און פּיילט,
אין דער טיף אריינגעטון;
און ער זאָגט זיך: — נו, דערווייל
וועט מען פלאנצן וויינגערטנער!

איז ער צוגאנגען צו דער שול,
קינדערלעך פארזאמלטע, —
באם אריינגאנג איז שוין פול
און מיט פרייד זיי פלאמען דאָרט.

קליין און קלענער, קלענער־קליין,
אויסגעקלעפּט א וואנטצייטונג:
„אלע שילערס, אלע גיין
אפן טאָג פון פלאנצונגען".

ס'דרייט זיך שוין דאָ סאָרצי אום,
כאנקעלע די לערערן;
קליינע יאטעלעך — ארום
אלע מאָל ווערט מערער נאָך.

און דער יונגער צוויטשערייַ
גאָר די ווייט פארטומלט דאָרט;
— מע וואָלט שוין געמאָלדן: — „דריי",
ווארט מען נאָך אף טומינען.

טומין לויפט פון וויַטן אָן,
ווינטן פארגעטראנקען אים:
— שוין! ס'איז פארטיק! שוין. מע קאָן,
ווו איז סאָרצי? כאנקעלע! —

קלײנװאַרג טומלט, קלײנװאַרג קװעלט,
באַרװעסע, װי פּאַסטעכלעך;
מ׳איז אַרױסגעגאַנגען אױפֿן פֿעלד,
אױף די פּלײצעס — זאַסטעפּלעך.

זאַלבעצװײט די פֿאָן מע טראָגט,
אײנער — מיטן פּײַקל גײט;
און געאַרבעט מ׳האָט דעם טאָג,
— אַרבעט ניט־געדײַגעטע!

— קינדער, — װענדט זיך ראָנדעל הױך, —
װאָס־זשע פּלאַנצט מען הײַנט אַרײַן? —
און פֿון קױלעס װערט אַ רױך:
— װײַנגאָרטנער און... װײַנגאָרטנער!

ס׳איז אַ גײענדיקער װאַלד,
קינדערלעך, װי פּלאַנצונגען;
— סאַרצי מאַכט אַ פֿערעװאַל
און נאָך איר — די גאַנצע שול!

הילכיק קלינגען קינדער־טריט,
ניט געדײַגעט, יאָנטעװדיק;
— „ניט־געדײַגעט״! גרינס און צװיט
איז שױן צײַט צו אָנטאָן דיר!

טאָג, װי טאַטע — שפּרײט זיך, שטרעקט,
און אין הארץ אַרײַן גײט ער:
— ס׳װעלן װאַקסן אױפֿן סטעפּ
קינדער, ברױט און װײַנגאָרטנער!

עפּעס רוישט זיך אינעם ייִשעוו,
עפּעס טוט זיך — ס'לויפֿן אַלע —
אַלע שרײַען, אַלע לישען,
— ס'דאַרף איִנגיכן זײַן די וואַלן.

איינע זײַנען ווייך, געפּעליק,
איינע וואָרקען שטיל ווי טויבן:
— וועלן מיר דאָס ווידער ווײַלן,
— וועלן מיר דאָס ווידער קלויבן!

גרייט זיך ראָנדעל, טומין טײַנעט
מיט די מענער, מיט די פֿרויען —
אַז אַ דאָרף, ווי „ניט־געדײַגעט"
מעג שוין ווײסן — וועמען טרויען,

וואָס און וועמען,— און סע קאָכט זיך,
און מע אַמפּערט זיך מיט אַלע,
קומט אָן סאָרצי — דאַכט זיך, סאָרצי,—
ווענדט זיך טומין:— צו די וואַלן!

ווען ער זעט זי אויף אַ טראַקטער,
דאַכט זיך רײַטנדיק אים פֿאָרט זי
אויף אַ יונגן שײנעם שפּאַק דאָרט,
ב'ער פֿאַרקוקט זיך:—סאָרצי, סאָרצי!

און אין האַרץ — עפּעס אַ בראָך זיך,
און סע דרייט אים הין און הערצו —
נ׳גיט אַ טראַכט, אַז פֿאַר דער סאָרצי
האָט ער זייער גרויס דערכערעץ.

און ווען סאָרצי פֿירט דעם טראַקטער
איבער ווילדן סטעפּ דעם ברייטן,
שײַנט פֿון קאָפּ אירער און פּלאַטערט,
ווי אַ פֿרישע פּאָן אַ רויטע,

ס׳קאָמסאָמאָלסקע טיכל בלומיק
מיטן פּאַווער אויף דער פּלייצע, —
קוקט איר נאָך פֿונוויַיטן טומין
נ׳עפּעס זינגען ווילט מיט פֿרייד זיך,

ס׳ווילט זיך איר אַזוי אַ זאָג טאָן:
— סאָרצי, סאָרצי! האַ? ס׳אַ כּיעס! —
נאָר זי פֿאָרט אַ ניט־דעריאָגטע
און די ווינטעלעך זי גריסט.

ס׳קוקט איר נאָך גאַנץ „ניט-געדיַיגעט״,
ווען אויף טראַקטער זי צעשפּאַנט זיך, —
אַז איינעם מיטן טראַקטער
איז זי אַלט ערשט אַ יאָר צוואַנציק.

— ווו האָט זי זיך דאָ גענומען?
זי איז גאָר ניט קיין באַקאַנטע, —
ער האָט שוין געפֿרעגט דאָרט, טומין,
— פֿון די וויַיטע — זאָגט מען, קאַנטן.

ניט כּאָסלאָוויטש און ניט טאַלנע
האָט אַזעלכעס ניט געבאָרן;
פֿרעגט זיך טומין נאָך בײַ אַלע,
זאָגט מען אים: — אַ בעזפּריזאָרנע!

בא דער אַרבעט, אינעם פעלד דאָ,
פלאָנטערט טומינ אפּנ אָרט זיך;
ווענדט ער זיך צו סאָרצינ קווערלנד:
— קערסט א קווערטל האָבנ, סאָרצי!

וועט מען וואסער באלד א שעפּ טאָנ,
א קאָפּ פרישע וואסער — גאָר;
נ׳ווערטער בלייבנ ניט דערשלעפּטע
שטייִנ בא טומינען אינ גאָרגל.

אונ בא סאָרצינ צייִנ צעבלאַנקען,
ס׳טוט איר קאָל א קאלטנ קאָסע:
— כאווער טומינ! איר? א דאנק אייַך! —
אונ מיט היץ ס׳גיט א באגאָס אים...

שטייט ער טומינ — דאָ אונ דאָרטנ,
סאָרצי קוקט אפּ אים אונ בריט אים, —
ס׳האָט דאָס פרישע פעלד צעקאָכט אים
זייַנע מאנצבילשע געבליטנ.

— וואָס־זשע? סאָרצי, הא? צעבליט זיך? —
דרייט זיך טומינ — נענטער, ווייַטער, —
נ׳פּאר די אויגנ בלאנקענ בליצנ,
אונ אינ הארצנ עפּעס שייַטערט...

גייט ער אזוי שטיל ארום איר,
אונ סע ציט אים... איז ער מיד דענ?..
— שפּעט ס׳איז, דאכט זיך, כאווער טומינ, —
שלאָגט אים סאָרצי אָפּ אינמיטנ...

— המ... יעדנ דייַנ צעגראָב כ׳דערקאָנ דאָ,
וויפל מאכסטו פערעוואלנ?
אָט וועט גיכנס זייַנ א יאָנטעוו,
ס׳דארפ דאָך אָט־אָט זייַנ די וואלנ. —

און דער טאָג איז אָנגעקומען,
פון פארזאָרגטקייט איז קיין שפור ניט;
— מענדל! מענדל איז פארנומען,
מענדל לויפט ארום און מורמלט:

— וואלן וועלן ווילן ווילע,
וועל איך אויך — האווייל האוואָלים;
אלע וועלן — ווילן הוילע,
ווער — געשווינד און ווער — פאוואָלי! —

זײַנען געסט פון דערפער דאָ שוין,
ג'מענדל לויפט און טראכט פארטאָטעמט:
— איצט איז אף דער האנט און פּאָשעט,
אופגעהויבן הענט און — פּאָטער! —

ווי א סימכע, ווי א יאָנטעוו,
פּאָרן דערפער איינס צום צווייטן —
פון א זונטיק ביז א מאָנטיק
אלע נ'יינעמ און צעזיימט.

אין די פרעסט כאפּט מען א ציטער,
און אום זומער — א מעכײַע;
שטעקן זיך אזוי וויזיטן
דערפער שכייניש געטרײַע.

גייען וואָגנס, לידער שאלן,
יונג און אלט און זקיינים דײַקע;
איצטער פּאָרט מען, פּאָרן אלע,
אלע איצט — קיין „ניט־געדײַגעט".

אפּן יאָנטעוו פון די וואלן,
אפּן יאָנטעוו פון א יישעוו;
ס'ווערט קיין פראצע ניט פארפאלן,
פײַערלעך פון פרייד דאָרט בליט שוין.

שטייט באלויכטן די געבײַדע
פונעם ראַט אין סטעפּ צום הימל;
און דערנעבן און פאַרבײַ דאָרט
און פון ווײַטן קלינגען שטימען.

א שטיק סטעפּ ז'עפּעס צעבליט דאָרט,
אפן פעלד איז ליכט צעגאָסן;
פון די פענצטער שײַנען ריטער,
שנײַדן זיך ווי שאַרפע קאָסעס.

ווינטן אפ די סטעפּעס הוליען,
ווינטן שטימען אויך און ווילן;
— „ניט־געדײַגעט"— פול און פולער,
— „ניט־געדײַגעט"— העל און העלער!

אין די כאַטקעלעך און הײַזלעך
ניט געבליבן איז הײַנט קיינער;
אלע יאָגן זיך און רײַסן
פון די יונגער ביז די זקנים.

אלע מ'איז געקומען ווילן,
שטימען האָבן זיי געבראַכט דאָ;
ס'זאָל קיין איינע ניט פאַרפעלן,
מ'זאָל אפ קיינעם דאָ ניט וואַרטן.

איז מען בא דעם טיש געזעסן,
אויסגערופן בא די נעמען:
און געציילט די הענט די פעסטע
און באַטראַכט מיט סייכל „ווער?"..

קיווע ט'עפּעס נאָר געדרייט זיך,
יעדער נאָמען שנײַדט און בריט אים,—
צו דעם אוילעם רעדט זײַן פלייצע:
— ס'עקט די וועלט זיך מיט די יידן? —

און אריינגעטײַנעם האָט ער
אַ פּאָר ייִדן אין די מײַלער:
— ס'אַ פּאַראַדאָק איז עס? בלאָטע!
אַז דער קאַפּצן איז די מײַלע!—

און איין מויל — אַ מײַמער קריכט זיך,
ווי אַ זשוק, און רײַסט און קראַצט אים:
— אַז אַ קאַפּצן איז אַ ייִכעס,
— דער פּאַטשאָט — איז אמעראַצעס!—

אַרום טיש ז'געזעסן ראַנדעל,
פּויערים — דערנעבן, נענטער;
און באַטראַקעס — אויבנאָן דאָרט
און אַ דעלעגאַט פון צענטער.

ס'זײַנען פּויערים געקומען,
בורקעס — פעסט אַרומגעגורטלט;
און דער אַגראָ — כּאָוועך טומין
סאָרצין האָט אַרומגעזוכט דאָרט...

שנייען אָפּן סטעפּ פּאַרזידן,
אין די פענצטער שלאָגן אָנעט;
מענדל איז געווען ג'פּרעזידיום
און געשײַנט ווי די לעוואָנע.

— ווי סע גיט זײַן באָרד אַ שאָקל,
— ווי זײַן קאָפּ גיט זיך אַ דריי;
ס'קלינגען אים אין מויער גלאָקן
און סע שנײַדט אים אָפּ די פרייד.

ט'ער זיך פּלוצים אופגעוויערט
מיט אַ רוף צו אַלע מענער:
— גו, ב'אַ זשענשטשינע, כאָווירים!
— מ'דאַרף אַ זשענשטשין — בעזפּרעמענאַ!

און א רויש באַם אוילעם מענטשן
איז אַדורכ פונ ראַט אינ דרויסנ:
— ריכטיק, מענדל! נאָר וואָדען־זשע?
— אָבער ווען־מען קלויבט מען אויסעט?

האָט דער טומל זיכ פאַרצענטלט
און צעצויגנ מיט א ציטער,—
— סאָרצינ! — לייג איכ פאָר — שרייַט מענדל,
— אָט־אָט זיצט זי אינ פּרעזידיום!

קוקט זיכ אוילעם אום אַפ סאָרצינ,
נ׳סאָרצי קוקט אַפ זיי אַפ אַלע —
און סע טוט זיכ, און סע קאָכט זיכ:
— וויפל מאַכט זי פּערעוואַלנ?

האָבנ הענט זיכ הויכ צעפּלעסקעט,
האָבנ הענט זיכ ראַש צעכוואַליעט,
און מיט לידער מיט די שענסטע
שפּעט פאַרענדיקט מ׳האָט די וואַלנ.

מ'האָט געהוליעט ביז באגינען,
מ'האָט געפרייט זיך ביז קאיאָר;
— אף די פעלדער אף די גרינע
אזא לעבן, אזא יאָר!

טיי און בולבע — א מאיאָנטעק,
זעקס־און־ניינציקער — צום שטייגן;
— אז א יאָנטעוו — זאָל זיין יאָנטעוו,
ווי סע פאסט פאר „ניט־געדייגעט".

ברויט פון אייגענע פון שייערס,
בוימל פון געקוועטשטע רויזן;
און — לעכייעם! ס'איז ניט שייער,
די געבליבן בליען, ברויזן!

זיבן סארוועס פון דער שולע,
זיבן לערערקעס געטרייע —
און מע האָרוועט און מע הוליעט,
און סע קלעקט זיי און סע סטייעט.

צווישן אוילעם בלאנקט א דאשעק
אונטער גריג און רויטע קאנטן;
שווימט דער דאָרפסראט, הייבט זיך ראשיק
צו די גוטע געסט באקאנטע.

און דער אגראָנאָם איז אויך דאָ,
און פֿון פֿרייד ער בליט און טײַט;
אז זײַן סטעפּ איז דאָ באַלויכטן
אף א שטרעקע אין דער ווײַט.

גיסט זיך פֿרייד און גיסט זיך זעטונג,
און פֿון פּלעשלעך פּליסט און טריפֿט;
נאָר דער פּאָרזיצער ס׳פֿארשפּעטיקט
פֿונעם דאָרפֿס־קאָפּעראַטיוו.

און די דאָקטערשע שרײַט:— מענדל,
כאַווער מענדל, זעט, איר שוויצט;—
אויגן גיבן זיך א ווענדע,
אויגן גיבן זיך א בליץ —

נ׳מענדל שמייכלט:— ניט געדײַגעט,—
נ׳רײַסט זיך אזוי ריס נאָך ריס;
— דאָס איז, כאַווערטע, ניט שײַעך,
— דאָס איז גלאט דער רעמאַטיז!—

אויסגעוויקט האָט ער זיך יאָרן
אין די היצן און אין פֿרעסט;
אָפּגעגאַנ און אָפּגעפֿאָרן,
איצטער נאָיעט אים און פּרעסט.

נאָר ער טופּעט, שרײַט:— ס׳איז ווייניק!
— די מיליציָע! שיפּאָן!
זאָל ער אויך מיט אלע נ׳יינעם,
זאָל ער ווײַזן, וואָס ער קאָן!

און ווו ביסטו, מענדעלעכע,
און וואָס שטייסטו, בהיימע, גאָר?
— קידעש מאַכן אָן א בעכער,
מאַכט ניט אויס — אף אונדז דאָס יאָר!

ג׳דאפקע אָט אזוי — אָן היטל, —
און סע קלינגט בא אים דאָס קאָל:
— הערסטו, מענדעלעכע ברודער,
גאָט אַליין האָט פֿײַנט א יאָלד! —

און די פיס אים אזוי קויען
און ער קלאפּט מיט זיי אָן דיל;
— אײַ, האָט מען א וועלט פארלוירן,
אײַ, האָט מען א וועלט פארשפּילט!

— מענדעלעכע, גיב די ליד
מיט די טויבן־פּאָרן:
— „קומט צוריק צו מיר צו פלִיען
יונגע מײַנע יאָרן!“

מענדעלעכע, ווי גייט ווײַטער?
דו געדענקסט ניט? אײַ־א־א—
— „אײַ ווערטײַטעס, אײַ ווערטײַטעס,
גאָדי מאָלאָדאיא!“

איצטער מאכט מען זיך א לאטע
אפן אָרעמ רימל:
— „טרעבא בולאָ שאנוואטע,
יאק או וואס בולי מי!“

דרייט זיך מענדל רונד און גראדע,
רײַסט צו ראָנדלען זיך און טײַנעט:
— זאָג דאָרט, ראָנדעל, אפ דער ראדי,
אז מע טאנצט אין „ניט־געדײַגעט“!

אז די וואסערטרעגערס טאנצן,
ס׳טאנצט דער אָרעמער נאראָד:
— קום אהער! די פּאָל וועט גאנצ זײַן,
מיט די קנעכל: — אָט! אָט!

און עס טאַנצן קאַמסאָמאָלקעס,
און עס טאַנצן — יונג און אַלט;
— פּראָווועט זיך דער סטעפּ אַ מאָלצײַט,
— פּראָווועט זיך דער סטעפּ אַ באַל! —

און די באָרד ער טעלעבענדעט
און ער זינגט צעכראַסטעט־הויל:
— אײַ, ווען איך, דער קאַפּצן מענדל,
וואָלט געווען דער בוירע אויל...

וואָלט איך אַ פּריקאַז — צום ערשטן,
און געמאַכט איך וואָלט אַ גיס —
אַז באַ וואַסערטרעגערס, הערסטו,
זאָל ניט זײַן קיין רעמאַטיז!

און געמאַכט וואָלט איך צום צווייטן,
וואָס וואָלט איך — שיפּאָן, געמאַכט? —
אַז סע ווילט זיך נאָך אַ דריי טאָג,
אַז סע ווילט זיך נאָך אַסאַך!

גליטשן, רײַבן זיך די זוילן,
אויסגעריבענע — זיי טײַען:
— כ׳וואָלט געמאַכט אַזאַ בייסוילעם,
אַז אין דאָרף ר׳זאָל ניט אַרײַן!

— נו, שיפּאָנצי, אַ כאָראָבע,
וואָס־זשע, וואָס? ס׳געפעלט דיר ניט?
וואַסערטרעגערס — אַ פּײַג באַגראָבן,
נאָר די שיינע צעלניקער! —

און שיפּאָן איז פריילעך, רודערט,
און שיפּאָן איז פריש און יונג —
און מיט יעדערן — אַ ברודער,
און מיט יעדערן — אַ טרונק!

ווער עס איז דאָ נאָר געווען,
קײנעם ניט אדורכגעלאָזט;
און מיט יעדערן — א גלעזל,
און מיט יעדערן — א גלאָז!

איז שיפּאָן אביסל שיקער,
טאנצט מיט וועמען נאָר ער פּאקט;
אף אָפּצאסן! שרײַט: — דעריקער,
כאווער מענדל, איז — די פּא!

ער, שיפּאָן, האָט אין ארמיי נאָך
אף וואָקזאלן אויסגעטאנצט זיך
בא דעם־באק און בא די ביינער —
אזא לופּטיקער אינגאנצן.

א טשערדאשל און א פּאָלקע
און אזוי זיך אף די קנעכל;
נ׳מענדל מיט א קאָמסאָמאָלקע,
אף צעלאָכעס מענדעלעכען!

שטיל שיפּאָן איז און באשיידן,
שטענדיק טרויעריק און באנק;
אָט אזוי באם סטויפּל שטײט ער,
מאלאגײרעט זײַן געדאנק —

נ׳אז ער איז זיך שוין צעגאנגען,
איז געגאנגען, איז ניט שײַעך,
איז זײַן אָטעם הוילע קלאנגען
און סע זינגט פון אים מיט שײַן!

— „שטארקע ווײַנען טוט איר טרינקען,
צו די באנען טוט איר לויפן,
אָפּגענארט האָט אײַך דער טערעק,
ציִען וועט ער ניט פארקויפן!

איך דופט אונדז גיין קיין רישאָליִעם,
מיר זאָלן דאָרטן גאָלאָדיִען,
מירן בעסער זיַין אין ריסנלאַנד,
ראַבאָטשע־לײַט זאשישטשיִען!" —

און אין פעלד איז — זאווערוכע,
און אין סטעפּ — דער פראָסט, ווי פיַיער;
ווינטן רײַסן זיך און שטורכען,
ווו ס'איז בלויזער, ווו ס'איז פריַיער!

וויַיט איז דאָרף פון דאָרף פארפירט שוין,
קיינער ט'איצט דעם וועג ניט טרעפן;
ס'טוט קיין פערד איצט ניט קיין הירושע
און א בהיימע טוט קיין רעווע...

און בא מיידלעך בליִען באַקן
און מיט טיכלעך זיך מע פאָכעט;
מענדל ווישט דעם האלדז און נאַקן
און ער טריַיבט זיי: — נאָך און נאָכעט!

זיבן לערערקעס און לערערס
טראָגן צו די טישן עסן;
נ'מענדל שריַיט: — ס'איז א דערקלערונג,
נ'מענדל שריַיט: — אזוי איז בעסער!

ער צעגיסט פאר קליין און גרעסער
און ער רעדט אריַין אין יונגען:
— טרינקט נאָר ניט פון קליינע גלעזלעך,
וויַיל מע קען זיי נאָך דערשלינגען! —

האלטן כעוורע זיך די שטערנס
נ'ציטערן פאר מענדלס וווּנקען:
— ביַיסט, מאמזיירים, צו מיט הערינג,
ס'זאָל זיך גלוסטן נאָכעט טרינקען! —

— כאוועך מענדל, ניט קיינ פּולע,
ס'נעמט שוינ אינ די קעפּ דערלאנגענ! —
מונטערט מענדל: — ס'איז א סגולע,
טרײַבט זיי מענדל: — ניט געדײַגעט!

אונ מיט אויגנ מיט צעזייטע:
— וווּ ז'מײַנ אלטע! ווו, מיט וועמענ? —
אונ ער גיט איר א געשריי דאָרט:
— מענדעלעכע, ברענג די עמער!

ברענג די עמער, ברענג צו באסט זיי,
סע דערמאנט זיכ איצטער — העל —
ווי געטראָגנ מ'האָט דאָרט וואסער,
ווי פּארשפּילט מ'האָט דאָרט א וועלט!..

לאָז איצט מענדלענ מיט זיי טאנצנ,
לאָז אימ אויסטאנצנ זיכ גוט;
— דו אנטקעגנ! נו, צעשפּאנט זיכ,
מענדעלעכע, האָדי, — קומ! —

אונ מע האָט א קרײַז געמאכט דאָרט,
מ'האָט זיכ ברייט אינ קרײַז צערוקט;
סטעפּ געלעגנ ז'א פּארשטארטע
פּוגעמ פּראָסטיק־זיסנ טרונק.

אונ פּאוואָלי מיט די עמער,
אונ פּאוואָלי מיט די פּיס,
זיכ א בויג געטונ פּונ קלעמינג,
זיכ א בויג פּונ רעמאטיז.

אונ מיט אויגנ אויסגעזײַטע
אונ אינ זינג געטאָנ א טײַע:
— „אוי ווערטײַטעס, אוי ווערטײַטעס,
גאָדי מאָלאָדאיא!“

און די עמער — הער און הין,
גלײַך ווי ראָבנ־פּאָרנ:
— „קומט צוריק צו מיר צו פליִען
יונגע מײַנע יאָרנ!..״

ווינטנ אפּנ סטעפּ, ווי קאטנ,
רײַסנ זיך מיט פראָסט פונ הימל:
— „טרעבא בולאָ שאנוואטע,
יאק או וואס בולי מי!..״

דרייט זיך מענדל. עמער — גלײַך,
און עס דרייענ זיך שוינ אלע —
האָט זיך אימ פארדרייט דער דאך —
נ׳פונ די פיס געטאָנ א פאל...

ס׳לעצטע גלעזל נאָר דערטרונקענ,
ס׳איז די נאכט געגאנ צום סאָפּ;
צו קאיאָר איז מענ פארזונקענ
אלע אינ א זיסנ שלאָף,

בערד צעווישנ קאָמסאָמאָלקעס,
אלע גלײַך פונ יונג און אלט;
אויסגעטאנצט האָט סטעפּ א מאָלצײַט,
אויסגעטאנצט האָט סטעפּ א באל.

אויסגעטאנצט און אויסגעמאָנט דאָ,
בלוט ספּירטאָוונע, בלוט צום שטײַגנ,—
אז א יאָנטעוו — זאָל זײַנ יאָנטעוו,
זאָל געדענקענ „ניט־געדײַגעט״!

40

אינ א גרויענ קאַיאָר,
אינ א הארבסטיקנ פרי
זיכ האָבנ צוויי פורנ באגעגנט —
איינע — אינ דאָרפ,
די צווייטע — צוריק,
זיכ צעגאנ אינ פארשיידענע וועגנ...

אפ יעטווידער פור
ז'מענ געזעסנ צו צוויי
אונ געשטאָכנ די ווײַט האָבנ אויגנ;
מיט שניטנ געגורט
אונ מיט נעפל פארווייט,
האָט דער סטעפ איבער וועג זיכ געצויגנ.

פונ איינ זײַט איז — סטעפ,
פונ דער אנדערער — אויכ,
אונ שטיבלעכ, ווי גענדזענע שטײַגנ;
מיט פרימאָרגיקע קעפ
איבער הארבסטיקנ רויכ,
איז ווער — פונ אונ ווער — קיינ „ניט-געדײַגעט".

אונ גערוט האָט די ערד
אונ געכאָלעמט מיט גרינ,
בלויז דער וועג ז'א פאריאָכטער געגאנגענ;

צוויי פלייצעס — אהער,
צוויי פלייצעס — אהינ,
זיכ פאנאנדערגערוקט האָבנ לאנגזאמ.

פונ א מײַל ביז א מײַל
האָט די הארבסטיקע ווײַט
מיט א פײַכטקײַט די פעלדער באַרירט שוינ;
עס האָט מענדל געײַלט
מיטנ טאָג, מיט דער ווײַט,
פאר דער שטוב, פאר — מע ווייסט, פאר... אימירטשעמ...

האָט געטרויערט דער וועג,
האָט געטרויערט מיט הארבסט
אונ די ווײַט האָט געקנייטשט זיכ, געפאלדיקט;
אונ ראָנדעל אוועק
איז מיט סאָרצינ אינ הארבסט,
איז אוועק צו דעמ נאָנטנ וואָקזאל דאָרט.

אנטקעגנ — די ווײַט,
פונהינטנ — דאָס פעלד,
„ניט־געדײַגעט" ווערט קלענער אונ קלענער;
— דאכט זיכ, סע שרײַט
פונ זײַנ פולנ פּאָרטפעל:
— קיינ מאָסקווע מע פאָרט אפ א פלענומ!

פארדרימלט די ערד
איז אינ הארבסטיקער רו,
בלויז די ווינטלעכ נאָכ עפעס זיכ יאָגנ;
אונ ס'האָט זיכ דערהערט
אזא היימישער רופ,
אזא היימישער רופ פונ א וואָגנ.

— ס'איז מענדל? האָ־האָ! —
— כאווער ראָנדעל! — א נײַס! —
— איז ווו כאווער מענדל געוועזנ שוינ? —
— כאווער ראָנדעל, — טאָפּ־פּ־פּ־ראָ!

און... געווען מ'איז אין קרייַז,
און מע פּירט דעם דאָמאַשניעווע מענטשן!

מענדעלעכן... מע פֿאָרט...
... זי צו דעם דאָקטער געפּירט,—
נ'מענדעלעכע אין שאַל עפּעס הילט זיך;
— אַז עס קומט עפּעס פֿאָר,—
גיט די בײַטש ער אַ ריר,—
מיט דער זשענשטשינעס האַרצ... מיט די מילצן...—

בא מענדלען אין פֿור
אַ שטיק קאָשערע זייף,
אַ פֿאָר הענטשקעס און הערינג אַף ווינטער;
עפּעס ווייסט ער ניט ווי
האָט ער יאָרן געזייט...
און דעם קאָפּ אַלע ווײַלע — אַף הינטן.

מע פֿאָרט אָט דאָ באַלד
דעם בייסאַלמען פֿאַרבײַ
און סע גיט זיך אַ צי מענדעלעכע:
— איר וואַרעמע שאַל...
און סע טוט עפּעס באַנק:
— וויפֿל יאָרן, אַזוי פֿול איז לעבער...

דער בייסאַלמען איז נײַ,
נאָך קיין פּאַרקן — ניטאָ,
אָט אַזוי, ווי אַזאַ מין שטיק נאַכלע;
און סע גיט אים אַ שנײַד,
און סע גיט אים אַ טראַג:
— נו, וואָס איז דען דער מענטש מיט זײַן טראַכטן?

און ראַנדעל — שוין ווײַס,
און מע זעט נאָר אַרויס
אַ באַוועגלעכן פּינטעלע אָן דאָרט;
פֿון אַ זײַט אַף אַ זײַט,

און א וויג און א שטויס,
— צו דער וויַט, צו דער וויַט טראָגט זיך ראָנדעל.

דער וועג איז ניט שלעכט,
שוין אביסעלע פּייַכט,
— נאָר ווייניק — טראַכט ראָנדעל, מע פאָרט דאָ;
און איבערגעקלערט,
און איבערגעטראַכט
האָט ראָנדעל אין וועג דאָרט זיַין פּאָרטראַג.

געשמעקט זייַן קאָזשוך
האָט מיט הארבסטיקן פעלד
און מיט וואָרצלען פון פלאַנצונג — די שטיוול;
— אַז, אַז ווייסט עס דער רועכ,
עפּעס איז מען פארוועבט
פון די מענדלס, די אַריעס און קיוועס!..

און זיי ווערן אים קליין,
און זיי ווערן אים שווער,
און דאָס האַרץ ווי מיט העק אים צעהאַקט זיך;
— אַף די מענדלס אַליין,
און אַף טויזנט ווי ער
וועט קיין דאָרף, וועט קיין נייַעס ניט וואַקסן!..

אַלע — עלטערע לייַט,
סיַי פון די, סיַי פון די,
און ער זעט ניט קיין יונגע, קיין אַנדרע...
און ווי בריִענדער בלייַ
בענאָגט האָט אים שטיל:
„וואָס זאָגט מען זיי דאָרט וועגן קאַדרען?"

פריש איז דער ווינט,
און זים איז זייַן שניט,
און ער שמעקט אים שוין, דאַכט זיך, מיט מאָסקווע;
— ער וועט קומען אַהין,
צי ס'וועט גוט זייַן, צי ניט,
נאָר זאָגן איז וועט ער זיי פּראָסט דאָרט:

„ס'איז קיין יוגנט נישטאָ...
זי צעפּאָרט זיך אוועק,
זי צעלויפט זיך, די יוגנט, פונדאנען;
אַז זי רײַסט זיך אין שטאָט
דורך דעם איינציקן וועג
אין פאַבריק, אין אַרבעט זיך פאַרשפּאַנען!"

און ער וועט זיי נאָך דאָרט
מיט ווערטער מיט דרײַ,
און זאָגן ער וועט זיי דאָרט ווײַטער:
„אַז ס'וועט שטאַרבן דער דאָר
פון די עלטערע לײַט,
וועט ניט זײַן ווער עס זאָל זיי פאַרבײַטן..."

„נו, מע כאַפּט זיך אַראָפּ
אויף יאַראָווון פאַרזיי
און צוריק אין די שטעט מע צעפּאָרט זיך..."
ס'האָט געזונקען זײַן קאָפּ,
זיך געריסן צו זיי
נ'ער פאַרגעסט, אַז סע פּאָרט מיט אים סאָרצי...

אָט־אָט איז זי, איר האַנט...
ס'איז אים עפּעס אַ שאָד
און אָט איז די שטילקייט, דער אומעט...
שוין אַ צײַט נאָכאַנאַנד
דורכגעטראַכט זיך ער האָט
און צום איינציקן אויסוועג געקומען.

... אַז אין סטעפּ און אין דאָרף
ניט קיין בלאַט, ניט קיין בוים,
און מע בענקט נאָך געררוישן פון צוגן...
... ווען מע זאָל נאָר אָט דאָ
זיך אוועקשטעלן בויען
וואָלט מען זיכער פאַרהאַלטן די יוגנט!

כמאַרעס, ווי זעק
צעטריפּלטע, — קאָמ
געקראָכנ אינ דר'הויכ זײַנענ טרעפּיק, —
„אונ לאָזנ דערזענ
אנ עלעקטרישנ לאָמפּ
ניט־געדײַגעטע שטיבלעך אונ סטעפּעס...

אונ ווערנ דאָס דאָרפ
א פאַבריק זאָל פונ ברויט
אונ א בוי־טייל פונ לאַנד פונ דעמ גאַנצנ;
אונ זאָל א מאָטאָר
זיכ צערוישנ אַזוי
אונ א גיי טאָג מיט טראַקטאָרנע סטאַנציעס!"

אונ געדאַכט האָט זיכ אימ,
אַז ער האָט שוינ דאָס וואָרט,
אַז ער שטייט אונ ער רעדט צומ פּרעזידיומ:
אונ עס טראָגט זיכ זײַנ שטימ,
אונ זי טרעפט אפנ אָרט,
אונ גערוישנ אפ ערטער פאַרזידנ...

אונ געהאָרכזאַמ מע הערט,
ווי די ציפער ער פאַסט,
אונ „ריכטיק" מע ענטפערט מיט בליקנ;
„... מע זאָל ווענ אַהער,
ווי מע וויל צומ דאָנבאַס,
ווי מע גייט אינ זאַוואָד, אינ פאַבריקנ!"

אונ דער וועג דאָרט זיכ בעט
מיט פאַרנעפּלטע יאָר
נאָכ א וואָרט אימ זיי ברענגענ צו שלעפּנ:
„אונ לאָז די צעבע
זיכ א ריר טאָג פונ אָרט,
אונ דערהערנ דעמ וויי פונ די סטעפּעס!"

אונ סע גיט אימ א טראָג,
אונ ער גיט זיכ א שטעל,
אונ דער קאָפּ ווערט אימ ווארעמ־צערודערט;
„נאָכ אנ ארבעטער־טאָג,
נאָכ א שווערנ אינ פעלד
זאָל זייַנ פריידיקע, ליכטיקע רו דאָרט!"

אונ אָט איז דער וואָקזאל,
אונ אָט איז שוינ די באנ,
נ'אָט צעשנייַדנ דעמ טרויער שוינ רעלסנ;
— מיט אנ אומעט אזא,
וועט דאָס קרעפטיקע לאנד
שוינ ניט לאנג, שוינ ניט לאנג דאָ באקרעלט זייַנ.

ער ט'שוינ לאנג ניט געהערט
אָט דאָס גרילצנ פונ וועג,
— מיט געשריי' ז'ער פונ קיוועס פארמיסטיקט;
אונ צופרידנ איז ער
אונ מיט פרייד ז'ער דערוועקט,
— באלד דער צוג ט'אימ קיינ מאָסקווע א ריס טאָנ!

41

אופגעגאנגענע קאיאָרן,—
יעדער טאָג איז זיס און טײַער ;
מ׳האָט אראָפּגענומענ ס׳קאָרנ,
מ׳האָט עס אָפּגעלייגט אינ שײַער.

מ׳האָט די שטרוי אינ הויכע סטויגנ
אויסגעשטעלט פאר דער כאָדאָבע ;
פרייד דעם הארצ און פרייד די אויגנ :
ס׳וועלנ איצט שוינ אלע האָבנ

אפנ לאנגנ קאלטנ ווינטער —
סײַ א קינד און סײַ א רינד ;
כאפט זיכ שוינ ארײַנ א ווינטל
און דער הארבסט — צעגייט, צערינט...

פונ די וועלדער פאלנ בלעטער,
איז קיינ בוימ נאָכ ניט פאראנ דאָ ;
נאָר דאָס דאָרפ איז אָנגעזעטיקט
און סע שמעקט דאָ ווי מיט מאנדלענ.

נ׳אז סע קומט אינ דאָרפ דער אָסיענ
נ׳יעדער טוט אזא מינ האָרעווע,
ז׳מענדעלעכענ טוט א קאָסע
פונ די פיס אירע די כאָרעווע...

ס'הארץ, דאָס צען מאָל אָפּגעריסנט
הייבט אָן זידן, הייבט אָן לויפן;
קערט זיך איבער און צעגיסט זיך,
ווי א טעפּל אינעם אויוון...

שוויַיגט זי א פּאָר טעג — פאַרנעפּלט:
— ניט קיין גיַיס בא איר — זי טראַכט זיך;
אָט־אָט האלט זי עס, דאָס לעבן,
אפּ דער האנט אונטערן הארצן.

און דערנאָכדעם זאָגט זי: — מענדל,
ס'האָט א כאפּ געטאָן שוין ווידער...
— שטעל אליין שוין צו די פענדלעך, —
און איר קאָל איז שוין פון ווידע...

שטייט זי אָנגעשפּארט באם ווענטל
און די הענט און ס'מויל זיך ווארפן...
— א קאַפּ פּארפּל ווארף דאָרט, מענדל,
כ'האָב פארבראָקט אביסל פּארפּל. —

האלט זי ס'הארץ זיך, מענדעלעכע,
נ'שריַיט: — סע לויפט דאָרט, מענדל, אָט!
— איַי, עס זאָל אזוי ניט שטעכן,
כאפּן זאָל מען כאָטש דעם אָטעם... —

אז עס כאפּט זי, ווען זי גייט אום,
ווייסט זי זיך ניט ווו אהינטון;
— אז ס'איז, זאָגט זי, אזא ווייטיק,
פּונקט ווי בא דעם האָבן קינדער...

זאָגט איר מענדל: — מענדעלעכע,
כ'ל דיך אויסשמירן מיט יאָדע,
וועט דיך אופהערן צו שטעכן, —
זאָגט זי אים: — וואָדען? אוואָדע!.. —

— נו, מיט וואָס־זשע עפּעס אנדערש,—
פרעגט זי מענדל,— שמירט מען אויס דיך?—
אז סע שמעקט דער דאָרף מיט מאנדלען
אז ס'איז טריב אזוי דער דרויסן...

ס'שמעקט מיט מאנדלען און מיט ווערסטן,
און דער הארבסט איז אזוי צײַטיק;
און דער טויט גייט דאָ צום ערשטן
אזוי שטיל אפּ „ניט־געדײַגעט"...

אופגעגעסן שוין די גאל איז,
גרין און אויסגעסאמט די אויגן;
נ'אז זי גיט אמאָל א כאלעש,
מינטערט מענדל אָפּ זי טייקעף.

נאָר איין קוועטש זי פּאר דער האנט דאָרט,
נאָר איין איינציקן — אזא מין;
און אמאָל — א נאסן האנטעך,
און ער ווייסט דאָס אָרט דאָס סאמע...

סאמע דאָרט, וווּ ס'קלאפּט דער אָדער,
מאכט ער איר אזא מין באנטל,
אָדער מיט אביסל יאָדע,
אָדער מיט א נאסן האנטעך...

נ'לעבעדיק ווערט מענדעלעכע,
ווי פון יענער וועלט זי שטייט אוף;
און עס הערט זי אוף צו שטעכן,
און עס הערט איר אוף צו ווײ טאָן.

„נ'סקאָצל־קומט"— גיט ער א גרײַגער,
אָט אזוי, הייב אוף זיך העכער!
און — א גאסט אין „ניט־געדײַגעט",
און — ס'איז דאָ א מענדעלעכע!

אָט אזוי — זאָגט ער — פון יאָרן,
כ'דארף עס נאָר באצייַט דערהערן;
— אופגעגאנגענע קאַיאָרן,
ס'איז דער שלאָף דאָ אזא שווערער...

איצט איז — אָסיען. מ'איז פארטעכערט.
און מע שלאָפט, ווי אויסגעשאָכטן;
זי אליין נאָר, מענדעלעכע,
קרעכצט און רייַסט זיך פונעם אָרט דאָרט...

עפעס וויל זי... זאָל זייַן יאָדע...
... פאר דער האנט מ'זאָל זי א דריי טון...
ס'קלאפט דאָס הארץ אירס, ווי א לאָדן
אין א ווינט אין א צעווייטן.

ס'איז באנאכט איר אָנגעקומען,
אָנגעקלאפט איר גלייַך אין הארצן...
... טריט אזעלכע, — ווייַטע, שטומע,
און איר דאכט זיך — וואָס איר דאכט זיך!

קיינער הערט ניט — אלע כראָפען,
און מע קראצט זיך, ווי מיט זעגן;
ניט קיין קרעכץ און ניט קיין קלאָפן
שמידט ניט אָפ פון די געלעגערס.

און דער צונג איז איר — פארלאָפן,
ס'האָט דאָס הארץ זיך אָפגעריסן...
אויגן — צאפלען זיך נאָך — אָפן
און פארמאכן זיך צוביסלעך...

קיינער גייט ניט... ערגעץ לייַכט זיך...
שטיל ז'די נאכט אין סטעפ אין טריבן...
ג'אז סע רייַסט זיך דאָרט א הארץ אָפ,
ז'ווי א טעפל קערט זיך איבער...

ווי א טעפּל קערט זיך איבער
אין אַן אויסגעהייצטן אויוון...
— מענדעלעכע... מאמע ליבע...
פּארפל ליב האָבן... זיי לויפן...

— — — — — — —

און קאַיאָר, קאַיאָר — צום טאָגלעך,
בהיימעס מעקען, בהיימעס רופן;
האָט זיך מענדל אופגעטראָגן:
— מענדעלעכע, שטיי שוין אופעט!

ריפּטל זון, ווי ראַנד פון בעכער,
— ס'איז שוין שפּעטלעך אַפּ אַן עמעס;
... ט'זיך פּארשלאָפן מענדעלעכע,
שעם זיך, מענדעלעכע, שעם זיך!..

— מענדעלעכע! נו, ביז וואַנען?—
גיט אַ רופ שוין מענדל ברייטער:
... עפּעס מאָדנע איז די האַנט איר,
נ'מאָדנע הענגט אראָפּ די צווייטע...

און דער קאָפּ איז אין אַ זײַט איר...
— ניט אַזוי שלאָפט מענדעלעכע...
נאָך אַ טריט אין שרעק — און ווײַטער —
אַז ער הערט ניט זי זאָל דעכען...

— וויי,—האָט ער געטאָן אַ כאָרכל,
— מענדעלעכע, מאַמע! גיכער! —
ס'האָט דער טויט געטאָן אַ פּאָכע,
ס'האָט אַ ריטש געטאָן אַ וויכער —

און אַ קוועטש זי פּארן אָדער,
און ער מינטערט זי און וועקט זי:

גאָר פונ אויגנ טריפט אים יאָדע
אונ ער פּינעט:— א פּאָפּלעקציע!..

זייַנענ אָנגעלאָפנ שכיינים:
— מ'האָט געהערט באנאכט דאָ קרעכצנ...
ב'מענדל וויינט אונ כליפּעט:— קיינער,
קיינער האָט דאָ ניט געהערט זיי...

ערגעצ האָט געווארט א ציבער
אונ דער טאָג איז ניט געבליבנ;
האָט א וויינ געטאָנ דאָס שטיבל,
האָט דאָס שטיבל זיכ צעכליפּעט...

ס'שטייט די בהיימע, ווי פארויכערט,
מיטנ מויל זי ווישט די שויבנ:
— מענדעלעכע, זייַ מיר מויכל,
אָנגעצייכנט ס'איז פונ אויבנ...

— — — — — — —

אופגעגאנגענע קאיאָרנ,
יעדער טאָג איז טריב אונ טייַער;
מ'האָט אראָפּגעשניטנ ס'קאָרנ,
מ'האָט עס אָפּגעלייגט אינ שייַער...

נאָר אז ס'קומט אינ דאָרפ דער אָסיענ,
אונ מע גיט אזא מינ האָרווע,
גיט עס אזא שטילנ קאָסע
פונ די פּיס, ווי שטענגלעכ באָרוועס...

ס'שמעקט מיט מאנדלענ אונ מיט אומעט,
אונ דער הארבסט איז אזוי צייַטיק;
אונ דער טויט איז אָנגעקומענ
מיטנ טאָג קיינ „ניט־געדייַגעט״...

ניט געוווּסט האָט ער דעם וועג נאָך,
און געבלאָנקעט איבער ראַנדן;
האָט ער עמעצן באַגעגנט,
האָט מען עמעצן דערמאָנט דאָ...

ווײַסע שטיבעלעך, ווי יאָרן,
פענצטערלעך אין טריבער שײַן:
— מ'האָט שוין אָפּגעשניטן ס'קאָרן
און עס אָפּגעלייגט אין שײַער...

די מאָרגנשײַן — פאַלט,
די אָוונטליכט — קומט...

. . . .

ווען די שיווע ט'זיך מענדלען געענדיקט,
ז'ער אַרײַנגאַנ אינ שטאַל,
א קוק צו דער קו,
זיבנ טעג, זיבנ נעכט ניט געווענ דאָרט.

שטיל איז אינ שטאַל
דער שאָרכ פונ דער שטרוי,
סע שלאָפנ די שיטערע שינדלען,
פארשעמט האָט א שאַל
געשאָטנט אינ שטויב,
שא, שויג, פארשווונדנ...

אינדרויסנ — איז סטעפּ,
אינדרויסנ — איז קאַלט.
אונ קײנער ז'דעם ווינט הײַנט ניט גערנ;
פארשווונדענע טעג.
פונעם שלאָפּ דאָרט אינ שטאַל
האָט די קו אינדערשטיל מאַלעגײרעט.

א בעטל אנ אלטס
ט'זיך געוואלגערט בא זײַט

אפ ארופ מיט די בלאָטיקע פיסלעך;
און עפּעס אין האלדז
ט'זיך געגעבן א זײַ,
ווי געזאלצענער בראָנפן אביסל.

און די קו האָט דעם קאָפּ
צו מענדלען א דריי
און א ציִ און א פרעג און א מאָג אים:
— ס'איז ווי מיט דער גאָב,
און אָנ איר — איז ווי,—
האָט זיך מענדל פארטראכט אין דערמאָנונג...

... א בעטל אהער
פון טאלנע געבראכט,
געפירט עס אהער אפ דער עלטער;
— איך גיב זיך א קלער,
איך גיב זיך א טראכט:
— איז וואָס האָב איך אוספייעט אפ דער וועלט דאָ?

פון ביטערער מי,
פון טאלנע אוועק,
פון די אלטע, די כאָרעווע היימען,—
ס'האָט די קו אים א שמעק
געטאָן אזוי מילד
און נענטער איז געוואָרן אים די בהיימע.

ער נענטערט זיך צו,
דער האלדז... די פיס...
א בהיימע... א כײַע... אזעלכע...
און ס'גיט אים א צוק,
און ס'גיט אים א ריס:
— ביסט אונדז אָפּגעשטאָרבן, ביסטו, מענדעלעכע!
דער ציבער — ער קוקט,
די מולטער, און אלץ.

ס'איז אלץ — אי אזוי, ניט אזוי;
און ער גיט נאָך דער קו
א גלעט פארן האלדז:
— דו ביסט אויך א ניט־געדייִגעטע יעסוימע!

און צודעקן צארט
האָט זיך מענדלען פארוואָלט,
ניט איימעדיק איר זאָל דאָ פון דער קעלט זײַן;
ווי ער פלעג אמאָל באנאכט
אפ איר... אָלעוואשאָלעם,
ארופווארפן זײַן אויסגעלאטעט פעלצל.

ער דרייט זיך הער און הין
און עפעס זיך דערמאנט,
די שטאל איז אזוי טרייסטנדיק און מילד אים,
און — מין־מין־מין־מין־מין,
און — מאניעלע און מא...
און מענדעלע... פארכאפט ער שטיל זיך מיט פאריבל...

א ציבער — אינדערפרי,
א ציבער — אפ באטאָג,
און פויען, און אזוי א קאפ איינגעם —
ז'וועג ער גיט זי דאָרט א פיר,
איז הערט ער, ווי מע זאָגט:
— ער פירט זי, נעבעך, מענדל, די יעסוימע!

די שטוב האָט זיך פארמאכט,
פארשעמט אזוי און קליין.
יאָרן א פאָר היימישע, פארפעלטע —
איז גיט ער זיך א טראכט:
— און וואָס בין איך אליין,
און וואָס האָב איך אוספייעט אפ דער וועלט דאָ?

אז ער קומט אהיים,
איז האָט ער ניט קיין וואָרט

צו וועמען דאָרט אַרויסרעדן און זאָגן;
דרייט ער זיך אליין
ביזוואַנען און ביז וואָס,
ביז ס׳גיט שוין דאָרט אין שטאַל אַריַין א טראָג אים.

איז בראָקט ער גלאַט אָן שטרוי,
דעם ציבער סטאַם ער מעסט
און לייגט איר אָן און סאַדערט איר אַלץ העכער;
און זאָגט איר:— מאַניע, עס!
און זאָגט איר:— מאַניע אויס!
ניטאָ שוין מער, ניטאָ שוין מענדעלעכע...

ניטאָ שוין, מאַניע, ניט,
ניטאָ שוין — מ׳איז אליין,—
און זעצט זיך אַפּ איר בענקעלע זי מעלקן;
און אַז די מילעך גיט
אין שעפּעלע א וויין,
לאָזט ער שוין א טרער דאָרט פאַלן, מענדל.

נ׳אַז ער מעלקט זי אויס,
זאָגט ער צו זיך שטיל:
— ס׳וועט אוועק א יאָר און ס׳וועט אוועקגיין צוויי דאָרט,
איז אַזוי די גרויס,
פון אָט די טראָפּן מילך
ט׳ער איר שטעלן נ׳„ניט־געדיַיגעט״ א מאַצייווע.

... באַנאַכט, אינמיטן שלאָף,
כאַלעמט זיך דאָרט אים,
אַז די שטאַל איז צוגעמאַכט און ליידיק...
גיט ער שוין א לאָף,
און — מינ־מינ־מינ־מינ־מינ!
און נאָכדעם זי אין טשערעדע באַגלייט ער...

43

צוגעלאָזט איז הײַנט דער פּרישער ווינט,
ער גלעט אַזוי פּאַרטרויט,
ער צערטלט אַזוי האַרציק
אונ טרייסטנדיק איז ער ווי ברויט,
אונ עפּעס רעדט ער אײַנ,
אונ עפּעס ער דערוואַרט זיכ...
— עס רופּט א שטאַל זיכ איבער מיט א שטאַל,
אונ — וואָס — איז שוינ באַשטימט,
אונ — ווי — איז שוינ באַשטאַט,
אונ — אַלצ — וועט זײַנ אײנײנעמ...

איז אופגערודערט הײַנט דאָס דאָרפּ.
בא יעדנ איז די שטימ
פאַרענדערט אונ אומהיימלעכ.
איעדער איז הײַנט, דאַכט זיכ, אפּ א נײַעמ אָרט,
אונ ס'איז אינ קעפּ באַוואָקסענע נאָכ ניט אײנגאַנצנ קלאָר,
צי גוט וועט זײַנ פונ דעמ „אײנײנעמ“
מיטאַמאָל,
צי גוט וועט זײַנ פונ דעמ־אָ, וואָס מע פירט
די פערד מיט די בעהיימעס
אָט אַהינ,
ווו יעדער האָט א קאָל,
ווו יעדער איז אווירט...
נ אָר צוגעלאָזט איר ער, דער פרישער ווינט,

ער גלאַנצט אַפּ אָפּגעבליאַקטע בערד,
ער ליסקעט פרייליכע אוּפ די לאַטעס פוּנעם אָנטוּג,
ווי נאכעס אָנגעלעבטער אַפּ דער ערד,
ווי צירונג אָפּגעשפּאָרטער אַפּ די פאָנדן...

נאָר קיווע גייט אַרוּם אין „ניט־געדיייגעט"
באָרוועס,
אין אַלטע שמאַטעס אויסגעפּוצט זיך,
ער שוּשקעט זיך אוּן טײַנעט
איינציקווײַז אוּן פּאָרווײַז,
אוּן אַפּ די בהיימעס טײַט ער יעדן איינעם אָן דאָרט:
— זעסט?
אָט האָסטו זי, די שיינע רעוואָליוציע,
ברענגען זאָל זי דיר איניינעם מיט דײַן ראַנדלען! —
אוּן ס׳סמאָרען נעז,
אוּן ס׳טרייבערן זיך ברעמען:
— פאַר וועמען —
גוּט,
פאַר וועמען —
א פּאַרדראָס! —
אוּן קיווע גיט נאָך אַזא „נו":
— נו, האָב איך עס באַדאַרפט?
אַז טאָמער וואָס, אַז טאָמער טשטאָ ניבוד,
איז האָב איך זיי געפירט צוּם וועטענאַר,
געראַטעוועט זיי ווי די בעניעכידים,
אַז קעץ געפייגערטע זאָל פון זיי ראַנדעל מאַכן,
אוּן דעמאָלט וועט אים גוּט זײַן,
אוּן דעמאָלט וועט ער זײַן צופרידן,
ראַנדעל מיט דער שיינער רעוואָליוציע! —

נ׳אַפּ אַקסלען גיבן קעפּ א גראָב זיך טיפער:
— איז וואָס־זשע טוּט מען, האַ? רעב קיווע? —
אוּן קיווע גיט זיי אַזא בייזן ברי דאָרט:
— הנידעס זײַט איר, הנידעס, ניט קיין ייִדן!

איר ווייסט ניט, וואָס מע טוט?
איז הערט מיך אויס!
זיי, לאָזן זיי דאָרט די כאָדאָבע טרײַבן,
און איר — די ווײַבער טרײַבט ארויס,
און נאָר — די ווײַבער!
און לאָזן ווײַבער מאכן דעם באפאל!
און לאָזן ווײַבער אָפּשפּילן די בעזהאָלאָוויע!
און לאָזן ווײַבער שרײַען גוואלד!
און לאָזן ווײַבער דאָרט צענעמען דעם קאָראָווניק!
און טאקע — באלד!
און טאקע — טייקעף!
און לאָז מען אפ די ווײַבער אײַנגעבן צום סאנע־טויקעף! —

דערנאָך פארקערוועט קיווע צריק אהיים
און טײַנעט זיך אביסל אויס מיט זיך אליין:
—... א טעל פון
אלץ געמאכט... און הויל און האָלע...
און מיט אזעלכע זין אין פילאדעלפיע,
און מיט אזעלכע טעכטער אין אמעריקע,
און מיט אזעלכע איידעמער אין ארגענטינע
דארף קיווע זײַן בא זיי אין דער נעוואָליע,
דארף קיווע אויסשטיין זיך בא זיי די טויכעכע,
דארף קיווע זיך דאָס מאזל זײַנס בא זיי פארדינען,
דארף קיווע אויסרײַסן די האָר פון זיך,
זיך איבערטון אין שמאטעס
און גיין צו זיי אזוי — א באָרוועסער,
פארשטעלט, און ציילן זיך די כּרים,
ווײַל קיווע איז אן איידלער ייִד,
ווײַל קיווע האָט געהאט אן איידלען טאטן! —

ער שלעפּט אפגיך ארויס פון קעשענע א בריוול
און גיט עס צו די ווײַטע האסטיק א דערלאנג,
אז לייגען זאָלן ווײַטע עס פאר אים אין דר׳הויך:
— וואָס דארף מען נאָך?

אז אין אמעריקע א ייִד אזא ווי קיווע,
וואָס קאָן א כאלעפ האלטן אין דער האנט
און ווייסט, וואָס הייסט א שויפער אויך,
איז, דאכט זיך, נאָר — א בראָך צו זיי, א בראָך,
איז, דאכט זיך, נאָר
פון שיווע זיצן וואָלט ער זיך אדורכגעלעבט בעקאָוועד,
פון זאָגן „אָמיין" וואָלט ער מער גאָרניט באדארפט,—
— אז שיווע זאָל זיך ראָנדעל שוין אוועקזעצן נאָכן קאָראָווניק,
— אז שיווע זאָל ער זיך אוועקזעצן נאָכן אמבאר!—

... כאָרעוו געמאכט קיווען... כאָרעוו...
קיוועס שטוב און קיוועס טיש און קיוועס יאָרן,
און ווייניק איז זיי אלץ... און קארג...
ארופגעוואלגערט האָבן זיי זיך, ווי א בארג,
און אים דערשטיקט און אויך צעבראָכן
און צעלאָמעט
קיוועס שטוב און קיוועס טיש און קיוועס נאָמען...

און קיווע לויפט אריַין געשווינד אהיים
און דרייט זיך אום און קוקט,
און פאָכעט אוף זיך, ווי א ווינט,
און שמאטעס פונעם לײַב צעזייט:
— ניטאָ קיין בהיימעס!
— ניטאָ קיין קו!
— קוילען וועל איך זיי!
— צעווארפן פאר די הינט!
— צעשעכטן כ'וועל זיי! אלע! אלע!
— ווו ז'דער כאלעפ?
— פראדל,
— גיב אהער דעם כאלעפ!—

און אָפּגעראשט האָט „ניט־געדײַגעט“ אזוי—
פון עק ביז צו עק און פון זוים ביז צו זוים.

פון הויף ביז צו הויף מיט „באזונדער“, „אינײנעם“,
און אײנער:—„ס'איז בעסער“, און אײנער:— „ס'איז ניין נאָך!“

און ז'האָט זיך געאמפּערט און מ'האָט זיך געשפּארט:
און אײנער:— „מע דארף ניט!“ און אײנער:—„מע דארף!“

און פון „ניט-געדײַגעט“ צום אנדערן דאָרף,
צום דויטן, צום זעקסטן, צום צענטן און— נאָך!

און היל: און געאמפּער זיך קויקלט און רײַסט:
— אָט איז שוין דער „קוסט“ און אָט איז שוין דער קרײַז!

און דאָ—נאָך א ריר— און דערלאנג מיט דער האנט,
און ס'רויזט שוין אינײנעם דאָס גאנצינקע לאנד:

„אינײנעם“, „באזונדער“, „אינײנעם“,— מע הערט,
ווי ס'קנעט און ווי ס'קנוילט זיך צוזאמען די ערד.

איז ראָנדעלאין קרײַז און אין פעלד ווי ג'א שלאכט,
און הײזעריק איז ער פון רעדן א נאכט.

און ווייסט ער דער רוב, אז די שליפן אים גליִען,
איז שטעלט ער זיך אָפּ און א שלונג אספּעריִן,

און ווײַטער דיווירטשאפט פון דאָרף ער צעציט דאָרט
מיט העלע, מיט רויטע, מיט בלענדיקע ציפער.

און ס׳קרייצן זיך אויסרופן איבער מיט אים:
— „מע דארף! און מע דארף ניט!״— א שטים נאָך א שטים!

דאָס פעלד איז אין פיבער און הייס איז אין זאל,
און פויערן שרײַען און אוילעם זיך זאמלט,

און ענדיקן ווערט זיך עס שפעט אינדערפרי,
געבוירן ווערט ווערן צום טאָג א קאָלווירט!

און שפעט אפן טאָג, פון געראנגל צעבראָזט,
דאָרט פײַערלעך איז מען מיט פאָנען ארויס,

מיט שווערינקע טריט און מיט טראקטערלעך און
— פארייניקן פעלד אפ סאָוועטישן גרונט!

דער טאָג איז געווען אזוי פרילינגדיק־העל,
איז האָט מען פאראקערט די מעזשעס אין פעלד.

גלאנציקע לעמעכס מיט שארפקײַט צעבלאנקט,
און ס׳טראָגט איבער פעלד זיך דאָס טראקטער־געזאנג —

מיט פאָנען מיט רויטע פון ראנד ביז צו ראנד,
אזוי ווי א שווועע א רויטע דעם לאנד.

און ס׳האָט „ניט־געדײַגעט״ פאראקערט געטרײַ
די פינצטערע מעזשעס מיט אלע באגלײַכ.

דערנאָך האָט מען פערד מיט די אקערס געפירט:
— עס ווערט, ניט געדײַגעט, עס ווערט א קאָלוויה!

און שטימען אפ שטימען פארלויפן דעם וועג,
און אײַזנדיק שרײַט ער דאָרט, ראָנדעל:— אנ עק

קאָלווירטניקעס פויערס! דעם בוקער — אהער! —
עס זידט און עס ראַשט נים־געדייַגעטע ערד.

און אויסגעבויט איז שוין א שטאל פאר די פי,
איז האָט מען די בהיימעס געציילט און געפירט.

איז האָט מען געציילט און מע האָט זיך געפּאַקט
מיט פערד און מיט וואָגנס, מיט האַק און מיט פּאַק.

פויערים אָרעמע — אלע באַגלייַך —
האָבן דאָס פי צו דער הויפּט־שטאל געבראַכט.

און ווער מיט געוויין, און ווער מיט א פרייד,
און ווער ס'האָט געפירט דאָרט נאָך פריר פאר דער ריי.

און ווער מיט א פרייד, און ווער מיט געוויין,
אז מ'איז איינדערהיים מיט דער בהיימע געוויינט...

נ'בא אריע דעם צעלניק ז'א מייַמער שוין גרייט:
— נאָר קיין צייַט איז ניטאָ פאר קיין איידעלע רייד.

איז יעטווידער בהיימע באטראכט ער דאָרט פעסט:
— ס'איז מיר אין הארצן א גרויסער באַליעז!

וויבאלד שוין מיט אלע איינגעם אין קאָן,
איז וואָלט איך איין בהיימע פארקויפן געקאָנט!

ארייַנגיין מיט איינער! איינע — און אָט!
און ס'איז גאָר, גאפּראָטיוו, נאָך מערער פּאָטשאָט!—

קוקט ער אף בהיימעס, קוקט ער און מעסט:
— ס'איז מיר אין הארצן א גרויסער באַליעז!—

און סראָליק דער שניידער:—ס'איז בעסער אזוי,
מע וועט זיי דאָרט בעטן געלעגערס מיט שטרוי!

און טאָמער — א דאָקטער! און טאָמער — א וואָס,
אז יעדערער איז דאָרט אפ גלײַך באלעבאָס! —

און ער גיט זיך א קראַץ: — און וואָס איז דאָ צו ברײַען,
אז נאָט עס אײַך אָט מיטן שטיקעלע קרײַד! —

מע זעט נאָר ניט ראָנדלען. נאָר ראָנדעל איז דאָ,
ער זאמלט דאָרט ערגעץ צו א דאָרף!

און מענדל איז טרויעריק... מענדל, וואָס איז?
צי ס'האָט זיך צעשפּילט בא אים זײַן רעמאטיז?

שווײַגט אזוי מענדל. ער דרייט זיך ארום.
ניטאָ איז קיין הארץ, און ניטאָ איז קיין רו...

צי ס'האָט מענדעלעכע אצינד אים פארפעלט
אפ האלטן אן אײַצע מיט איר אין דער וועלט...

צי דאָס, וואָס די בהיימע... צי גלאַט, ס'איז אזוי, —
ער האָט ליב די בהיימע, איר אָנבראָקן שטרוי,

און זען, ווי זי קומט צו זײַן שטיבל פארנאכט
אזא מינ־אָ וואַרעמע... האָט ער געטראכט...

און האָט זיך געקווענקלט, און האָט זיך געדרייט:
— ווער מיט געוויין, און ווער מיט א פרייד...

ער האָט דאָך מער קיינעם ניט, קיינעם אינדרהיים,
ער און די בהיימע... ביידע — אליין...

איז האָט ער געטראכט א טאָג מיט א נאכט,
— נו, וויפל־זשע טראכט מען? און האָט זיך דערטראכט:

— נו, וואָס־זשע, נו, מיילע, נו, טוט עס אים וויי,
איז גייט עס אדורך... איז ווערט מען געוווינט...

.. פונ מענדעלעכענ ז׳געבליבנ א שאל,
איז גייט מענ פאוואָלי אַרײַנ אינ דער שטאל...

אונ ... ווער האָט געגעבנ?.. איז גייט מענ אהינ,
אינ הויפטשטאל. איז וואָס־זשע? איז:— מינ־מינ־מינ־מינ!

... איז וויפל־זשע בהיימעס פארמאָגט מענ אינגאנצנ?
אונ איבערגעציילט האָט מענ:— הונדערט מיט צוואנציק!

הונדערט מיט צוואנציק בהיימעלעכ... ווארט —
אביסל נאָכ מאָגער... אביסל נאָכ דאר,

עס וויינענ נאָכ ריפנ... די הערנער נאָכ גרויס,
איז גיט מענ א שטעל אונ מע פאשעט זיי אויס!

אונ ס׳ווערט פונ זיי העלפאנדנ — איינס אונ איינס,
אונ יעדערע האלט שוינ באַמ אײַטער א קליינס!

איז וויפל־זשע בהיימעס פארמאָגט מענ אינגאנצנ?
אונ איבערגעציילט האָט מענ:— הונדערט מיט צוואנציק!

איז וועט מענ פארשרײַבנ, פארצייכנענ די צאָל,
נאָר פלוצים צעקלינגט זיכ דאָרט מענדלס קאָל:

— כאוויירימלעכ אייגענע! וויפל? האָרכט!
פארשרײַבט אזוי גרויס דאָרטנ... ווארט... נאָכ! —

האָבנ אינ דאָרפ זיכ געצויגנ די צוגנ —
הונדערט אונ צוואנציק אונ איינע א צוגאָב.

אונ ס׳נעמט דאָרטנ מענדל דעם אוילעם פארטײַטשנ:
— מײַנע איז — אָט... אונ זי איז אפ דער צײַט שוינ!

בא מײַנער אינ בוכ איז דאָס קראנטנע מיליאסנ,
פונקט ווי סע ליגט ב׳סבערעגאטעלנע קאסע! —

און ס'טומלט זיך מענדל און ווײַזט, אַז מע ווייסט,
— מע מעג שוין פֿאַרשרײַבן אַדראַזע נאָך איינס !—

קוקט אַף די בהיימעלעך מענדל און קוועלט,
— אַ שיינער מאַיאָנטעק ! קיינהאָרע אַ וועלט !

און פֿאַשע פֿאַראַן איז. און פֿאַשע איז גרינג,
און גיט זיך אַ זינג אַזוי :— מינ־מינ־מינ־מינ !

נאָר ס'רײַסט זיך אַ זיפֿץ אינדערמיט אים אַרײַן :
— מע וואָלט נאָך באַדאַרפֿט אַ פּאָר פּעסטע בוהײַען !—

„בוהײַען"— דערהערט זיך, איז ווייניק פֿאַראַן,
זכאָרימלעך צוויי אַף, קיינהאָרע, אַ שטאַל...

ווען נאָכעט אַ פֿאָרל, אַ פֿאָרעלע — אָט,
אַז זיי זאָלן מאַכן... זיך קעלבן דעם סקאָט,

ווײַל זכאָרימלעך צוויי אַף, קיינהאָרע, אַ שטאַל...
און זאָל מען דאָס מאַכן מיט כאָכמע און שטאַלט,—

און ס'גיט זיך דיר גלײַך „ביט־געדײַגעט" אַ קעלב,
איז מילעך און קעז און אַ מאַקע דעם געלט !

נאָר קיווע האָט שטיל זיך געדרייט און געוואַרט
און האָט זײַנע קיִען געקוילעט באַנאַכט.

געקוילעט, באַגראָבן, געקוילעט—פֿאַרקויפֿט,
און ריין איז פֿון ווינקל ביז ווינקל זײַן הויז.

נאָר שרײַען געשרייען געשריגן ער האָט :
— מע נעמט בײַ אים צו דאָך דאָס ברויט און דעם סקאָט !—

און ס'האָבן אין דאָרף זיך געצויגן די צונגן :
הונדערט מיט צוואַנציק און איינע אַ צונגאָב.

נ'אז ס'כאפט זיכ דאָרט מענדל אינ הויפּטשטאָל ארײַנ,
הערט ער די בהיימעס נאָר כראָמקענ אונ קײַענ.

אונ זענ זעט ער ווײדלענ פונ זײַטנ פונ צוויי —
זעכציק אפ זעכציק! נ'אינ קאָפּ האלט ער אײנעם,

— פונ קעלבעלע קלײנעם, וואָס קומט פונ זײַנ קו,
שטײט ער אונ פרײט זיכ, שטײט ער אונ קוקט,

אונ כידעשט זיכ דאָרטנ אונ טראכט זיכ אלײנ,
אונ קאָנ ניט באטראכטנ אונ קאָנ ניט פארשטײנ:

— מע באָדט זיי, מע וואשט זיי, מע מאכט זיי געוועש,
בא זיי איז א בהיימע פונקט ווי א מענטש!

נ'אז ס'גיט זיכ א בהיימע א קערווע צו אים,
איז האלט ער ניט אויס שוינ אונ:— מינ־מינ־מינ־מינ!

45

האָט מען געגריַיגערט
און מ׳האָט זיך געשפּאַרט
אין דאָרף „ניט־געדיַיגעט״
א גאַנצינקע נאַכט.

— א דאָרף איז שוין דאָ,
נאָר אין דאָרף איז שוין ענג;
איז האָט זיך געטאָן
אַף טיש און אַף בענק!

מע הערט ניט די סאַמע,
מע הערט ניט דעם קלונג,—
אַזאַ מין פאַרזאַמלונג
פון אַלט און פון יונג.

— ווער ס׳דרייט און ווער ס׳מאַכט
אַף „ניין״ און אַף „יאָ״;
— צעביַיט פאַר א נאַכט
א פינפערל יאָר!

א פינפערל יאָר,
און א פינפער אַזאַ!
איז ביז קאַיאָר
שוין געגאַן די פאַרזאַמלונג.

בערד זײַנענ שטויביק,
די שטויבנ — איז גראָמ;
סאָרצי — פונ אויבנ
לעמ אגראָנאָמ.

אונ ראָנדעל — צומ אוילעמ,
אונ ראָנדעל — פונ טיש;
עס קושנ אינ מויל אימ
די ציפּערנ — פריש!

— אָט דאָ קוק, אָט דאָ זע,
— אָט דאָרט אונ ארומ:
סאָווכאָזנ, קאָלכאָזנ,
סע בליצט אונ סע ברומט.

דער פאָנעמ בא ראָנדלענ,
אזוי ווי א פלאנ:
ער זעט האָריזאָנטנ,
ער זעט עס, דאָס לאנד...

עס בליצנ די אויגנ
פונ טישעלע אָנ:
עס האָט זיכ געצויגנ,
עס האָט זיכ געטאָנ.

שטייט מענדל אינ קוקט דאָרט
אונ זעט דאָרטנ קאָמ
ראָנדלענ דעמ סטרוקטער
פונ דעמ פונ ריַיקאָמ.

ה״נט ווי די זאסטעפס,
געזיכטנ ווי לאנד;
מע ק״ינגט אינ מע טראסקעט,
מע לייענט דעמ פלאנ.

[illegible]יט גערײַגעט, 17.

דעם פלאַנ אָט דעם גרויסנ,
אונ ס׳מאָלט זיך געשווינד —
— ווי עס וועט אויסזעג
פאר יערעלעך פינפ.

אונ ס׳דרייענ זיך מענדלענ
ווי מילנ אינ קאָפּ —
אונ ס׳נעמט ניט קיינ ענדע,
אונ ס׳נעמט ניט קיינ סאָפּ.

— אָט דאָ קוק, אָט דאָ זע,
— אָט דאָרט אונ ארומ:
סאָווכאָזנ, קאָלכאָזנ,
סע בליצט אונ סע ברומט!

ער זעט „ניט-געדייגעט״
פונ דאָ אונ פונ דאָרט,
ווי ס׳רוקט אונ ווי ס׳שטייגט דאָרט
א דאָרפ צו א דאָרפ.

ער זעט, ווי סע שליסט זיך
א הויפ מיט א הויפ —
אונ ווירטשאפט מיט ווירטשאפט
זיך קייטלענ צונויפ.

אָט זעט ער זיינ שקאפע
נ׳א גאנצנ טאבונ,
אפ סטעפעס, ווי שטאפלענ,
איז פעסט אונ געזונט.

ער זעט מער קיינ האָנ ניט,
נאָר סטייעס אינ פעלד;
אונ אלצ — אָט דער ראָנדעל,
טראכט מענדל: — ס׳א העלד!

נ׳ער הערט זיך געטרײַער
אין ראָנדלענ ארײַנ;
אָט זעט ער א שײַער
די גרויס אפּ א מײַל!

אונ ברויטנ אונ רעגנס
אונ טראקטערס א וועלט,
ער וואָלט עפּעס פרעגנ,
נאָר אָטעם פארפעלט.

ס׳איז איינעם שוינ ווייניק,
איז יעדער זיך רײַסט;
אונ ס׳ווערט שוינ פארייניקט
א קרײַז מיט א קרײַז!

אונ אלע — אימ דאכט זיך —
זיי לויפנ אהער,
פארשוויצט אונ פארשווארצט,
ווי פונ אונטער דער ערד.

מיט טראקטערס מיט נײַע
— קארוצ — אפנ פעלד;
אונ ס׳איז „ניט־געדײַגעט״
די גאנצינקע וועלט!

אונ גיט ער א טראכט זיך:
ס׳א וולאסט! ס׳א מעלוך!
ס׳איז גוט אפנ הארצנ,
איז כאפּט עס דער רועך!

איז א רועך אינ דער וועלט
מיט די זיבעציק יאָר;
אונ מע גיט זיך א שטעל,
אונ מע נעמט זיך דאָס וואָרט:

— איז, פּויערים, הערט!
א שטיבל איז דאָ!
און ערד איז דאָך — ערד!
און דער טאָג איז א טאָג!

איז נאָך אמאָל זיבעציק,
פּויערים, הערט! —
און שווייעס שוין טריפט זיך
פון מענדלען ביז דר׳ערד.

עס באָמבלען זיך ווערטער,
ווי עמער אפ אים —
איז שנײַט ער זיי, שעכט ער
מיט אײַזערנער שטים:

— אז טראקטערס — קאָלאָנדעס,
און לעקטרע — אוי־אוי!
און ס׳זאָגט כאוור ראָנדעל —
דער... דניעפּראָבוי!

קאָלכאָזן — אפ ד׳הענט,
און די לעקטרע — אוי־אוי!
איז ווען איך וואָלט געווען
דער בוירע אוי...

און ער גיט זיך א שעלט
און פארגייט זיך — זאָל זײַן,
איז א רועך אין דער וועלט
אין די ביינער ארײַן!

אז ס׳א לעכטיקע וועלט,
איז נעמט מען, איז אָט,
און מע גיט זיך א שטעל
א לעקטריטשעסקע באָד!

אז טראקטערס — פאראנ,
אונ די לעקטרע — אוי־אוי;
איז ארײַנקראצט אינ פלאנ
א מערכעצ־סטרוי!

אונ ער גיט זיכ א קראצ
אפ ארונטער דער העמד:
— ניט־געדײַגעט" האָט פלאצ
— גיי אונ נעמ!

עס שפּיצנ זיכ אויערס
בא קליינ אונ גרויס:
— אונ וואשט זיכ אײַכ, פויערס,
אונ פרידעט זיכ אויס!

אז לעקטרע — א דאנק,
אונ אינ שטוב — איז א שײַנ,
איז כאפּ „ניט־געדײַגעט"
א פלייצע ארײַנ! —

האָט זיכ דער אוילעמ
א אויסמיש געטונ;
מע קוקט נאָכ אינ מויל אימ,
נאָר ער — שוינ ניטאָ!

ער ווישט זיכ דעמ שטערנ
אונ סאפּעט זיכ אָפּ;
אונ שטימענ זיכ הערנ,
— מענדל, א קאָפּ!

א טײַנעג צעגייט זיכ:
— א באָד! אונ מע טראכט,
אינ באָד איז א פלייצע,
די גלאוונעסטע זאכ!

מע מוז זאלבעצווייט גיין...
אליין — איז פארלאָרן;
— אז גלאָוונע — ז׳די פלייצע
דער פאָרנט — איז גאָרניט!

און ווידער בא מענדלען
זיך דרייען אין קאָפּ:
סע נעמט ניט קיין ענדע,
סע נעמט ניט קיין סאָף!

אָט דאָ קוק, אָט דאָ זע,
אָט דאָרט און ארום:
סאָווכאָזן, קאָלכאָזן,
סע בליצט און סע ברומט.

ער זעט „ניט־געדיייגעט"
פון דאָ און פון דאָרט,
ווי ס׳רוקט און ווי ס׳שטייגט דאָרט
א דאָרף צו א דאָרף.

ער זעט, ווי סע שליסט זיך
א הויף מיט א הויף —
און ווירטשאפט מיט ווירטשאפט
זיך קייטלען צונויף.

און ווידער — א טראכט זיך,
ס׳א וולאסט! ס׳א מעלוכ!
ס׳איז גוט אפן הארצן
און כאפט עס דער רועכ!

— — — — — —

האָט מען געגריייגערט
און מ׳האָט זיך געשפּאַרט —
אין דאָרף „ניט־געדיייגעט"
א גאנציינקע נאכט.

ווער ס'דרייט און ווער ס'מאכט
אפ „ניין" און אפ „יאָ",
— צעביײַט פאר א נאכט
א פינפערל יאָר!

נאָר ראָנדעל רעדט וויַיטער
די אָטעמס — קיין ריר, —
— מע וועט אים צעבײַטן
אפ יערעלעך פיר!

— נו, דו גענאַרניק! נו,— זיך געריהרט!—
פאָרט מענדל מיט פערד זײַנס פאַרבײַ דעם געריכט.

הערט ער — ס'איז פריילעך. מע רעדט אַזוי הויך,
גיט ער אַ קיצל די שקאַפּע אין בויך:

— אָט אַ כאַראָבע! פּונקט זי פאַרשטייט,
אַז אָפּשטעלן דאַרף זי זיך. בלײַבן דאָ שטיין!

נו, שקאַפּקעלע — אויס, נו, שקאַפּקעלע — אײַן,—
איז מענדל אַזוי אין געריכט־הויז אַרײַן.

דעם שטויב פון עם שטערן געטאָן זיך אַ וויש,
און אָט זײַנען בענקלעך און אָט איז דער טיש!

גיט אַף זיך מענדל דעם גורט אַ פאַריכט —
אָט איז דער אוילעם און אָט — דאָס געריכט!

אַ רויטע שטיק ציץ — בײַ דעם ברעג ניט־געזוימט,
איז קנייטשט זיך דער ריכטער און שמייכלט אַזוי.

און שמייכלדיק, שלאָגט ער דאָרט איבער:— אין פלוג,
איז קלאָר, בירגער קיווע. איז קלאָר שוין גענוג!

איז זעצט זיך. געהערט שוין. געהערט שוין פון לאַנג,
נו, זעצט זיך, איך בעט אײַך — אָט דאָ אױף דער באַנק! —

— ס'איז שיין, טראַכט זיך מענדל. ס'הייסט: — נאַ דיר אַ שטול
און סעק דיך אַ דונער און שאַ און ניט דול!

ס'איז שיין. ס'איז אַ קאָוועד. דאָס הייסט, ווי סע פּאַסט
פאַר ניט נאַטעבי גלאַט, אַזוי זיך אַ גאַסט.

— איז וואָס־זשע — פרעגט מענדל זיך, קומט עס דאָ פאָר? —
— וואָס הייסט? — גיט אים איינער פון זײַט אַ פאַרפאָר? —

אַף קיוועג! וואָס פרעגסטו? וואָס הייסט וואָס ער האָט?
ער האָט דאָך געקוילעט, געקוילעט דעם סקאָט! —

האָט מענדל באַקוקט דאָרט פון ברעג ביז צו ברעג.
און אַלעמאָל שטיל זיך בײַ איינעם געפרעגט:

— און ווער איז אָט דער? און ווער איז אָט דאָרט?
איז זי, הייסט, אײַניינעם מיט אונדז, מיטן דאָרף?

ס'האָט פריר „ניט־געדײַגעט" דערלאַנגט אַ פּאַפּיר:
— אים געבן דעם וועג און אים ווײַזן די טיר.

נ'אַז ס'גיט זיך דאָס דאָרף אַזאַ זאַמל צונויף:
פון ווו נאָר אַ ווירטשאַפט, פון ווו נאָר אַ הויף,

און מע גיט זיך אַ זעץ און מע גיט עס אַ שרײַב:
„אין רײַוויספּירקאָם" — און מע רעדט און מע שרײַט,

און מיר, ניט־געדײַגעטע פויערס אָט דאָ,
סטווערדיען — פון אים איז קיין פאַלזע ניטאָ,

ניטאָ אַף אַ לעק און ניטאָ אַף אַ האָר,
ס'זאָל אונדז געראָטן אַזוי הײַנטיקס יאָר!

ס׳אוא נעלעמענט, אָט דער גרינשפּאָן קיווע,
איז האָט ער גענומען, געקוילעט די קיִען...

און מע רעדט און מע שרײַט, אַז דער שווייעס אוש טריפט:
— איז אויסשליסן גרינשפּאָן פון קאָלעקטיוו!

נאָכאמאָל — גרינשפּאָנעס קיווען — דעם וורעד,
און וואָס ניט דערשריבן, איז דאָס ט׳מען דערעדט.

איז אָט מיר באשליסן, מיר לייגן אים פאָר:
— קיווע, פארנעם זיך און גיי זיך און פאָר!

מיר דארפן א פויער מיט ארבעט, מיט הענט,
און ניט גלאט אזוי זיך — אזא נעלעמענט!

אז דאָס, וואָס ער זאָגט, און דאָס, וואָס ער רעדט,
איז קעגן דער וולאסט און ס׳איז קעגן סאָוועט!

איז לייגן מיר פאָר דעם רײַויספּירקאָם
באשטיין אף דער זאך! ווײַל מע דארף און מע קאָן! —

און קיווע איז רויט און האלט א פאפיר
מיט שיינע געגרײַזלטע אויסיעס געפירט.

און ליינט און פארטײַטשט און פארטײַטשט דאָרט און ליינט,
און ס׳קאָן דאָך א קינד אין דער וויג עס פארשטיין.

איז שטייט ער, דער צעלניקער — שטייט בא דער זײַט
און קראצט אין דער באָרד זיך און טײַנעט און שרײַט:

— אז ס׳עקט זיך די וועלט, אז די וועלט לאָזט זיך אויס,
וואָס הייסט וואָס מע וואַרפט אים פון ווירטשאפט ארויס?

אנ אייגענעם מענטש! און א דאָרפס־באלעבאָס,
— אבײַשער זיי זאָגן — אז וועג און אז וואָס?

— איז ווער ?—פרעגט דער ריכטער זיך,—ווער זאָגט איר, טרײַבט.—
פּיערס! אָט די! אָט די פײַנינקע לײַט!

נישקאָשע! מע ווייסט שוין. מע קאָן דיך שוין גוט,
אז ס׳דרייט זיך ארום אפּנ דאָרפ א בערקוט!—

עס ברייטערט דער קרײַז זיך, עס שפּרייט זיך דער קאָנ
אונ ס׳רופט דאָרט צו קיווענ דער ריכטער זיך אָנ:

— בירגער! ס׳איז עמעס, דאָס דאָרפ וואָס סע טײַנעט?—
— עס הייבט זיך ניט אָנ! וואָס הייסט? סטײַטש?—

עס ווערט א געלעכטער אינ גאנצנ געריכט,
אונ מענדל צעפלאקערט זיך הייסער פונ ספּירט.

אונ ס׳טומלט דער אוילעם זיך:—לאָזט אים נאָר, לאָזט!
ער קאָנ דאָ נאָך אָנהייבנ שויפער צו בלאָזנ!—

אונ ס׳קוקט אפּ אים מענדל פונ ווײַט אזוי־אָ
אונ פינגער, ווי שויפער:—רעב קיווע, טקי־אָ־אָ!

האָ־האָ, פּאסקודניאקעס! רעב קיווע. האָ־האָ!
ס׳א וועלט א בעזבאָזשנע, רעב קיווע, טרר־אָ־אָ!

איז וואָס גייט איר באָרוועס? איר האָט ניט קיינ שיך?
איז ווענ וועט, רעב קיווע, שוינ קומענ מאָשיעך?—

אונ מענדל—א שמייכל, אונ מענדל—א שפּײַ,
ארויס פונ געריכט אונ אינ וואָגנ ארײַנ!

אונ א זאָג צו דעם פערד:—הייסט עס וואָס? די זוואניאָ?
איז, ברודער—דאווײַ! איז, ברודערל—וויאָ!

אונ גיט א פּארקערווע אונ גיט א פּארדריי,
אונ רעדט אָפּ דעם וועג דאָרט מיט זיך שוינ אליינ:

הייסט עס, מע ציילט אים אריַין דאָרטן — אוי:
— בּעראָכל און ביטכאָ — אזוי און אזוי...

ס'הייסט אזוי און אזוי און אהין און אהער,
און גיי, זאָגט מען, — גיי מיטן קאָפּ אין דער ערד!

שטיי איך און טראַכט זיך מיר, שטיי איך און שפּיַי מיר:
און אריע — ער דרייט זיך: — כ'וועל זאָגן א מיַימער!

— זאָג, טראכט איך, אריע, ס'איז ווידע. ס'א סאָפּ,
פּונקט ווי די ביינער אות פליש פון דער שאָפּ!

א מיַימער, א קיַי מיר, א יענץ און א דאָס,
— רעב קיווע דער אָקסענער שטאָט־באלעבאָס!

און ס'זאָגט דער גערי־כטער אזוי אים: — געַנוג!
זיצט, רעב אקיווע! געהערט. שוין. נו־נו!

און נאָך אזא וואָרט אים געזאָגט דאָרטן: — „פלוג",
— דער רוער ווייסט וואָס הייסט דאָרט, נו, כאַפּט אים — גענוג!

ס'הייסט: — קיווע, זיַי מויכל — אין דאָרף — דיַין זוואניאָ!
— איז, ברודער — דאוויַי, איז, ברודערל — וויאָ!

47

און אַף די סטעפּעס זיך שײַטערט,
ס׳ברענען אין שײַטער די טעג;
אַף ברייטע, אַף סטעפּישע ווײַטן
זיך איינזאַמט אַ קײוועך פֿאַרדעקט.

ציִען זיך סטעפּישע קלאָרן
אין שטילקײַט פֿון וואָקס און פֿון רו;
— אַ קײוועך באַוואַקסן מיט קאָרן,
אַ בערגעלע — ברויטיק און רונד.

רונד־אַרום בערגעלע דרייען זיך
ווינטעלעך היך און צוריק;
מיט אײביקן שלאָף מיט איינזאַמען
שלאָפֿט דאָרט אַ באָכער פֿאַרוויגט.

ווען קיינער ניטאָ שוין אין סטעפּ איז,
נאָר ווינטל — אַף אָפּרו פֿון גאַנג;
איז, דאַכט זיך — דעם קײוועך מע עפֿנט
און וועקן דאָרט טרויעריק־לאַנג...

און וועקן דעם באָכער געטראַנקיק,
און גלעטן זײַן וווּנדיקע האַנט,
און זאָגן אים: — ס׳גײען שוין טראַקטערס,
ווי פֿערד, אַף די סטעפּעס געשפּאַנט.

און רופן אים צריק אין די פעלדער,
און רופן אים צריק אפן סטעפ:
— ווער טרעט דען אריבער די שוועל דאָ?
— ווער טרעט דאָ אריבער די טרעפ?

זון אפ די סטעפעס זיך שפּײַטערט,
ברענען אין שפּײַטער די טעג;
אפ ברייטע, אפ סטעפּישע ווײַטן
זיך איינזאמט א קייווער פארדעקט.

דער קייווער דער ערשטער אין פעלד דאָ,
די ערשטע פארשניטענע גרוב;
ציִען זיך בייטן צעהעלטע
אין שטילקייט פון פּײַן און פון רו.

— — — — — — — —

ווען מענדל ט׳דערציילט „ניט־געדײַגעט",
אז ער, ביט־גאָט, דער נאגראָנאָם...
און ס׳טראָגט אים דאָס לײַב און סע שטײַגט דאָרט,
און אז מ׳איז שוין דאָ פון רײַקאָם...

איז האָבן זיך פויערס צעטעכערט:
— פאָלג מיך, ס׳איז גאָרניט, ס׳איז — האָרך!
ס׳איז, ביט־גאָט, אזא מין בישעכע,
איז אָפּשפּרעכן דארף מען און — גאָר!

— נ׳אבי ס׳זאָל אים נאָר זיך פארהיילן,—
האָט מענדל מיט טרייסט שוין געקרעכצט;
און אין איר, נ׳מענדעלעכעס, פאטשיילע
געבראכט אים א לעפל געקעכץ.

נידריק ז׳די סטעלי די טריבע
פון פויערשן שטיבל פון קליינעם;
ס׳האָט דער אגראָנאָם שוין געפיבערט,
און מענדל ט׳געקוקט און געוויינט...

אז אופהייבן זיך — ז׳אזוי שווער אים,
אז ס׳שנײַדט אים דער ווייטיק, ווי גלאָז;
זאָגט מענדל:— שטילער! ניט שטערן,
אָט וועל איך אים אופהייבן,— לאָזט!

— נו, טומיג. ס׳איז גרינגער די האנט דיר?—
פרעגט ראָנדעל אים שטילענקערהייט:
— זיבעצן טראקטערס געשפאנטע,—
גיט טומיג אפ זײַט זיך א דריי.

... וואָכן פון טרויער — פאריבער,
וואָכן פון פרייד — נאָך אין וועג...
— טומיג, טײַערער, ליבער,
ס׳אזעלעכע גאָלדענע טעג!

מע ווארט:— עס וועט אָנקומען טומיג,
מע ווארט:— און עס איז אזוי שפעט...
נאָר טומיג?—ער איז ניט געקומען,
מע זאָגט, אז ער ליגט שוין צו בעט.

דרייען זיך פויערס ארומעט
לעם שטיבל... דאָ בלײַבן מע וועט...
מע שאָרכט און מע שושקעט זיך:— טומיג...
און ראָנדעל אליין בא זײַן בעט.

בא טומיגען — ג׳בלוט א פארגיפטונג,
ג׳ט ראָנדעל די אויגן א ריס:
עס רײַסן זיך טרערן א טריפ טאָג,
און טומיג ז׳פאריזנעט אין היץ.

די לאנגע די האָר זײַנע שווארצע,
זיי זײַנען אפ קאָפ אים איצט שווער;
שושקעט זיך מענדל:— סע דאכט זיך,
אז גרינגער א קאפעלע ווערט...

נאָר ס׳האָט זיך דער דרויסן פאַרענדערט,
מיט קאַמפּערע שמעקט פון דער זון...
אָט וועט איר נאָך זען, טרייסט זיך מענדל,
אַז זײַן וועט ער מירטשעם געזונט!

אָט דאָס, וואָס די היץ פאַלט ניט אָפּ אים,
וואָלט סאָרצי דערוויילע געראָטן,
די קישן מ׳זאָל העכער — צוקאָפּנס,
ס׳איז גרינגער צו כאַפּן דעם אָטעם.

ניטאָ איז אין דאָרף קיין איַז,
ניטאָ איז אין דאָרף קיין פּוכיר —
די דאָקטערשע דרייט זיך אין ווײַסן,
און סאָרצי שטייט בײַ דער טיר...

— דאכט זיך — געעפנט די אויגן —
גיט ראָנדעל שטיל אַזאַ רוף;
און אַלע שוין — איבערגעבויגן,
און אַלע שוין רינגלען אַרום...

... עס האָט אים אַזוי... נאָר געדאַכט זיך,
גיט מענדל צו יעדן אַ מאַך;
די לאַנגע האָר זײַנע שוואַרצע
פאַרדעקן זײַן פּאָנעם מיט נאַכט...

ברומט צו דער דאָקטערשע מענדל:
— דאָקטערשע! קומט נאָר! שוין!
ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרענדערט,
ס׳איז עפּעס ניט... אַזוי...

און שטיל איז אין שטיבל געוואָרן,
דער כוילע ט׳זיך, דאַכט זיך, פאַרטײַעט;
פאַרציִען זיך סטעפּישע קלאָרן,
פאַרציט זיך די סטעפּישע ווײַט.

אז עמעצנ, דאכט זיכ, דערקאָנט ער...
עס גלײַכנ זיכ פֿינגער — צענומענ...
אונ ס'בייגט אונ ס'דערווײַטערט זיכ ראָנדעל,
אונ ס'בעט בא אימ ראָנדעל זיכ: — טומינ!..

אונ פּלוצימ אינ וואנט זיכ פֿארהאקט ער,
נ'א הויב מיט געשריי אזוי שווער:
— לייגט מיכ ארופֿ אפֿ א טראקטער!
אונ פֿירט מיכ ארויס אפֿנ פֿעלד!..

... וואָכנ פֿונ טרויער — פֿאַריבער,
וואָכנ פֿונ פֿרייד — נאָכ אינ וועג...
— טומינ, טײַערער, ליבער,
ס'אזעלעכע גאָלדענע טעג!..

אונ אפֿ די סטעפּעס זיכ שפּײַטערט,
ס'ברענענ אינ שפּײַטער די טעג,
דורכ ברייטע, דורכ סטעפּישע ווײַטנ
זיכ איינזאמט א קיווער אינ וועג...

48

טײַען טויען, טײַען טענער,
טרײַבע טעג אין טרויער טרענקען, —
טוט דען ווער דעם טאָג ניט אָן דאָ,
ווי א העמד זיך אפן לײַב?
אפן דאך בא דער אנטענע,
צווישן דראָטן, צווישן צווענגלעך
איז געשטאנען כאוועד ראָנדעל
און זיך אײַנגעשרויפט אין ווײַט.

„ניט־געדײַגעט״ אײַנגעשלאָסן
האָט דאָרט ראָנדעל דורך דער ראדי
צו די זידעוודיקע הויפטשטעט
פון דעם פלאקערדיקן לאנד;
— אָט וועט עס א טריפ טאָן מאָסקווע,
— אָט וועט עס א גיי טאָן כארקאָוו,
און א מיש טאָן און א רויש טאָן
וועט זיך ס׳דאָרף מיט זיי באנאנד.

ס׳גאנצע לאנד אין „ניט־געדײַגעט״,
גאנצע וועלט אין „ניט־געדײַגעט״
דורך די דראָטן איבער ווײַטן
זויגן איצט א דערפל אָן;
שטייט דאָרט ראָנדעל, שטייט און שטײַגט דאָרט,
און דורך דראָטן, ווי דורך טרײַבלעך,
טריפט זיך בלוט קיין „ניט־געדײַגעט״,
בלוט און קראפט און „נאָך״ סע מאָנט.

ס'גיסט זיך בלוט אין יונגע לעבנס,
דראנג און דרייסטיקייט פארטרענקען,
ס'טוט אין קראפט א סטעפ זיך אָן דאָרט,
און דער טאָג פון טרויער טייעט;
און מיט ראָנדלען שטייט דערנעבן
סאָרצי צווישן דראָט און דרענגלעך,
שליסט זיך איין אין האָריזאָנטן,
שליסט זיך איין אין גאָר דער ווייט.

ס'זיינען סטעפעס עפעס ברייטע,
און די ברייטקייט איז נאָך נאַקעט,
שארפער זיינען האָריזאָנטן,
און דער אומעט — שארפער שניידט;
אז מיט ערשטקייטן נאָך ווייט דאָ,
אז א פיין אזא מאראקעט,
טוליעט סאָרצי זיך צו ראָנדלען
און זי ווייזט אים אָפ דער ווייט:

— דער ארום איז אזוי ברייט דאָ,
דער ארום איז אזוי פריי דאָ,
אזא גרויסער, אזא הוילער,
אזא שטילער, — ראָנדעל, זאָג!
— ווען וועלן שוין רוישןביימער
דאָ בא אונדז אין „ניט־געדייגעט"—
אזא טרויער גייט פון מויל איר
און פון לייב — אזא מין נאָג...

ס'זיינען אירע אויגן בלוי פון
יונגער בענקשאפט און פון אומעט,
און פון גאנצן „ניט־געדייגעט"—
אָטעמט זי אָפ ראָנדלען הייט:
— ס'ווילט זיך מיר אזוי איצט לויפן
צווישן גראָזן, צווישן בלומען,
צווישן ביימער, צווישן צווייגן,
— נו, פארציי מיר, ראָנדעל, — כ'ווייס?

— ס'איז דאָ נאָך אזויפיל איימע,
גיב א קוק אדאָרט, אָט דאָ זע,
קוקסט אהערצו, קוקסט אהינצו,
'הויל איז דאָ פון זוים צו זוים;
— ראָנדעל, כ'וויל, ס'זאָל וואקסן ביימער,
— ראָנדעל, כ'וויל, ס'זאָל וואקסן גראָזן,
ס'זאָל דאָ וואקסן, ס'זאָל דאָ גרינ זיין,
ראָנדעל, פול! אסאך! אזוי! —

אזוי שטיל אינ סטעפּ געוועג איז,
אזא רויקייט פון וויַיט גייט,
ס'הערט זיך סטעפּ אינ יעדנ וואָרט איינ
און פארנעמט איעדנ קלאנג;
און עס דאכט: — צו דער אנטענע
מיט די וויַיטנ אָט־א דאָרטנ
וועט דער סטעפּ פון „ניט־געדייַגעט"
א געשריי טאָנ איבער לאנד:

— סע וועט וואקסן! סע וועט וואקסנ!
ס'וועט דאָ וואקסנ ביימער גרינע!
ס'וועט דאָ וואקסנ גראָזן הויכע
און ס'וועט רוישנ מיט געזאנג! —
און דאָס הארצ בא סאָרצינ האקט זיך,
און די בלוטנ אירע פינען, —
ס'איז דער קאָפּ בא איר צעטויכעט,
ראָנדלענ העלפט זי און דערלאנגט...

אָט האָט זי א שטיקל ציצנס
פון אנ אלטער העמד צעריסנ
און זי וויקלט א פארשעמטע
און זי פרעגט בא ראָנדלענ: — דארפסט?
... כ'האָב אפ ווינדעלעך געהיט זי...
ראָנדעל... אָט־אָ די־אָ... העמד־אָ... —
און מיט וואָרעמקייט מיט פליסיקס
ענג באגיסט זיך איר דאָס הארצ.

שמייכלט סאָרצי — א צעבליטע:
— כ'וועל שוין גיכן זײַן א מאמע...
כ'פיל אין זיך שוין עפּעס שטײַגן.
סע קאָמאנדעוועט שוין... און...—
און פארקוקט זיך, און אינמיטן
גיט זי נאָך אזא מין שטאמל:
— אין א גרינעם „ניט־געדײַגעט"
זאָל ער קומען אונדזער זון! —

ס'לײַכט צו איר א אינדערפרי נאָך,
זי איז פול און אָנגעזאמלט,
זי איז פול און אָנגעזעטיקט,
און זי גיט צו אים א שמוך:
— הערסטו, ראָנדעל, אין א גרינעם,
א צעבליטן, אין אזא מין,
פול מיט ביימער און מיט סעדער,
אז ס'זאָל כאפן עס דער רועך! —

ג'ראָנדעל דרייט זיך מיט די דראָטן,
ענטפערט סאָרציג מיטן האמער:
— וואָס? ער הוליעט? — זאָל ער הוליען!
פלאנצן ביימער וועט מען אויך!
א געראָטעניש ט'געראָטן,
דו וועסט, סאָרצי, זײַן א מאמע,
א מאמײַלע, א מאמוליע,
און ס'וועט וואקסן גרויס און הויך.

יונג זײַנען מיר ביידע, שטארקע,
און בא אונדז אין „ניט־געדײַגעט"
וועסטו זײַן די ייִנגסטע מאמע
און די ערשטע, צו געזונט!
און א זון וועט זײַן אזא מין,
און א זון וועט זײַן — א טײַנער,
ביימער וועט זיך גלוסטן וואקסן,
קוקנדיק אַף אונדזער זון!

און אצינדער איז געענדיקט.
די אנטענע פעסט און שטארק איז.
קום אראפּ און נעם די רערלעך,
און דער ווײַט — א גוטן טאָג;
— ווארט. כ'וועל נעמען אָפּ די הענט דיך
און מ'עט גיין אביסל הערן,
וואָס מע רעדט עפּעס אין כארקאָוו,
און וואָס מאָסקווע עפּעס זאָגט!

ביבליאָטעק „יידישע שרייבער“

		פרייז	פרייז פאר אבאָנענט
1.	קושניראָוו א. — חירש לעקערט	1.—	—65
2.	בערגעלסאָן ד. — מידאס האריז	2.10	1.65
3.	שאָלעם־אליינכעם — יידישע ראָמאנען	1.80	1.45
4.	מארקיש פּ. — ברידער	2.75	1.70
5.	אָפּאטאָשו י. — 1863	2.—	1.55
6.	מענדעלע מ״ס — פישקע דער קרומער	1.35	1.35
7.	אבטשוק א. — הירשל שאמיי	2.70	2.—
8.	רייזען א. — דערציילונגען	2.60	2.—
9.	אָרלאנד ה. — הרעבליעס	2.10	1.65
10.	גאָדינער ש. — פיגורן אפן ראנד	2.05	1.60
11.	דער ניסטער — געדאכט	2.70	2.10
12.	יאָפּע י. — אין גרויסן בעם-הויז	1.90	1.50
13.	דינעזאָן י. — יאָסעלע	—90	—90
14.	פינסקי ד. — געקליבענע ווערק	1.40	1.25
15.	ווארשאווסקי א. — שמוגליארס	2.15	1.85
16.	דאניעל מ. — יוליס	1.05	—85
17.	וויסנבערג י. מ. — געקליבענע ווערק	1.50	1.40
18.	כאריק אי. — לידער און פּאָעמעס	1.50	1.40
19.	שאָלעם־אליינכעם — מייסעס און געשיכטעס	2.25	2.25
20.	פעפער אי. — געווען	2.60	1.50
21.	פינינבערג ע. — די קריגן דויערן	3.20	1.50
22.	מענדעלע מ״ס — מאסאָעס ביניאָמען האשלישי	1.05	
23.	מארקיש פּ. — ניט געדייגעט	1.05	1.05